STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06328

FREYD FUN YETSIRE

Ezekiel Brownstone

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראָנשטיין

*

פרייד פון יצירה

יחזקאל בראָנשטיין

פֿרייד פֿון לעבן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1968

THE ZOY OF CREATION
by EZEKIEL BROWNSTONE

יחזקאל בראָנשטיין / פרייד פון יצירה

צייכנער: ב. מלחי

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©
Copyright by E. Brownstone
1713 No. Orange Grove Ave., Hollywood, Calif. 90046

נדפס בישראל תשכ"ח
Printed in Israel 1968

דפוס „אורלי" תל־אביב, טל. 32062

גewidmet דעם אָנדענק פון מיין ברודער:

ד״ר מענדל בראָנשטיין

1892 — 1964

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון
חברים לכבוד דעם 70־יאָריקן געבוירן־טאָג פון מחבר.

קדיש נאָך מיין ברודער

מנחם־מענדל

בן אהרן־משה וצפורה בראָנשטיין ז״ל

א

נעם מיך מיט, מיט זיך אין קבר,
לאָז מיך רוען ביי דיין זייט —
ווייַנט אין מיר מיין יעדער אבר,
ווייַנט מיט ווייטיק, ווייַנט און שרייט.

ס'איז מיין לעבן וויסט און פינצטער,
קיינמאָל טאָג נישט, תמיד נאַכט.
און דיין שאָטן — תמיד זיצט ער
איבער מיר און שווייגט, פאַרטראַכט.

מיינע אויגן זענען טרוקן,
בלינד צום לעבן פון אַרום.
כ'שטיי פאַרגולמט, מיט דעם רוקן
צו דעם, וואָס קוקט אויף מיר זיך אום.

כ'לאָז זיך פון דער נאַכט בלויז פירן
צו דיין קבר אין דער ערד,
ווו איך אַליין וועל אויך פרירן,
ווי ס'איז דיר שוין איצט באַשערט.

ב

אין דעם טאָג פון דיין פטירה
לעשט זיך אויס אין מיר די גבורה
פון אַ שלאַכטמאַן אויפן פעלד.
מיט אַ שווערן קאָפּ, געבויגן
און מיט טרערן אין די אויגן,
פיבער איך פון היץ און קעלט.

עס בייטן זיך די טעג און יאָרן,
פאַרווישן דאָ די אַלע שפורן
פון דיין לעבן אויף דער ערד.
און כאָטש איך גיי אַרום אַ מידער,
איך שפיר דיך אין דעם רייץ פון לידער
וואָס איך האָב פון דיר געהערט.

דיין געזאַנג וואָס איז פאַרבליבן,
איז פון דיר מיט בלוט פאַרשריבן
אין דעם האַרץ פון דעם וואָס לעבט.
און איך, וואָס בין פאַרטרויערט איצט,
האָב דיין געשטאַלט אין זיך פאַרקריצט,
אין מיין ליד אַריינגעוועבט.

זאָג איך קדיש איצט אין לידער
מיט די שוועסטער און די ברידער —

יתגדל ויתקדש!

זאָל דיין נאָמען לייכטן תמיד
אין די לידער — אַ נר תמיד.

יתגדל ויתקדש!

פרייד פון יצירה,
פון לעבן די פרייד —
אייביקט מיט גבורה
אין שיינקייט פאַרקליידט,

וואָס שלאָגט פון די קוואַלן
פון לעבן אַרויס,
אין פריידיקן שאַלן
מיט פרייד, וואָס איז גרויס.

יחזקאל בראָנשטיין

שרייבער און ביכער

דער חלום וואָס איז מקוים געוואָרן

(„אין שאָטן פון מיין בוים" פון ה. רויזענבלאַט)

(צו דעם 65־יאָריקן יובל פון זיין פּאָעטישער התגלות)

עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז דעם פּרינציפּ פון געדענק און נישט פאַרגעס, וואָס מיר ווענדן אָן אויף אונדזער כּלל, זאָלן מיר זיך אויך אויס־לערנען אָנצווווענדן אויף דעם פּרט. באַזונדערס — אויף אונדזערע קינסט־לער, וואָס האָבן אונדז באַדינטביים לעבן, באַרייכערט אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע און הינטער זיך איבערגעלאָזט ווערטפולע און דויער־האַפטע ווערק, ווי זייער יחידישן צושטייער צו אונדזער אַלגעמיינעם קולטור־אוצר, די ליטעראַטור און אַלע אירע פאָרמען אַריינגערעכנט.

צוליב דעם, וואָס עס איז געוואָרן 65 יאָר, אַ גורלדיקע דאַטע אין דעם לעבן פון אַ דיכטער — זינט מיין בן־עיר — דער פאַרשטאָרבענער דיכטער ה. רויזענבלאַט האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע צוויי לידער אין „פאָר־ווערטס", דעם צווייטן יאַנואַר 1900, אונטער דער רעדאַקציע פון משה קאַץ, ווילט זיך מיר דאָ אַ טראַכט טאָן אין דער הויך וועגן אים און זיינע פאַר־דינסטן פאַר אונדזער דיכטונג.

פון דער היפּשער צאָל לידער־ביכער, וואָס רויזענבלאַט האָט אונדז איבערגעלאָזט, איז מיין האַנט געפאַלן אויף זיין בוך אין שאָטן פון מיין בוים. וועל איך אַט דאָס בוך זיינס פּרווון אַרומריידן, אין דעטאַלן.

די אָריגינעלע שליחות פון רויזענבלאַטס ליד האָט אונדז געדינט ווי אַן איבערגאַנג פון פּרימיטיוו־נאַיוון און טענדענציעזן ליד, צו דעם דורכ־אויס קינסטלערישן ליד, וואָס ער אַליין האָט זיך באַמיט אָנצויאָגן און ביי אַ גאָר טיפן עלטער, עס טאַקע דערגרייכט.

דער אַריינפיר פון ה. רויזענבלאַט צו זיין בוך אין שאָטן פון מיין בוים, א"נ וונדערלעך וואָרט, אַ מין אני מאמין, ווי ער רופט אָן זיין פאַרטיפטן עסיי — דינט אונדז דאָ ווי אַ שליסל צו זיינע אָנשויונגען, אין שייכות מיט זיינע שפּעטערישע עבודות.

ווי אַ דענקנדיקער פּאָעט און מענטש, האָט ער געזוכט... די סטעזשקע צום סודותדיקן, וויסנדיק, אַז דאָס וואָס איך זוך, וועל איך קיינמאָל נישט געפינען...

רויזענבלאַט ווייזט דאָ אָן, אַז די חבלי לידה פון אַ דיכטער זענען „זיין סוד". דער אָבער וואָס באַדאַרף געניסן פון דעם דיכטערס ווערק, ...איז נישט מחויב אויסצושטיין דעם דיכטערס געבורט־ווייען... און אַז דער וואָס שאַפט ...איז מחויב, ווי דער בוים, צושטעלן די פּירות זיינע, רייף און צייטיק.. און אַז ...אין דער פולער הנאה פון פאַרשטאַנען ווערן, ליגט דער שכר פונעם וואָרט־קינסטלער...

צוליב אָט דעם אני מאמין זיינעם, באַטאָנט ער — ...האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ אויפן פּשוטן וואָרט, אויף דער קלאָרער שורה, אויף דער גאַנצקייט פון ליד... וואָס ער האָט ערלעך אויסגעפירט און מקיים געווען.

דאָס האָט ער דערגרייכט.

רויזענבלאַט גראָבט דאָ ווייטער און טיפער.

אין זיין אויסטענהן זיך מיט דער קריטיק, דערשלאָגט ער זיך צו דעם געדאַנק, אַז —

...ניט אָפּשפּיגלען... איז דער קינסטלער מחויב די וועלט, נאָר זי אַרויסשפּיגלען פון זיך מיט אַן אייגענער אַרויסשטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג... און אַז ...דער וואָרער פּאָעט זעט מיט אַן אינערלעך פאַרבאָרגן אויג די וועלט, ווי זי באַדאַרף זיין..

און דאָס האָט רויזענבלאַט אויך, אין די שפּעטערישע יאָרן פון זיין שאַפן — דערגרייכט.

שוין אין דעם ערשטן ליד זיינעם דאָ, דאָס ליד פון קליינעם אות, שלאָגט רויזענבלאַט אָן דעם טאָן פון אַ זעלטענעם בעל חלומות — אַ פּאָעט וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעפּאָקט און אָפּגעמאָזלט — און ווייסט באַשטימט, וואָס ער וויל.

זיין פאָדערונג און מאָנונג פון זיך איז:

בענק אויס פאַר זיך אַ שיינע וועלט
און לויב, און גלויב אין איר.

וואָס איז אַן יעדן ספק בכלל אַ מוז, פאַר יעדן בעל חלומות אַן אויסנאַם, און דינט אים ווי אַ סטימול צו אַ ווייטערדיקער און העכערער אַנטוויקלונג און דערגרייכונג פון זיין ליד.

דער שפּיל פון קאָנטראַסטן איז דאָ רייצנדיק שיין, שכלדיק, שפּילעוו־דיק און דער עיקרשט — תוכיק:

דער עושר זאַמלט געלט און גאָלד,
דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט,
און איך געפין מיין שענצטע פרייד
גאַר אָפט... אין קלענצטן וואָרט.

אָט דער חלום פון יעדן פּאָעט, וואָס איז עכט אין זיין דיכטונג, איז געווען און אויך פאַרבליבן דער חלום פון ה. רויזענבלאַט, וואָס ער האָט אוממיטלבאַר דערפּירט מיט ברען און התלהבות אין זיינע ווייטערדיקע, נאָכקומענדיקע דיכטערישע עבודות.

צוליב אָט דעם חלום זיינעם איז נאַטירלעך, וואָס —

אין רייכן פּאַלאַץ, טייער האַרץ,
וועל איך נישט קענען שלאָפן,
כ׳וועל האָבן אַלצדינג, וואָס איך וויל,
נאָר נישט די פרייד פון האָפן...

ווייל אַן דער פרייד פון האָפן און שאַפן, גלויבן און אַפילו ספיקות, זענען פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון יצירה, פאַר יעדן שעפערישן מענטשן. צוליב דעם —

בין איך קיינמאָל נישט געווען אין וואלד,
קיין אוצר נישט געפונען.
געחלומט פון אַן אוצר און...
אַ ליד זיך אויסגעשפונען.

דערביי גיט ער אָבער שטיפעריש צו, אַז —

אַן אוצר האָב איך אָבער פאָרט! —
אין וואַלד ביי זיך אין האַרצן.

וואָס איז דער נאַטירלעכסטער אורשפּרונג פון די זעונגען זיינע, וואָס שטילן זיין דורשט און זענען אין אים גורם, ווי אויבן דערמאָנט — דאָס אַרויס־שפּיגלען פון זיך דאָס שיינקייט פון דער וועלט ...מיט אַן אייגענער אַרויס־שטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג...

רויזענבלאַטס גאַנג און וועג אין אונדזער דיכטונג, איז נישט געווען קיין גרינגער. צוליב דעם אפשר אַליין, האָט ער שפּעטער אַ סך דער־גרייכט. און דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין אונדזער דיכ־טונג אין אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען די טענדענץ און פאָרעם פון אונדזער דיכטונג האָט זיך אינטענסיוו גענומען בייטן, און כמעט ווי געצוווּנגען אונדזער קריטיק צו רעווידירן אירע אייגענע אָנשויונגען און נאָכצופאָלגן די אינאָוואַציעס פון אונדזער פּאָעזיע, איז רויזענבלאַט געווען אַ קרבן פון יענער אכזריותדיקער קריטיק, וואָס האָט אים דאַן געשטעמפּלט ווי אַ פּאָעט וואָס „פּראָזעט פּאָעזיע״, לויט ש. ניגערס היפּאָטעזע, וואָס האָט אים, רויזענבלאַטן, בלויז צייטווייליק אַ ביסל צעטומלט. גליקלעכערווייז אָבער, האָט עס אויף אים געהאַט אַ פּאַרקערטע ווירקונג — צום בעסערן.

רויזענבלאַט האָט דאַן מיט זעלטענעם געדולד און פּלייס, נאָכגעפאָלגט די בייסטע שטרעמונגען אין אונדזער דיכטונג; פון איר גאָר אַ סך גע־לערנט און ער האָט גלייכצייטיק צוגעפּאַסט זיין אייגן ליד, צו די זיך אַלץ מער באַנייענדיקע פאָרמען פון אויסדרוק. ער האָט טיילווייז אַפילו מקריב געווען זיין נייגונג צום גראַם. זיין ליד באַנייט און אויפגעפרישט מיט דעם אָנווענד פון דעם פרייען פערז, וואָס האָט אים בהדרגהדיק אַ שטויס געטאָן צו דורכויס נייע דערגרייכונגען און אים אומבאַמערקט אַריינגערינגלט אין דעם שטראָם פון די ווייטסטע און נייסטע דערגרייכונגען פון אונדזער דיכטונג אין פאָרעם, אויפהיטנדיק אין זיך גלייכצייטיק די פּשטות פון זיין לשון, וואָס איז געווען און פאַרבליבן אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף, ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

מיט דעם זעקסטן חוש פון אַ דיכטער — אַ זעער, איז ער וואַכזאַם צו אַלץ וואָס איז אַרום אים, איבער אים און אין אים. צוליב דעם זיין ליריש געזאַנג, ווען —

ביינאַכט, עס וויינט אַ קינד
ביים שכן דאָ דערנעבן.
איך ליג און הער זיך איין:
דאָס וויינט אין מיר מיין לעבן.

רויזענבלאַטס ליד, וואָס איז געוויינלעך אַדורכגעזעלט פון קאָנקרעטע בילדער אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, פיבערט אָפט מאָל אויך אויף מיט סימבאָלן, וואָס גיבן זיי צו דעם רייץ פון אַ סודותדיקער באַהעפטונג מיט דעם אין־סוף.

אין זיין נאַראַטיווער פּאָעמע „מיינע זיבן גוטע אורחים", זינגט ער למשל אַזוי:

כ'צינד אָן לכבוד אים די לייכטער,
שטעל וויין, לייג חלה, פלייש און פיש.
מיר מאַכן קידוש, זינגען זמירות,
און גאָט זיצט צווישן אונדז ביים טיש.

אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם, בצימצום, איז דאָ אַנגעוואָרפן אַ שטייגעריש בילד פון יידיש לעבן, מיט אַ גאַר גרויסן עודף. גאָט, וואָס זיצט צווישן אונדז ביים טיש.

צוליב דעם דער אויפזינג פון אַ דיכטעריש, סימבאָליש־געזעענעם אמת:

און דאָס, וואָס דו וועסט זען — פאַרנעם און גלויב,
וויל יעדע זעונג, אַנונג, חלום, רמז —
איז דאָס, וואָס האָט געזאָלט געשען און נישט געשען —
אַליין דער חלום בלויז... דער חלום נאָר איז אמת.

אין דעם זעלבן גייסט איז געשריבן זיין „ליד פון אַלע לידער", וואָס אָטעמט מיט דער מיסטעריע און איידעלער אויפפאַסונג פון וואָרער דיכטונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עכטקייט פון ליד ביי יעדן עכטן פּאָעט, וואָס פראַוועט נישט קיין פּאָעזיע, נאָר שאַפט זי, מיט דעם כוח פון אַ זעקסטן חוש.

ווען רויזענבלאַט זינגט וועגן דעם, אַז „ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער", נאַטירלעך אין אַ סימבאָלישן זין — זאָל מען אים גלייבן.

זיינע זעלטענע גראַטענע לידער און פּאָעמעס, וואָס ער האָט געשריבן אין אַ שפּעטן עלטער, באַשטעטיקן עס דעמאָנסטראַטיוו.

זיינע נאַראַטיווע פּאָעמעס און באַלאַדן זענען געשריבן אין אַ זעלטן קלאָרן סטיל. זיי רייצן דייך פאַנטאַזיע און זיי האַלטן דיך געשפּאַנט לאַנג נאָך דעם, ווי דו האָסט זיך אָנגעזעגנט מיט זיי.

„היימיש ברויט״, אַ מעשה וועגן אַ שוסטער״, „ספר חלומות״, „ספרים״, זענען נישט נאָר קלוג פּאַרטראַכט און קינסטלעריש שיין אויסגעפירט, נאָר זיי אָטעמען בכלל מיט דער רייפקייט פון אַ פּאָעט, וואָס האָט גאָר אַ סך געבלאָנדזשעט און אַ סך מער געוווּנען, אַ היפּש ביסל שפּעטער אין אַזאַ עלטער, מיט וועלכער ס׳איז בכלל שווער צו קאָנקורירן און איז אין אַלגע־מיין געווען איבערראַשנדיק מיט דער פרישקייט פון באַניייונג, וואָס וועט אַלע מאָל דערמאָנען אַ דיכטער אין אַ דויערהאַפטיקן טאָגן.

די פּאָעמע „אין טאָל פון די בלינדע״ אונטערשטרייכט צום וויפלטן מאָל, זיין קלוג זיין און זעלטענע פעיִקייט צו פאַרוואַנדלען זיינע חלומות אין דער וואָרסטער דיכטונג.

אדרבא, הערט אויף טשיקאַוועס, ווי אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער ספּראָוועט זיך, ווי ה. רויזענבלאַט וואָלט זיך אַליין אויסגעדריקט אין שייכות מיט אַזאַ אַקט פון יצירה — אויף אַזאַ טעמע:

דער חלום מאַכט דעם מענטש צום נאַר,
קרימט איבער גאָטס יצירה.
נאָר איך, דער נאַר פון ליד, איך זע
אין חלום נישט קיין סתירה.

איך חלום טאָג אַזוי ווי נאַכט,
ווייל וואַכן וואַך איך זעלטן.
אין חלום בין איך גאָט צוגלייך:
איך בוי... מאַך חרוב וועלטן.

זאָל זוכן ווער ס׳וויל דעם תוך און דעם תמצית.
פאַר מיר — די והותר די בלינדע חלומות.

און טאַקע דערפאַר, וואָס ער זעט נישט אין חלום קיין סתירה, גיט זיך אים בכלל אין דער לירישער אויפזינג פון זיין טעמאַטיק, וואָס גיט

זיך אונטער זיין געבענטשטער פעדער, און אויך אַ דאַנק דער אינטענסיוו־קייט פון זיין באַמיִונג, לאַנגיאָריקער דערפאַרונג פון שאַפן וואָרע דיכטונג, האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער גדולה פון פראָמינענץ אין אונדזער היינט־צייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון.

זיין פאַרליבט און פאַרגלייבט זיין אין זיין ליד, באַהערשט אויף אַזוי פיל זיין מענטאַליטעט, אַז אין אַלץ זעט ער דעם געבורט און דעם אויפלויכט פון אַ ליד. אַפילו אין זיין געזאַנג וועגן אַ גריל, דערזינגט ער זיך צו דער השערה, אַז —

איך ווייס: פאַרטאָג וועל איך געפינען
אין ליכט פון קאַרשנבוים אַ ליד...

אַזוי פאַרענדיקט זיך אויך זיין סימבאָליש ליד א. נ. „דאָס פאַרשעמטע בגד״, מיט דעם אויפזינג:

און איך, וואָס שלאָף נישט אָפט ביינאַכט,
באַזינג דאָס אין אַ ליד.

רויזענבלאַט פילאָזאָפירט צומאָל אויך אין זיינע לידער איבער דער מיסטעריע פון דעם לעבן, דעם זין דערפון און אויך פון זיין באַשעפער. אַלע מאָל איז ער באַוווסטזיניק וועגן דעם. ער לאָזט זיך אַפילו נישט נאַרן פון טרייסטנדיקע אילוזיעס. צוליב דעם זיין געזאַנג פון באַשערטקייט:

איך האָב דיך אומעטום געזוכט.
ביסט אומעטום געווען.
נאָר איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל נאָך
דיין פנים נישט געזען.
צו שאַרף דיין ליכט... דאָס פייער האָט
מיין ראיה מיר פאַרצערט.
כ׳בין בלינד... נעם גאָט מיין האַנט און פיר,
וווהין ס׳איז מיר באַשערט.

דאָס איז דאָס געזאַנג פון חכנעה אין דעם פּנים פון דיין באַשעפער.

רירנדיק ביז גאָר און ווייט פון זיין באַנאַל דורך דעם אָנווענד פון דער קללה, ווי עס האָט זיך באַשטעטיקט ביי גאָר אַ סך פון אונדזערע פּאָעטן — זענען דאָ רויזענבלאַטס לידער, א. ב. „מים המאררים”.

דאָ קומען צום אויסדרוק גרויס־יידישע מאָטיוון, אויסגעווייטיקטע אויף דער פּאַן פון לירישע איבערלעבונגען.

טראַגיש ביז גאָר איז דער תוכן פון דער פּאָעמע „משה אויף דעם באַרג נבו”, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק די ליכטיק־טראַגישע פיגור אין אונדזער געשיכטע, דער נביא הנביאים — משה.

אין „על הניסים” ווערט געשילדערט אויף גאָר אַ צימצומדיקן אופן ...דער נס פון אַלע ניסים... וואָס גיט זיך דיר איבער אין רויזענבלאַטס וווּנדערלעכן סטיל און ריטעם פון פּשטות, מיט דער פרייד פון האָפענונג און בענטשונג.

איצט נידער איך אַרונטער צו דעם אַלטן שמיד,
וואָס דרימלט לעבן פייער, מחמת דעם וואָס ער איז מיד,
איך זאָג צו אים: שטיי אויף! שמיד איבער מיר מיין ליד
אין אַ זינגענדיקן אַקער.

דאָס איז די זעונג פון נביא ישעיה, פאַרתפילהט אין רויזענבלאַטס ליד, אויף דער שוועל פון גאולה.

און ווייטער:

און זאָגן וועל איך צו דעם אַלטן שמיד: — די שווערד
באַהעפטן וועט זיך דאָך צוריק מיט אונדזער ערד!
וואָס זיי איז ביי דעם לעבן נישט געווען באַשערט,
וועט איצט מקוים ווערן!

און אַז דער האַמער וועט אַ פאַל טאָן צו דעם שטאָל,
וועט אויפגיין אַ געזאַנג פון ביינער טרוקענע פון טאָל...
איך האָב אַ נס אַזאַ געזען שוין לאַנג צוריק, אַמאָל... אַמאָל...

עצמות היבשות!

דאָס איז די נבואה פון אַ צווייטן גרויסן נביא אונדזערן — יחזקאל, אין דעם באמת וווּנדערלעכן ליד פון ה. רויזענבלאַט.

אַ באַזונדערע גבורה ווייזט רויזענבלאַט אַרויס אין זיינע לידער פון חורבן, וואָס ליגן זיך ביי אים אויס אונטער דעם סימבאָלישן נאָמען „מים המאררים״. אָט הערט, ווי ער זינגט:

ווי גרויס ס׳איז געווען די געפאַר
ביי גבעון, אָ, גאָט, נישט פאַרגעס
אַז היינט איז זי גרויס — אין לשער! —
און דאַרף היינט זיין דיין נס!
אַ טרייסל טאָן זאָל זיך די ערד
און אויסלעשן זאָל זיך דיין זון
צום לעצטן מאָל: — הייב אויף דיין שווערד
און פיר אונדז יהושע בן נון.

בלויז אַ דיכטער מיט גרויס טאַלאַנט, האָט אויף אַזאַ צימצומדיקן אופן געקענט דערגרייכן אַזאַ השתפכות הנפש, אין אַ ליד פון זעקס סטאַנזעס, ווי רויזענבלאַט האָט עס באַוויזן צו טאָן אין זיין מוסטערהאַפטן ליד.

אַזוי אויך די באַכפּאַלגנדיקע לידער א. נ. „אַ גאַסט וואָס קומט אין מיטן נאַכט״ און „דער טאָל פון טויט״. דער דיכטער זינגט טיילוויז אַזוי:

פון זיבן טויזנט אויסגעשאַכטענע בין איך געבליבן איינער, איינער.
בין ערשט פון שחיטה־שטאָל אַנטרונען מיט מיין אייגן זעקל ביינער.

בילדער אויף בילדער פון שוידערלעכן אומקום, כאָטש רויזענבלאַט, — זאָל געדענקט ווערן! — איז, דאַנקען גאָט, אין טרעבלינקע נישט געווען.

און — ווי אַלע מאָל, מיט דעם כוח פון אַ זעקסטן חוש אין אַ פאַר־שטענדלעכן לשון, קומען דאָ צום אויסדרוק בילדער פון אונדזער גרעסטן חורבן, וואָס פאַרגליווערן אין דיר דיין בלוט. הערט און שטוינט:

אַ טויזנט מתים ליגן מיטן פנים צו דער ערד, בלויז איינער אויפן רוקן.
אַ גרויל צו זען ווי פאַרצעלייענע צוויי אויגן קוקן, קוקן, קוקן

אַרויף צו דער לבנה... הערסט, געליימט פון שרעק דעם ווינט דעם רויען
דורכן מויל, פון גסיסה־אַנגסט געלאָזן אָפּן, וואַיעו, וואַיעו, וואַיעו...

עפּעס ענלעכס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּאָעמע „דער טאָל פון טויט״, וואָס דער דיכטער פאַרענדיקט אַזוי:

איך שטיי פאַראַבלט, שטום, דער קאָפּ אין צער געבויגן
און אויסגעטריקנט איז אין מיר דער קוואַל פון טרערן.
מדבריות וויסטע צוויי — מיינע אויסגעוויינטע אויגן,
צוויי הימלען פול מיט נאַכט, אַ וויסטע נאַכט אָן שטערן.

געהאַפּט — איך ברענג דיר רו, בטחון און נחמה,
גאָטס וואָרט וועט אויף מיין ליפּ צעפלאַמען זיך נביאיש.
פאַרלאָשן איז מיין אויג און פינצטער — מיין נשמה,
מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט פּחד און מיט יאוש.

וואָס דינט דאָ ווי דער אויסדרוק פון דער העכסטער פאַרצווייפלונג.

אַ דאַנק דער פאַרליבטקייט פון רויזענבלאַטן אין זיין ליד, האָט ער נאַטירלעך אויך געטראַכט וועגן דעם גורל פון זיין ליד, ווי וועגן אַ טייל פון דעם גאַנצן מהות פון וועלט און מענטש, זייער גורל און דויערהאַפטיקייט. צוליב דעם זיין ליד א. נ. „עפּיטאַף״, ביים ליכט פון בין־השמשות אין זיין פרוכטבאַר און שעפעריש לעבן, אין וועלכן ער שליסט אויך איין און ער געזעגנט זיך כמעט מיט זיין ליד — דער שאָטן פון זיין לעבן:

און דו, מיין ליד, אַרום מיין פענצטער פלאַטערסט,
דו שלאָגסט אומזיסט אַרויס זיך פון די כוחות,
אַזוי אַ צאַפּלט זיך דער שם פון אַ געשענדטער ספר תורה,
פאַרפלאָנטערט אין די פאַלדן פון צעריסענעם פּרוכת.
אָ, ליד, מיין ליד, נעם אָן פאַר ליב דיין בלינדן גורל,
און ווי געוועזן — בלייב פרום, ענייוותדיק און גלויביק.
נישט נאָר די זון, די שטערן, די לבנה און די בענקשאַפט,
נאָר אויך דער שטויב פון שוכן עפר איז אייביק, אייביק.

אַזוי פאַרבינדט רויזענבלאַט די אינטימסטע איבערלעבונג זיינע — זיין ליד, — מיט די ריינסטע הייליקייטן אונדזערע, ווי אַ טיפישער ייד און מענטש — אַ דיכטער ביי יידן.

דער אויספיר פון זיין עפיטאַף, איז אַוודאי פּאָעטיש־שיין, כאַטש, ליידער, ווייט פון זיין רעאַל. דערפאַר אָבער — זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער בעל חלומות, וואָס רויזענבלאַט איז געווען און פאַרבליבן אין זיין דיכטונג, ווי ער איז עס אויך געווען אין לעבן: אַ חלום, וואָס איז מקוים געוואָרן אין דעם כינוס פון אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש קודש, לדור דורות.

לייב ניידוס

(אויסגעקליבענע שריפטן)

בלויע הימלען האָט געהאַט מיין חבר־פרינץ, ווי יונג!
צוויי סאַפירן־אויגן און אין יעדערן אַ שמייכל־פונק!
יעדער קלאַנג — אַ זונען־זינגענדיקער האַרפן־קלינג!
יעדעס וואָרט — אַ זינג!
— — — — —
איצטער איז מיין חבר־זינגער שוין ניש טאָ!

משה בראָדערזאָן

א

אין דעם שאַפן פון זיין קורצן לעבן האָט דער פּאָעט לייב ניידוס, דער חבר־פרינץ און קלאַנגען־קינד, ווי זיין מיטצייטלער און חבר — דער פּאָעט משה בראָדערזאָן רופט אים אָן, גאָר אַ סך אויפגעטאָן, אין זיין באַמיִונג צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן אונדזער ליד.

לייב ניידוס אַליין, האָט זיין אייגן ליד אויסגעשפּילט אויף די איידלסטע סטרונעס פון זיין ליידנדיקער נשמה, אין ...זיין שטענדיק נע־ווגד זיין... מיט דעם יוגנטלעכן ברען און אימפּעט פון זיינע איבערלעבונגען, וואָס

גיבן זיך אונדז נאָך איצט איבער דורך דער פילפאַרביקייט און דער עכט־קייט פון זיין פערזנקונסט, אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים געווען באַהערשט פון דעם באַוווסטזיין, אַז ...מיין האַרץ איז פול מיט זון־געטראַנק...

דער פּאָעט לייב ניידוס האָט מיט זיין זון־געטראַנק זיך פאַרזשליאָקעט ביז אַבסאָלוטער שיכרות, אין דעם אויפזינגג פון אַזעלכע ליבע־לידער, וואָס אָטעמען נאָך היינט, אין דער תקופה פון אַטאָמישער ענערגיע און אויטאָ־מאַציע, מיט זייער זינלעכקייט פון אַ ראָמאַנטיק, וואָס איז בלויז אייגן און בנמצא אין דער דיכטונג פון זעלטענע, אַמאָליקע, טאַלאַנטירטע ראָמאַנטי־קער־פּאָעטן, וואָס האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזן ווערטפולע און דויער־האַפטיקע, ראָמאַנטישע לידער.

און כאָטש לייב ניידוס באַקלאָגט זיך, אַז ער האָט ...הימען מער ווי ריימען... איז ער אָבער גלייכצייטיק זייער באַוווסטזיניק וועגן דעם, אַז ...די ריימען זענען מיינע קנעכט... וואָס ער עקספּלואַטירט אגב, אויף גאַר אַ גרויסן און געלונגענעם אופן.

לייב ניידוס, — ווי אויבן דערמאָנט, — האָט זיך באמת, און אָן יעדן ספק, אויך באַגניט אונדזער ליד, מיט דעם אָנווענד פון זיין ריטמישן לשון, וואָס ער האָט אַזוי געניט באַפלייסט און אַבבלוט, באַרייכערט מיט דער עשירות פון דורכויס נייע, אויב נישט אַלע — פאַרמען פון דער פערזנקונסט.

זיין ליבע־ליד איז נישט נאָר ראָמאַנטיש שיין, נאָר עס פיבערט דער עיקרשט מיט דעם לירישן פּאַטאָס פון אַ פּאָעט, וואָס רייסט דיך מיט מיט דער עכטקייט און דעם נשמה־ציטער פון זיין איבערלעבונג. ער צווינגט דיך ממש אים צו גלייבן, אַז —

כ׳בין אַ קנעכט פון די רייצנדיקע פרויען,
כ׳בין אַ טרייער און הילפלאַזער קנעכט
פון באַרוישנדע, לוסטיקע שעהן
און פון שיכורע, אַרגישע נעכט.

די ראָמאַנטיק זיינע איז פאַרוועבט אין אַן אידעלער מעלאַנכאָליע, וואָס גיט צו זיין איבערלעבונג אַ קרענקלעכן חן.

קריגט ער, למשל, אַ בריוו פון זיין געליבטער, זינגט ער וועגן דעם אַזוי:

אין גרינעם און דופטיקן טאָל
האָב איך אים געלייענט פּאַר קליינינקע בלומען,
אין גרינעם און דופטיקן טאָל
געלייענט אים הויך אויפן קול.

ער ציט דערביי אַריין די גאַנצע שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור: דעם הימל, דאָס טייכל, די בין און אַלץ מיטאַנאַנדער. עס באַקומט זיך דערביי אַ בילד, אין וועלכן —

עס האָבן די פייגל אַרום זיך פּאַרקליבן,
געגעבן זיך אַלע אַ שאָט,
און האָבן געזונגען: ווי גוט איז צו ליבן!
די ליבע איז אייביק ווי גאָט!

פון־און־וועגן דער עכטקייט פון אַזאַ ליבע, וואָס איז אייביק ווי גאָט, האָט עס לייב ניידוס געזונגען מיט האַרץ און נשמה צו אַזאַ גראַד, אַז ער האָט דאָס ליבע־געפּיל אַפילו אַנטפּלעקט אין דער בלינדער נאַטור. ער זינגט וועגן דעם אַזוי:

אַ בעריאָזקע שטייט אַ קליינע,
און אַן אַלטער דעמב דערביי.
ס׳בליט דער דעמב און ס׳בליט זיין שכנה,
און ער ליבט געוויס זי טריי...

נאָר עס פּאַסט אים נישט, דעם יחסן,
שטייט ער ערנסט, ווי אין צאַם;
און גאָר זעלטן, באַלכסון
בייגט ער אָן זיך צו איר שטאַם.

אין אָט דער עכטקייט זיינער, באַשטייט די שיינקייט פון אמת, די דווי־ערהאַפטיקייט פון זיינע איבעראַשנדיקע ליבע־לידער.

זיין פּאָעמע א. ג. „דער ערשטער אַרויסטריט" איז רירנדיק דערמיט, וואָס אַפּגעזען דערפון, וואָס איר תוכן באַשטייט אין אַ פלאַמיקער, כמעט ווולגאַרער באַציִונג מצד ...טויזנט מענער־אויגן... וואָס ...האָבן געברענט פון נייגיר און באַגער... צו ...אַ נייע באַלערינע... פאַרענדיקט זיך די פּאָעמע דערמיט, וואָס די באַלערינע

...האָט אַ נייג געטאָן איר קעפּל
פאַרשעמט אַ ביסל און צעהיצט.
— — — — — — — —
אין קאַמער, הינטער די קוליסן,
האָט זי זיך פּיבערדיק צעוויינט. —
זי האָט דאָך היינט ביים בליק פון מענער
צום ערשטן מאָל איר לייב אַנטבלויזט...

וואָס וואַרפט בכלל אַ שאַרף ליכט אויף דעם עטישן ווערט פון לייב ניידוס' דיכטונג.

גאָר רירנדיק איז זיין ליד „ניין! קיינמאָל!..." אין וועלכן די נאָס־טאַלגיע זיינע וויינט־אויף מיט דעם גאָרן ציטער פון זיין פּאָעטישער נשמה אין פּנים פון דעם רעאַלן לעבן, וואָס ווייסט נישט פון קיין וועג אויף צוריק צום פאַרלוירענעם גליק, און ענטפערט אויף אַלץ: ...ניין! קיינמאָל!...

ב

לייב ניידוס, דער טיפּיש־יידישער אוניווערסאַלער דיכטער, האָט זיך נישט נאָר נישט אָפּגעגאָפּלט פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן שטעטל, נאָר אין קעגנטייל עס גאָר אידעאַליזירט, נאָך דער אַנטוישונג זיינער אין דער גרויס־שטאָט, אין וועלכער דו

כאַפּסט זיך אויף: פאַר דיינע בליקן בלייכן־דורך שוין שטראַלן־פּאַסן;
שלעפּסט זיך צו פאַרמאַטערט, הילפלאָז צו דעם פענצטער, צו דעם בלאַסן;
וועכטער קערן שוין די גאַסן. ס'קומט דער טאָג מיט זיינע כללים.
און אין מיסט־וואָגן פון ווערטער ווערט פאַרקערט דיין ליבער חלום.

צוליב דעם, דער טעמפעראַמענטפולער אויפזינג פון פולער פאַראַכטונג:

פאַרשאַלטן זיי, אַ, שטאָט! אַ, שוואַרצער מלך!

זיינע געזאַנגען אויף שטעטלשע מאָטיוון, אין דעם לידער־ציקל „אין מיין היים", שטעלן טיילוויז מיט זיך פאָר אַן אידיליש שטעטל, אין לידער אויסגעהאַמערטע, אין אַ זעלטן ריטמיש־לשון, אין די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען פון דיכטונג: אַקוואַרעלן, סאָנעטן, אָקטאַוון, טערצינען און אַנדערע — וואָס פאַראייניקן זיך אין דעם אַנגעזיכט פון אַ שטייגעריש יידיש לעבן, וואָס איז אין לעבן לידער שוין מער נישט בנמצא.

אין זיין פאָעמע „ווידער אין דער היים", זינגט ער צום שטעטל טיילוויז אַזוי:

אַ, ווערבעס! טעכטער טרוימערישע פון ליטע!
איך פלעג פאַרטרויען אייך מיין יעדן טראָט;
דורך אייך האָב איך אַרויסגעפירט אין שטאָט
דעם ערשטן קוויל פון האָפענונגען צעבליטע.
איצט קער איך אום דורך אייך פאַרצווייפלט, מיד —
איך האָב אויף לייד צעטרישט מיין זוניק ליד...

דער רעזאָנאַנס פון זיין זוניק ליד איז גליקלעכערוויז אין אים נישט פאַרלוירן געגאַנגען. דאָ ערשט געקראָגן אַ גאַר זעלטענעם תיקון, וואָס וועט לדורות פאַרבלייבן ווי אַ פאַרזוניקט געוויקס אין דעם פּרדס פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון.

די משפחה־מאָטיוון, באַזונדערס זיינע געזאַנגען פון־און־וועגן זיין ...גוטער באָבע... וועמען ער טרעפט ...ווי אַמאָל... אין איר אַלטן טראַדיציאָנעל־יידישן טראַכט. ער זעט, ווי —

עס ליגט פאַר איר די אַלט־צעקנייטשטע תחינה,
מיט עלטער־טרערן איינזאַמע באַפלעקט,
די אותיות זענען ערטערוויז פאַרמעקט,
און בלעטער קוקן געלבלעכע און גרינע...

גערויגן זיצט איר טונקעלע געשטאַלט,
און ס׳דאַוונט אין איר פּנים יעדער פאַלד.

וואָס יעדער איינער פון אונדז געדענקט נאָך אַזוי גוט.

דורך דעם אויפזינגג פון זיין פּאָעמע „מיין באָבעשי“, ברענגט ער צ׳ריק צום לעבן אונדזערע שוין פון לאַנג, פון אונדז אַליין פאַרשוועכטע, טראַדיציאָנעלע שבתים און יום־טובים, אין אַלע סעזאָנען פון יאָר, אויף אַ הינטערגרונט פון פרעכטיקע נאַטור־בילדער, אין וועלכע עס פיגורירן די אומבאַקאַנטע נעמען פון בלומען, פלאַנצן און געוויקסן, וואָס זענען ביז דאַן נאָך פרעמד געווען אונדזער דיכטונג, אין אַ קאַלירפולן ריטעם און לשון, וואָס איז פאַרכאַפּנדיק מיט דעם זינלעכן אויפהאַלט פון אַ שיינקייט, וואָס איז אַלע מאָל אַנרעגנדיק, צוליב דעם אַליין, אויך דויערהאַפטיק.

נאָך דעם אַריינפיר, אין וועלכן ער דערציילט, אַז ער קומט ...פון דעם לאַנד, וווּ מלך איז איזן... רופט ער פאַטעטיש אויס:

און דאָ... אַך, מיין טייערע, טייערע באָבע!
ווי ליב איז דאָס אַלץ, ווי נאָנט, און ווי גוט...
וועסט עפענען באַלד דיינע ספרים, די גראָבע,
און וועסט מיר אַ מעשה דערציילן באַרוט.
און שטיל וועט דיין ניגון פון מעשה באַגלייטן
דער שאָטן פון עבר, וואָס וועט מיר צוריק
באַקרוינען מיין האַרץ מיט די שטראַליקע קווייטן
פון קינדערשער תמימות, פון קינדישן גליק...

דער שאָטן פון דעם עבר באַאומרויִקט אים, לאָזט אים נישט צורו. און ...די שטראַליקע קווייטן פון קינדישער תמימות... באַגלייטן אים ביז צו דעם סוף פון זיין לעבנס־שפּאַן, ביי דעם אומגלויבלעכן עלטער פון ס״ה 28 יאָר!

אָט, זעט, ווי ער באַזינגט אין אויסגעטאָקטע, גלייכצייטיק אָבער אויך עכטע, ריטמיש־פליסנדיקע פערזן, אונדזער יום־טוב שבועות:

ליבער, היימלעכער שבועות,
ווען אַ יום־טובדיקן שמועס

פירן גרעזעלעך אין פעלד;
ווען עס ווערט די ערד נתעלה
און עס דוכט: עס ווערט גאָטס כלה
די געבענטשטע פרילינג־וועלט.

כ׳שפּרייז און טרינק די לופט, די בלויע,
מיט אַ סודיקער הנאה,
לאַנגזאַם שטעלנדיק דעם פוס;
אויף דער גרינער פעלדער־שיינקייט
ליגט אַ מאָדנע רייפע ריינקייט,
רוט די האַרציקייט פון רות...

אַזוי געלינגט לייב נײַדוסן צו פאַרשדכנען דעם דומם — די נאַטור — צו זײַנע וויזיעס אין אַ געליײטערטן לשון, וואָס איז היינט אַזוי פריש און ניי, אײַנפאַך און קלאָר ווי דאַן, ווען ער האָט זיי אויסגעדיכטעט מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק.

דער גראַם האָט זיך לייב נײַדוסן איבערגעגעבן מיט דער גרינגקייט און דעם נאַטירלעכן אויפקוואַל פון אַ קוועלנדיקן שטראָם. אַלץ איז ביי אים אַרויסגעקומען אוממיטלבאַר, נישט געקינצלט, ווען אים איז אַפילו אויסגעקומען צוזאַמענצופּאָרן אַ העברעיִש וואָרט מיט אַ גראַם אויף יידיש, ווי תכלת, מיט דעם האַלב־גראַם — דערציייל עס. תקיעת כף, מיט — שקלאַף, טרוימער, מיט — חומר. צי אַפילו אַ פרעמדוואָרט, באַטפאַרטן, מיט — גאָרטן.

די „אינטימע ניגונים" זײַנע, אָטעמען באמת מיט די אינטימסטע איי־בערלעבונגען פון דעם פּאָעט, אין שייכות מיט זיין באַגייסטערונג און ליבשאַפט פאַר זיין היימישער ליטע מיט אירע לאָנקעס, ווערבעס, וועלדער, טאָפּאָלן, דער אָרעמקייט אַפילו — און אַלץ, וואָס מ׳קען אָנרופן מיט אַ נאָמען, ביז די נאָסטאַלגישע דערמאָנונגען אָן אַ ליבע אין רעטראָספּעקט, ווען —

אונדזערע ביידנס נשמות, נאָך אין דער האַנט דעם בוראס,
האָבן געמאַכט צווישן זיך אַ געהיימען תקיעת כף.

מיר האָבן געלעבט צווישן כרובים, צווישן קינדישע טרוימער,
און אַלע קינפטיקע מעגלעכקייטן האָבן אין אונדז געשטראַלט,
ביז מיר זענען ביידע געקומען אין דעם לאַנד פון חומר
און מגולגל געוואָרן אין אַן ערדישע געשטאַלט.

וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ מעלאַנכאָלישן פינאַל, ווען —

קיינער, קיינער וועט נישט קאָנען איצטער אונדז צעשיידן;
און אין שעהן פון אונדזערע ליבע־מיסטעריעס, פון פיינלעכן גליק,
אַנטפּלעקט זיך אין שטראַלן דאָס ווייטע כרובים־לאַנד אונדז ביידן
און מיר דערהערן אַ הייליקע, באַקאַנטע מוזיק.

דאָס געזאַנג פון אונטערגאַנג!

ג

פונקט ווי אַ יחיד קען נישט זיין גלייכגילטיק צו זיין אייגענעם גורל, אַזוי קען אויך אַ פּאָעט מיט געוויסן נישט זיין גלייכגילטיק צו דעם גורל פון זיין פאָלק, און אַלע מאָל, אין אַזאַ צי אַן אַנדערער פאָרעם, סימבאָליש צי רעאַליסטיש, ווי אַ מוכיח און ווי אַ ברענגער פון טרייסט, זאָגעריש, צי גאָר דורך דעם ווונדערלעכן מעדיום פון פּאָעזיע, אין פרייע צי געבונדענע פערזן — ברענגען זיין רעאַקציע אָדער שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון זיין פאָלק, אין רעטראָספּעקט — צו זיין עבר, קעגנוואַרט און אויך אין זעונגען זיינע לגבי דער צוקונפט, אַפילו אַזוי ווייט, ווי דאָס געזאַנג פון אחרית הימים.

לייב ניידוס, ווי אַ וועלטלעך־יידישער פּאָעט, איז אין דעם קורצן שפּאַן פון זיין שעפעריש לעבן, געווען פאַרוועבט אין דעם יידישן עבר, וואָס ער האָט טיילוויז באַזונגען מיט גרויס פּאַטאָס און באַגייסטערונג. מיט אַלע זיינע חושים און די פּאָטענציעלע כוחות זיינע, האָט ער געטיילט דעם גורל פון זיין פאָלק, צייט און דור. ער האָט געפיבערט מיט זעונגען לגבי דער צוקונפט, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם ציקל לידער זיינעם א. ב. „מיין פאָלק".

שוין אין דעם ערשטן ליד זיינעם „צו מיין פֿאָלק״, מוטיקט ער און פֿאָדערט אויף זיין פֿאָלק, צו שטיין אויף דער וואַך, זיין אַ פעלדז, היטן זיין פֿאַרמעגן, נישט בעטלען קיין טרייסט, נאָר גלייבן אין זיין אייגענער קראַפט, ווען אַפילו עס

מעג זיין דיין קערפּער צעוווּנדעט, צעשטאָכן,
גלייב אין דיין עתיד מיט פעסטן בטחון,
גלייב אין דיין קינפטיקן גרויסן נצחון —
גלייב אין דיין קראַפט!

אַזוי כמעט אין יעדן נאָכפֿאָלגנדיקן ליד און פּאָעמע זיינער, שפּיגלט זיך אָפּ זיין פרייד און זיין צער, טרייסט און בטחון פֿאַר־און־פֿון „מיין פֿאָלק״, צו וועמען ער האַלט זיך צוגעבונדן מיט לייב־און־לעבן, ליבשאַפט און פֿאַרערונג, דורך דעם אויפזינג פון זיינע פּראַכטפולע „יידישע ניגונים״, דעם טרויער פון זיין אומה אין „דיינע אויגן״, אין וועלכע עס ליגט

...דער שטילער גלות־וויי אין בלאַסן שכינה־שיין...
— — — — — — — — —
און כ׳לייען דורך ביי דיר אין בליק דאָן, אין צעשטראַלטן:
איך בין אַ מזרח־קינד, איך קאָן אַ שווערד נאָך האַלטן!...

לייב ניידוס צער׳ט אויך אויף דעם גורל פון אונדזערע „אָפּטריניקע״, וואָס —

...פון וועלטן צוויי פֿאַרשאָלטן
שטייט איר פֿאַראייניזאַמטע צולעצט,
און אייער גלויבן איז צעשפּאָלטן,
און אייער לעבן איז פֿאַרלעצט...

אַזוי קען בלויז זינגען אַ פּאָעט מיט נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, נאָך זיינע אייגענע, ביטערע דערפֿאַרונגען ווי אַ יחיד, ייד און מענטש, אין אַ וועלט פון רשעות איבער דער גאָרער וועלט, אין שייכות מיט די ליידן פון זיין פֿאָלק אין אַלגעמיין.

צוליב דעם זיין וואָרט פון טרייסט און דערמוטיקונג:

אין טעג פון צער, פון שמערצלעכער מהומה,
ווען דער קאַשמאַר דורך שטעט און פעלדער שפּרייזט —
האַלט הויך דיין קאָפּ און העכער נאָך דיין גייסט,
מיין מלכותדיקע, אויסדערוויילטע אומה!

צוליב דעם, וואָלט איך געזאָגט — אויך זיין געזאַנג „צו שפּאַניע״, אין וועלכן ער חוזקט און גאַליקט פון דעם

...לאַנד פון בלוט און פון גיטאַרעס,
ס'איז מיין צפון־אויג, מיין שטאַרעס, צו דיין פּראַכט שוין לאַנג געווענדט;
לאַנד ווו ס'חברן זיך שטראַלן מיט דעם שטאָל פון די קינזשאַלן,
ווו אין זילבער־קילע קוואַלן שווענקט מען בלוט־געפלעקטע הענט...

און טאַקע באַלד, אין שכנות מיט אָט דער רירנדיקער פּאָעמע — קומט דאָס קרעפּטיקע, העראָישע געזאַנג פון־און־וועגן ...דאָס שטעטעלע מודיעין... אין דער קרעפּטיקער פּאָעמע „יהודה״, אין וועלכער

ס'שטייען־אויף די חשמונאים,
גרייט פאַרגיסן זייער בלוט...

וואָס דער דיכטער פאַרענדיקט מיט אַ תפילה:

אַ, ברידער, קערט־ווידער די געטלעכע קדושה,
קערט־ווידער די לידער פון שטאָלענעם מוט,
צעברויזט אין אַ פלאַם אונדזער אַלטע ירושה,
וואָס טליעט באַהאַלטן ביי אונדז אין דעם בלוט.

וואָס האָט מיט אַזאַ גבורה און עקשנות זיך איבערגעענטפערט אין דעם געזאַנג־און־קלאָג־געוויין פון אונדזער צייט און דור, אין דעם אומפאַר־געסלעכן, העראָישן קאַמף פון אונדזערע פאַרשוועכטע מאַרטירער, אין דער העראָיק פון דער וואַרשעווער געטאָ.

מאַני לייב

(לידער — ערשטער באַנד)

איך בין אַן עפּלבוים אַ מידער,
אין ערד געוואָרצלט ביזן דיך.
און ווי דער בוים די עפּל — לידער
רייפע וואַרף איך אַרום זיך.

מאַני לייב

א

מאַני לייב, וואָס האָט אין די יאָרן צווישן 1930—1940 אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן איראָניזירט איבער זיך, אַז ער איז גאָטס בהמהלע:

איך בין גאָטס בהמהלע, קליין, קליין,
אַ טראָפּן זון און פלעקן.
און וויינען וועט די ערד אַליין
מיט יעדן מינדסטן שטויב און שטיין,
ווען זי וועט מיך פאַרדעקן.

האָט שוין ביי דעם סאַמע בראשית פון זיין דיכטונג, אויף דעם שטילסטן, באַשיידענעם אופן געוווּסט און פאַרשטאַנען דעם כישוף פון ווערטער, וואָס ער האָט אין לויף פון יאָרן אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַריינגעזונגען אין אונדזער לשון און דיכטונג, טראָץ דעם, וואָס

דעם כישוף פון בייטן די ערטער,
צו מעסטן די גרייס פון דער ערד
אין קורצן און אַרעמען לעבן —
איז מיר נישט באַשערט.

דאַך האָב איך דעם כישוף פון ווערטער,
פון ווערטער די פרייד און דעם צער,
אין קורצן, אַרעמען לעבן, —
דאַנק איך דערפאַר.

און טאַקע אַ דאַנק דעם כישוף פון ווערטער אין זיין פערלדיק מויל און לשון, האָט ער מבשר געווען דעם אויפהעל פון זיין שטערן — זיין דיכטע־רישע פערזענלעכקייט — אין אונדזער דיכטונג, וואָס ער האָט אַזוי באַרייכערט מיט זיין פשטות, מוזיקאַלישע פערזן — די באַנייונג פון אונדזער דיכטונג אין אַלגעמיין — וואָס האָט זיך מיט זיין אויפשטייג און אַקטיווקייט ערשט גענומען באַפרייען פון די טענדענציעזע, סאָציאַלע לידער: פּראָקלאַמאַציעס אין גראַמען — וואָס האָבן געמוזט אָפּטרעטן, מאַכן פּלאַץ, פאַר דעם קונסט־ליד, דער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון, אַ דאַנק דעם רעוואָלט פון די „יונגע״ — אין וועלכן ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, מיט דער מוסטערהאַפטיקייט פון זיין אייגענעם, שעפערישן בייטראַג.

מיט דאַנקבאַרקייט און מיט דעם גאַנצן ברען און פיבער פון זיין נשמה, געדענקט ער און ער ווייסט, אַז —

נאָר דו האָסט מיר דאָס וואָרט געגעבן
פאַר מיינע לעפצן, גרויסער גאָט,
וואָס פירט מיך פון מיין שטומען לעבן
אַרויסצושטראַלן אין דיין גנאָד.

און מיט דעם וואָרט האָב איך צעריסן
דעם שלייער פון מיין לעצטן ראַנד...
און נאָר מיין ברויט, מיין האַרטער ביסן
ליגט אין אַ צווייטנס קאַרגער האַנט.

און געדענקען זאָל מען, אַז מאַני לייב האָט באַהערשט זיין וואָרט, מיט דעם זעלטענעם כוח פון זיינע אומבאַגרענעצטע פּאָטענצן, מיט וועלכע ער איז געווען באַשאָנקען.

דער אויפזינג פון זיין פאַרטיפטער ליריק, האָט זיך שפּעטער פאַר־

קליידט אין זייער געראַטענע, פילבאַרע אויסדרוק־מיטלען און פאָרמען, וואָס האָבן זיך קאָנקרעט באַשטעטיקט אין זיינע נאָכפאָלגנדיקע לידער, וואָס באַשטעטיקן זיין קרעדאָ, אַז —

קורצע, שיינע שורות אַכט
זאָגן מערער ווי אַ בוך,
אויב איך האָב דאָס וואָרט געבראַכט
פאַר דער שיינקייט וואָס איך זוך.

וואָס האָט זיך אַזוי שפּעדיק אויסגעקריסטאַליזירט אין דעם אוצר פון זיין דיכטונג.

זיין ליד „פון שטויב", אַ מוסטערהאַפט, געפרעסט, ליריש ליד, פאַלט צונויף מיט זיין דעוויז, אַז ...נאָר אייביק איז דאָס וואָרט... צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס —

פון שטויב האָט מיך גאָט אויפגעהויבן
און מיך דערהויבן איבער אייך,
אַז איך זאָל אייער כבוד לויבן,
אַז איך זאָל גרויסן אייער נאָמען,
אַז ווען איך וועל נישט זיין מיט אייך
זאָל זיין מיט אייך מיין נאָמען. אמן.

וואָס האָט זיך שפּעטער, נאָך זיין פּטירה, באַשטעטיקט אין אונדזער ליטע־ראַטור און אויך אין דעם זיכרון פון אונדזערע מיטשעפערישע לייענער, וואָס געדענקען אים און לויבן.

זיין ליריק איז פאַרוואָרצלט אין אַזאַ זעלטענער עכטקייט, אַז ער האָט אונדז באַלד מיט איר באַצווונגען און מיר האָבן אים געגלייבט, ווען ער האָט ביים אָנהייב פון זיין התגלות ווי אַ פּאָעט, געזונגען:

איך בין אַרויס אין מיין זומער
רוישיק און גרויס ווי אַ טייך:
ליכטיקע פרייד פון מיין זומער
האָב איך געטראָגן צו אייך.

וואָס מיר האָבן באַלד, מיט נישט ווינציק פרייד אויפגענומען און האַלטן עס אָן ביז איצט.

מאַני לייב, וואָס האָט זיך אין זיין גרויסער פשטות אידענטיפיצירט מיט דעם פשוטן פאָלק, ווייל —

אַרעם, איינגעשפּאַרט און גלייביק
און דורך אַלע פּיינען ריין,
בין איך אייערער אויף אייביק,
ווייסער ביין פון אייער ביין.

האָט אַפילו שטאָלצירט דערמיט, וואָס —

אין דעם יאָד פון גרויער קליינקייט —
צו דעם מינדסטן בין איך גלייך.

דערפאַר האָט ער אויך געוווּסט און געדענקט, אַז —

נאָר אין ליידן פאַר דער שיינקייט
בין איך אויסגעטיילט פון אייך.

וואָס ער איז עס באמת געווען און דווקא דערפאַר, ווייל —

שיינקייט אויף דער ערד וואָס וואָגלט,
ווייינט פאַרשעמט פון יעדן אָרט,
ברענג איך אייך אַ פולן לאָגל
אין דער שיינקייט פון דעם וואָרט.

מיט וואָס זיינע לידער זענען איבערגעפּולט און מיט וועלכע, עס איז שווער צו קאָנקורירן.

שיינקייט, זאָל אגב ווידער באַטאָנט ווערן — איז געווען דער סאַמע עיקר פון זיינע קרעדאָס.

מאַני לייבס בענקשאַפט צום לאַנד פון בלויע לידער, האָט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזט; אים אַלע מאָל סטימולירט צו נייע, שעפערישע מעשים, אין די ראַמען פון אַ פשטות, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין אויס־געלייגט, צי אויסגעתפילהט, אויף אַזאַ אָריגינעל פּאָעטישן אופן;

קום, פשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקן מעסער,
שנייד אויף דעם שוואַרצן פלאָנטער פון מיין זעל;
מיין וועלט פון טונקעלע און שווערע שלעסער
זאָל אויפשטראַלן פאַר מיר, ווי זונען פאַר מיין שוועל.

וואָס האָט בכלל באַלויכטן און פאַרזונט זיין דיכטערישן וועג, ביז צו דער קרוינונג פון זיין דיכטונג — די וווּנדערבאַרע סאָנעטן זיינע (זע מיין אַרבעט וועגן מאַני לייבס סאָנעטן, אין מיין בוך: „אין פּרדס פון ייִדיש״ — י. ב.), דער סאַמע לעצטער אויפטו זיינער, אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף אין אונ־דזער דיכטונג.

מיט דער הכנעה און דער תמימות פון זיין איינשטעל אין דער וועלט ...צווישן די געצעלטן פון דייך ברייטער ערד... האָט מאַני לייב אויך געזונגען פון דעם, אַז —

דער צער אין אויגן ביי אַ צווייטן,
באַצווינגט מיך ווי אַ גוטער האַר.
און ווילעק נעם איך יענעמס קייטן,
און ווילעק טראָג איך יענעמס צער.

וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג, וואָס פאַרשותפט דיך צו אים אין זיין אַקט פון גאַרער מענטשלעכקייט און חשיבות.

ווי דער זינגער פון ...גאָטס בהמהלע, קליין, קליין... האָט ער קיינמאָל פאַר זיך קיין סך נישט געפאָדערט. זיינע השגות זענען צוליב דעם ווייט נישט אַוועק. און די באַשיידנקייט פון זיין תפילה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס —

נישט די שכינה מיט די שטראַלן,
וואָס דעם צדיק זאָגט מען צו, —
זאָל אויף מיר אַ גרינגער פאַלן
כאָטש דער שאָטן פון דער רו!

וואָס איז קאָנטיק פאַר אים געוועזן די והותר.

ב

נישט אַלע מאָל איז גרינג זיך צו דערשלאָגן צו דעם סוד און דער מיסטעריע פון שאַפן ביי אַ קינסטלער. נישט יעדער קינסטלער אַפילו אַליין, איז אַלע מאָל בכוח פאַר זיך גופא קלאָר צו מאַכן דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן. אין אַלע צווייגן פון קונסט זענען אָבער אויך פאַראַן אויסנאַמען. די דיכטונג איז דעריבער אויך נישט קיין אויסנאַם.

בשעת איך האָב זיך באַמיט צו דערגרונטעווען צו דעם סוד און דער מיסטעריע פון מאַני לייבס דיכטונג, האָב איך זי ביי אים אַליין געפונען, אין דעם אַריינפיר־ליד פון זיין פּאָעמע „אויף ניו־יאָרקער שטיינער", אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציקייט פון דעם דיכטער, דער פּראָצעס און דער סוד פון זיין זינגען, אין אַזאַ פּאָעטישער פאָרעם:

די פען איז אָנגעשאַרפט און שפּיציק,
און פליסיק איז די טינט און שוואַרץ,
און דער זכרון — וואַך און בליציק —
ער וועקט דאָס אומעטיקע האַרץ,
און וועקט אין ווינקל פון די אויגן
אַ טרער אַזאַ, וואָס גיט אַ ברען;
און דאָס פּאַפּיר — אַ ווייסער בויגן —
ער בעט נאָר אותיות פון דער פען;
און אותיות גיסן זיך אין ווערטער
און ווערטער לייגן זיך צום גראַם;
און גראַם צום וואָרט אַ פיין דערהערטער —
איז זאַלץ, וואָס גיט דעם ברויט אַ טעם.
איז — זיץ ביי מיין זייט, זכרון,
און נעם מיין מידע האַנט און פיר,
און וואָס דאָס האַרץ האָט שוין פאַרלאָרן,
די פען זאָל געבן דעם פּאַפּיר.

אַזוי דערוויסן מיר זיך, דורך דער פאַרמיטלונג פון מאַני לייבס אַן אייגן ליד — ווי אַזוי ער, מאַני לייב, איז געקומען צו זיין ליד; ווי דאָס

פּאַפּיר בעט נאָר אותיות פון דער פען, וואָס גיסן זיך אויס אין ווערטער; לייגן זיך אויס אין גראַם, וואָס גיסן זיך צונויף מיט דעם ריטעם פון דעם דיכטערס בלוט און האַרץ און פאַרוואַנדלען זיך באַלד, אין וואָרער דיכ־טונג.

באַלד, נאָך דעם, פאָלגן דאָ נאָך דריי אורבאַניסטישע פּאָעמעס, פון וועלכע עס טויכן אַרויס אַ צאָל איבערלעבונגען פון דעם דיכטער, אין דעם גרויסן מדבר ניו־יאָרק, ווו —

...דאָ — מיט אויסגעדרייטע פינגער
דעם שטעפּער־ראָד דורך טעג געדרייט;
און דאָ — אין נעכט מיט ברידער־זינגער
מיין ליד אויף דיין אַספאַלט פאַרזייט.

און מיט מיין ליד אין שיינקייט ריינער
און פון מיין פנים מיט מיין שווייס,
דיין יעדן פוס פון דיינע שטיינער
האָב איך געהייליקט פאַר דיין גרייס.

אַזוי דערפירט אונדז דער צאַרטער און אידעלער דיכטער מאַני לייב, וואָס האָט זיך אַליין פאַרגליכן צו ...אַ גרינע ווערבע אינעם ווינט... אין זיין פּאָעמע „ניעזשין‟, צו זיין בראשיתדיקן אויפציטער און אָנרעג, צו לערנען זיך ...וויינען און זינגען אַליין... וואָס האָט אים בהדרגהדיק דערפירט צו זיין איצטיקער גדולה: צו זיין דאָס, וואָס ער איז געווען און פאַרבליבן: מ אַ נ י ל י י ב.

מאַני לייב, וואָס האָט מיט רעכט זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ שוסטער אַ פּאָעט און נישט קיין פּאָעט אַ שוסטער, האָט אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד פאַרביטן זיין ...שיינעם תכלית... פאַר ליד... אין זכות דערפון, וואָס ער האָט ליב געהאַט

...די ערד, דעם חבר און דעם פרידן
די רו, דאָס פּראָסטע ברויט, די האַנט, וואָס מיט זיך שווער;
דאָס ריינע גאָלד פון וואָרט אין לידער איבערשמידן,
ווי יענעם נביאס שמיד — שמידט אַקערס פון געווער.

האָט אַזוי אַרום דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט: „דאָס ריינע גאָלד פון וואָרט“, אין דויערהאַפטיקע לידער אויסגעשמידט, וואָס וועלן אונדז תמיד דינען ווי אַ מוסטער פון שיינקייט, וואָס ער אַליין האָט פּאַראַיביקט אין זיינע לידער.

מיט דער גאַנצער פאַרליבטקייט מאַני לייבס אין דעם וואָרט, מיט וועלכן ער האָט אַזוי געניט און אידל אָפּעררירט אין זיין גייעג נאָך שיינקייט, האָט מאַני לייב פון דעסטוועגן אויך געוווּסט און פאַרשטאַנען, אַז —

אין וואָרט איז נישט אַלץ, וואָס די צונג רעדט אַרויס,
נישט אַלץ, וואָס די פעדער פאַרשרייבט;
וואָס מערער די צונג און די פעדער דריקט אויס,
אַלץ מערער אין שטומקייט פאַרבלייבט.

צוליב דעם, דער שטומער פאַרלאַנג —

אַז אַלץ וואָס אין שטומקייט דאָס וואָרט נישט דערעדט,
אַרויסזינגען עס אין געזאַנג.
— — — — — —
דערפאַר קומט די שטומקייט און רעדט אויפן ווונק
אין פאַרב און אין ליים און אין שטיין.

וואָס דינט ווי אַ דערגאַנצונג צו די דערגרייכונגען פון וואָרט, אין ליד.

מאַני לייבס לידער, וואָס האָבן זיך באַקומען ביי אים צווישן די יאָרן פון 1940 און 1953, אָטעמען שוין טיילווייז מיט דער רעזיגנאַציע פון אַ כמעט זאַטן פּאָעט, וואָס איז באַוווסטזיניק וועגן ...די פולע זעט פון יאָרן... אויף דער שוועל פון זיין ווינטער, און פיבערן שוין אויך מיט דעם אָנזאָג אויף דעם אומפאַרמיידלעכן סוף, ווען ...איך האָב שוין נישט נאָך וואָס צו פליִען...

די עלטער זיינע פאַלט אים טאָקע שווער. ער איז אָבער גלייכצייטיק קלוג גענוג, אויף דעם נישט צו קלאָגן. צוליב דעם דער סטאָיִשער אויפזינג זיינער, אין זיין ליד „ווײַל איז מיר“:

איך זיץ און לאַך מיט אַלטע מוטנע אויגן
אַריבער יונגע קעפּלעך צו דער מוטנער ווייט,

איך זע די טעג וואָס זענען אַפּגעפלויגן,
און טעג, וואָס קומען אָן פון יענער, יענער זייט.

וואָס איז די צווייטע זייט פון לעבן, אַ דאַנק דעם, וואָס —

אונדז שלעפערט שוין. מיר גענעצן. און אָט — מיר שלאָפן איין.

וואָס איז די טראַגישע זייט פון אונדזער לעבן אין אַלגעמיין.

דער דיכטער באַטראַכט זיך שוין דאָ, ווי אַ וואַנדערער אַ מידער. זיין איינציקער ווונטש איז —

דורכגיין יעדן שטעג פון לעבן
אַלץ באַנעמען, גאָרנישט נעמען,
און אין לידער איבערגעבן
אַלעמען — אַלצאיינס פאַר וועמען.

וואָס ער האָט במילא געטאָן אין זיינע ווונדערבאַרע סאָנעטן. געטריי צו זיין יוגנטלעכן אויפפלאַם, וויל ער נאָך אַלץ באַנעמען. און פאַר זיך אַליין — גאָרנישט נישט נעמען.

אין דעם באַשטעטיקט זיך אויף דעם פיינסטן און איידלסטן אופן מאַני לייבס אויסגעהאַלטנקייט, ווי אַ באמת גרויסער דיכטער.

דאָ קומען אויך אַריין אַ קליינע צאָל, זייער קאָנדענסירטע און ווייטיקדיקע לידער, אין שייכות מיט אונדזער גרעסטן און דריטן חורבן. זיין צעווייטיקט האַרץ ברעכט זיך ממש פון בושה, ווייטיק, צער און שאַנדע, ווען ער זינגט דממה דקהדיק דערפון, אַז —

...איך בין אויך געווען אַ קרבן
אינעם ווילן פון גאָט אונדזער האַר,
און פון צער איז מיין מוזע געשטאָרבן
און מיין האַרץ איז געשטאָרבן פון צער.

מאַני לייב, דער זאָגער, וואָס נעמט, אַזוי צו זאָגן, אַ שטעלונג צו אַ צאָל סאָציאַלע פּראָבלעמען, לאָזט זיך אויך דאָ הערן אין אַ היפּשער צאָל לידער זיינע, לידער רייפע — ערב זיין פּטירה.

אַ דיכטער אין טאָגן

(„פון אייגענעם פעלדז" פון ל. אַליצקי)

ווי נאָר איך נעם זיך צו דיר בעטן,
כ'מוז בעטן גלייך דאָס וואָרט אַליין,
אַ וואָרט, וואָס לאָזט אין גנאָד זיך קנעטן,
און נישט קיין האַרטס, ווי קיזלשטיין.
דו זאָלסט אַזאַ אין מויל מיר שיקן,
וואָס נעמט געפאַנגען מיין געמיט
און טוט מיט ווילקלאַנג עס דערקוויקן.
אַז פון מיין תפילה ווערט אַ ליד.

ל. אַליצקי

צוליב דעם, וואָס איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן, אַז אַ ליד וואָס איז ווערטפול צוליב זיין תוכן, לשון און קינסטלערישן אויסלייג, איז ווערט אַ זעלבשטענדיקע אָפּהאַנדלונג און אַנאַליז אומאָפּהענגיק פון אַלע אַנדערע לידער מיט וועלכע עס הויזט אונטער איין דאַך, פאַלט מיר אַלע מאָל שווער זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַ דיקן לידער־בוך פון הונדערטער דרוק־זייטן, ווען זיי זענען אַפילו און אפשר דערפאַר, איבערגעלאָדן מיט גרויס טאַלאַנט, ווי עס איז דער פאַל מיט דעם איבער דרייהונדערט־זייטיקן לידער־בוך „פון אייגענעם פעלדז", פון דעם טאַלאַנטירטן און קאָלירפולן פּאָעט ל. אַליצקי.

ל. אַליצקי, וואָלט אַפילו געמעגט זיין אַן אויסנאַם, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַ טייל פון זיינע אייגענע לידער, פּאָעמעס און באַלאַדן, קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע, מיט דער פולבלוטיקייט און דער איבערגעלאַדנקייט פון זייערע פּאָעטישע רמזים, בילדלעכער עשירות און טיילווייז תנכישן הינטערגרונט. די אומרויִקע צייט אָבער אין וועלכער מיר לעבן, דערלויבט אָבער ליידער נישט דעם אָנווענד פון אַזאַ אַנאַליז אין דעטאַלן איבער די אַרבעטן פון איין פּאָעט, בשעת אַ גרעסערע צאָל אַרבעטן פון גאָר אַ סך אַנדערע פּאָעטן, ווערן ביי אונדז טאָטאַל פאַרשוויגן, מצד אונדזערע אַזוי גערופענע ליטעראַטור־רעצענזענטן און קריטיקער.

די לידער און פּאָעמעס א. נ. „פון אייגענעם פעלדז", פון דעם באמת גייסטרייכן און האַרציקן פּאָעט ל. אַליצקי, פאַלן אוממיטלבאַר צונויף מיט דער ...האַרציקער ערלעכקייט, פּאַלקסטימלעכער און וואָרצלדיקער פשטות... פון וואָלינער יידנטום, וואָס יצחק למדן שרייבט מיט רעכט צו אונדזער דיכטער ל. אַליצקי.

די ישראל של מעלה, וואָס האָט זיך אַזוי ווייטיקדיק געגעסטלט אין ל. אַליצקיס האַרץ יאָרנלאַנג הינטערוועגנס, האָט דאָ באַלד געפונען אַ זינגעוודיקן תיקון אין זיינע ישראל־של־מטה־לידער, ביי זיין ערשטן באַריר מיט „מיין לאַנד".

דיין יעדער נייער טראָטואַר
זינגט לידער אונטער מיינע טריט;
ס'וועבט אויס זיך פון מיין האַרץ דער צער
און פרייד וועבט זיך איין אין מיין ליד.

און ווייטער —

מיין לאַנד פון ליכט און בלומען־פאַרבן,
דו טריפסט אין מיר דיין זאַפט, ווי האָניק זיס,
וואָס היילט מיין האַרץ פון וווּנד און וויי און ריס —
אין דיר וועט גוט זיין מיר אויך שטאַרבן.

זיין פרייד מיט דעם אויפקום פון מדינת ישראל איז אויף אַזוי פיל גרויס, אַז ער פילט ממש, ווי עס

שוימט אויף מיין בלוט אין די געפעסן,
און כ'טאַנץ אַריין אין קינדערס מיט;
מיין עלטער ווערט, ווי טויט, פאַרגעסן,
און יוגנטלעך — מיין וואַך געמיט.

צוליב דעם זיין פריידיק געזאַנג צו דער „וויסטער ערד":

איך טראָג דיר, וויסטע ערד פאַרפייניקטע, אַ בשורה,
אַ מזל־טוב, וואָס ציטערט־אויף מיין האַרץ מיט פרייד:
ישראל האָט דיך אויסגעקעמפט מיט שמשונס גבורה
און ברענגט פאַר דיר דאָס גרינע צניעותדיקע קלייד.

דעם דיכטער, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין די טיפסטע טיפענישן פון אונדזער עבר, זענען קיין געשיכטלעכע פאַקטן און מאמרים, לגמרי נישט פרעמד. העלפט ער זיך טאַקע נישט זעלטן אַרויס מיט אַ פסוק (זע זיינע לידער און פּאָעמעס א. ג. „נשמה אויף וואַגשאָל" אין זיין איצטיקן בוך. אויך זיין פריערדיק לידער־בוך א. ג. „מיין האַרץ־רייזע" — י. ב.), אַ תנכישער וויזיע, וואָס ער פאַרתיקונט אַזוי קלוג און געשיקט, מיט אַן אייגענעם זאַג און אויך אייגענער זווּנג, אין דעם לבוש פון אַ בילדלעך ריטמישן לשון, וואָס רייצט דיין פאַנטאַזיע און פאַרכאַפּט דיך ממש מיט דער שיינקייט פון זיינע פּאָעטישע המצאות אַזוי, למשל, שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין געמיט דער נס — „ערד" (אַראַד), טיילווייז אַזוי:

לאַד, לאַד, ערד, מיט לויטערן געלעכטער
ווי ס'לאַכט דער ליידנדיקער און גערעכטער,
ווען ס'פאַלט צו לעצט דער ריכטיקער פסק־דין;
פון קבר שמייכלט פרום די באָבע שרה:
דו ביסט ווי איך, געהאָלפן שוין, עקרה,
וועסט זיין אַ מוטער צו געטרייע זין.

זיין געוויסנהאַפטער איינשטעל און נשמה־ציטער בנוגע אונדזער דריטן חורבן, באַאומרויקט אים תמיד. ער ווערט קיינמאָל נישט מיד צו באַטאָנען, אַז —

איך בין נישט ווערט געווען — ביינאַנד מיט מיינע ברידער
אַריינצופאַלן צו דעם נאַצי אין דעם קלעם,
איך זאָל אַרויפשטייגן דורך פּיין פון שוואַרצער נידער
צו לויטער־בלויער־הייך: צו הייליקן דעם שם.
נישט ווערט געווען — צו בלוטיקן קיין קינות־לידער,
ווי דער מקונן יצחק: ,הימל, הער, פאַרנעם';
ווי ר' עקיבא האָט דעם ,שמע', צום טויט אַ מידער,
אַרויסגעזיפצלט דורך די ציינער פון די קעם...

די ערשטע באַלאַדע אָבער פון זיינע וווּנדערלעכע „פאָלקסטימלעכע באַלאַדן", לייקנט זיין באַהויפּטונג, אַז ער איז ...נישט ווערט געווען — צו בלוטיקן קיין קינות־לידער...

זיך באַלאַדע א. נ. „דאָס ביימל פון קידוש השם אויפן הר־ציון“, איז בפירוש אַ זעלטענער אויפזינג פון אַ קידוש־השם־מאָטיוו, וואָס איז ווייט נישט היינטערשטעליק לגבי די אומצאָליקע קלאָג־לידער פון אַנדערע מקוננים אונדזערע. דער סימבאָלישער כאַראַקטער פון אָט דער באַלאַדע טיילט איר נאָך אויס דערמיט, וואָס דורך איר ווערט באַטאָנט דער אחריות־פולער איינשטעל זיינער פון אַן אויסגעשפּראָכענעם פאָלקסזינגער אָן פּניות, אויף דער פאָן פון אַן אוממיטלבאַרן אויפזינג אין אַן עכטקייט, וואָס איז בלויז אייגן דעם פאָלק גופא.

דער הומאַניטאַרער כאַראַקטער פון זיינע „פאָלקסטימלעכע באַלאַדן“ אָטעמט מיט דער תמימות, עכטקייט און שיינקייט פון פאָלק, וואָס איז אָפנהאַרציק אין זיינע איבערלעבונגען, האָט נישט ליב זיך צו פּוצן אין פרעמדע פעדערן און דערגרייכט אַלע מאָל מיט די פּשוטסטע מיטלען פון זיין לעקסיק דאָס, וואָס ער וויל. צוליב דעם ליידן נישט זיינע „פאָלקסטימ־לעכע באַלאַדן“ פון קיינע פּגימות. זיי גיבן זיך דיר איבער מיט דער גאַרער שיינקייט פון דעם דיכטערס איבערלעבונג אין אַ פאָרעם און לשון, וואָס נייטיקן זיך נישט אין קיינע פּירושים און זיי פאַרבלייבן צוליב דעם דויע־רהאַפטיק אינעם זכרון פון לייענער.

זיינע נאָכפאָלגנדיקע פּאָעמעס און לידער א. נ. „מיר קאָנען נישט פאַרגעסן“, דעמאָנסטרירן אויף דעם שאַרפסטן פּאַטעטישן אופן, זיינע צערפולסטע איבערלעבונגען בנוגע אונדזער גרויסן חורבן און טיילן אים אויס, ווי אַן אויסדרוקפולן מקונן, וואָס רירט אונדז מיט דעם פּאַטאָס פון זיין שילדערן דעם אומקום פון זיינע מיטצייטלער; אַ צאָל פּען־מענטשן און סתם חברים און פאָלקסמענטשן, ווי „פרץ אָפּאָטשינסקי“, „שמחה בינעם שאַיעוויטש“, די זייער צאַרטע „אַניוטע פּיאַטיגאָרסקי“, „אַלטער קאַציזנעס לעצטער גאַנג“, דעם קדוש „איציע באַלעגאַלע“ און אַנדערע.

קיין איינע פון אָט די פּאָעמעס לאָזט זיך נישט ציטירן. מ׳באַדאַרף זיי אַליין לייענען, כדי זיך אָנצושטעקן מיט דעם איבערגעלעבטן צער פון דעם דיכטער. גענוג בלויז אויסצוטיילן איין סטאַנזע פון דעם ליד „אויף דער כלהס קבר“, אין וועלכן ער באַטאָנט —

ווייל... יידיש בלוט האָט ריין געפלאַמט
אין שטילן האַרצן ליובעס,

פאַרגאַסן האָט עס גראָז און זאַמד,
נאָר איצטער זידט אין קאַלטן גרוב עס.

די פאָרטרעטן פון זיינע מיטצייטלער אָטעמען מיט דער גבורה פון זייער גרויס מענטשלעכקייט און הומאַניזם, וואָס די גרעסטע נויט האָט זיי נישט איינגעבראָכן.

אין זיין פּאָעמע „אַניוטע פּיאַטיגאָרסקי״, זינגט ער, למשל, טיילווייז אַזוי:

די לעצטע לידער דיינע זאָגן:
ס׳האָט נישט געבראָכן דיך די נויט;
האָסט שטאָלץ דיין שטאָלצן קאָפּ געטראָגן
אַקעגן פּיין, און שרעק, און טויט;
אַקעגן מאָנסטער־מענטש־רוצח
מיט האַרטער נאָדלדיקער פעל,
וואָס סמט דעם אָטעם מיט זיין ריח
און קומט שוין נאָענט צו דיין שוועל.

אינטערעסאַנט זענען דאָ, ווי אין אַלע זיינע לידער, די שפּראַך־מיטלען מיט וועלכע ל. אַליצקי אָפּעריט. זיי שטעקן אונדז באַלד אָן מיט דער שאַרפקייט פון זיין שילדערונג. אָט איז נאָך אַ ביישפּיל, אַן אויסצוג פון זיין רירנדיקער פּאָעמע „איציע־באַלעגאָלע״:

שנעל שפּאַנט דער עולם, ווי מיט שטריק געבונדן,
צו דעם בית־עלמין מיט זיין לעצטן וועג.
די יוגנט האָט די הייזער אָנגעצונדן —
די שכנים זאָל נישט בלייבן דער פאַרמעג.
פון קינדער רינט אַראָפּ אַ גרוילער יאָמער,
און ווייבער רייסן פון זיך זשמודעס האָר:
אַ מאָנצבל טוט אַ וואָרטשע: ,יידן, לאָמיר׳,
נאָר וואָס צו טאָן, ער ווייסט אַליין נישט קלאָר.

אין אָט די דאָזיקע און אין ענלעכע פּאָעטישע שילדערונגען זיינע, ליגט אפשר דער סוד, וואָס ער איז, צו אונדזער גליק, ...נישט ווערט געווען — בייבאַנד מיט זיינע ברידער אַריינצופאַלן צו דעם נאַצי אין קלעם... און

שפעטער, זיינע און זייערע פיינלעכע איבערלעבונגען, פאַראייביקן, אין דויערהאַפטיקע, טיף רירנדיקע פּאָעמעס, באַלאַדן און לידער.

זיינע פילאָזאָפירנדיקע פּאָעמעס און לידער א. נ. „נשמה אויף וואַנ־שאַל", זענען בדרך כלל אַדורכגעזעלט מיט דעם זעלבן פּאַטאָס פון אַלע אַנדערע אַרבעטן זיינע אין זיין בוך „פון אייגענעם פעלדז", אַ דאַנק דעם, וואָס אין דער עכטקייט פון זיין באַוווסטזיין ווי אַ פּאָעט, האָט ער אַלע מאָל געוווסט, וואָס ער באַצוועקט מיט זיין זינגען. צוליב דעם, דער אויפזינג פון זיין „אויף דער שוועל", אין וועלכן עס איז ניכּר זיין קרעדאָ, דער קרעדאָ פון אַ פּאָעט, וואָס איז אַלע מאָל וואַך צו זיינע שעפערישע מעשים און דינען זיינע לייענער, ווי אַ שליסל צו זיין שעפערישקייט.

און זיינע לידער און פּאָעמעס, כאָטש גרויס אין כמות — זענען עדות אויף דעם, אַז זיין וואָרט לאָזט זיך פון אים ...אין גנאָד זיך קנעטן... און ס'איז באמת ווייט פון צו זיין ...ווי קיזלשטיין... און אַז זיין האַרציקסטע תפילה ווערט פון אים אין אַ ...ליד... פאַרוואַנדלט. עס האָט נאָך דערצו די מעלה, זיך אויפצוהאַלטן אין דעם געדעכעניש פון אַ מיטשעפערישן לייענער זיינעם. אַ דאַנק זיין אָנווענד פון אַ פּאַסיקער פאָרעם, אין די ראַמען פון אַ פּשטות, וואָס רופט צו זיך אַרויס באַוווּנדערונג, צי ס'איז געשריבן אין אַ קלאַסישער צי פרייפערזיקער ראַם, צי אָן גראַמען, וואָס גיבן זיך אים אגב אונטער, מיט דער גרינגקייט פון אַן אוממיטלבאַרן און זעלבפאַר־שטענדלעכן אויסלייג.

מיט יעדן נייעם ווערק, ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין — וואָס אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, אַ פּאָעט — שיקט אַרויס אויף דער וועלט, מוז ער אומבאַדינגט אַ שפּאַן טאָן פאָרויס. כדי נישט צו פאַרשעמען זיינע פריִערדיקע ווערק, מוז דער פּאָעט עפּעס מוסיף זיין צו זיינע פריִער־דיקע דערגרייכונגען. דאָס באַדאַרף און מוז זיין, אַ חוק ולא יעבור.

ווי באַוווסט, איז ל. אָליצקי אַ זייער פּראָדוקטיווער דיכטער. צוליב דעם אַליין איז ער אַלע מאָל אויסגעזעצט אויף דער געפאַר פון איבערחזרונג, אַפילו — אַראָפּפאַל, פון העכערע צו נידעריקערע שטאַפּלען פון יצירה. גליקלעכערווייז איז ל. אָליצקי אָבער אויף אַזוי פיל אָנגעלאָדן און איבער־געלאָדן מיט דער גבורה פון זיינע דיכטערישע פּאָטענצן, אַז ער איבעראַשט אונדז גאָר אַלע מאָל מיט זיין זיכערן גאַנג באַרג־אַרויף אין זיין און אונ־

דזער דיכטונג, וואָס דינט אונדז ווי אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל פון אַ דיכטער אין טאָגן.

בלעטערנדיק זיין בוך „פון אייגענעם פעלדז", און וואָס מער דו לייענסט זיך אין אים אַריין, אַלץ מער איבעראַשט ווערסטו פון דער אומענדלעכער באַנייונג פון זיין ליד אין תוכן, פאָרעם און קערנדיקן פאָלקס־לשון, אָן דער מינדסטער פּרעטענסיע אויף די וואונדיירים פון אַזוי גערופענעם מאָדערניזם.

זיינע לידער, פּאָעמעס, א. ג. „אין דערהויבונג", זענען דעריבער אײַבעראַשנדיק דערמיט, וואָס ער איז מיט זיי ממשיך דעם פאָרנעם פון זיין ליד אין אַלגעמיין, וואָס איז דאָ באַזעלט מיט עכטקייט און אמתן געפיל פון דערהויבונג. אין שייכות מיט דער היינטצייטיקייט פון זיין טעמאַטיק, וואָס לײַדט אגב נישט פון פאַלשע פּרעטענזיעס, דערגרייכט ער פאָרט וואָס ער באַצוועקט און וויל מיט זיין זינגען: געבן אַן אויסדרוק דעם צער פון זיינע איבערלעבונגען, אין דעם משונהדיקסטן געזאַנג־און־גאַנג פון אונדזערע טעג.

אַזוי, למשל, רעאַגירט ער פּאַטעטיש־און־פּאַטעטיש, אויף דעם אומגליק־לעכן אַוועקגאַנג פון „דזשאָן קענעדי", „מאַהאַטמאַ גאַנדי", דעם „נעגער־מאַרש אין וואַשינגטאָן", דעם אומגליק מיט אַ „בודיסטישע נזירה", אין וועלכער ער רופט פּאַטעטיש אויס:

זאָל דערהערט ווערן דאָס געבעט פון אַ דיכטער,
אַ זון פון דער אומה, וואָס אַלץ נעמט פאַר ליב:
באַשעפער פון וועלטאַל און אייביקער ריכטער,
אין זכות פון די סנהען — דער מענטשהייט פאַרגיב...

וואָס וואַרפט זייער אַ שאַרף ליכט אויף דער מענטאַליטעט, הומאַניסטישן און געוויסנהאַפטן איינשטעל זיינעם, לגבי דער זיגלאָזער פירונג פון דער מענטשהייט.

דאָ קומען אויך צום אויסדרוק אויף אַ גאַר וואונדערלעכן אופן, אַ צאָל אומשטערבלעכע פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן: „מאַני לייב", טיפן פון „שלום אַשס ,תהילים־ייד' ", און אַן אייגנאַרטיק דיכטערישע אינטער־פּרעטאַציע פון שלום עליכמען און זיינע אומפאַרגעסלעכע טיפּן. דערביי זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז אין אָט די און אַנדערע מאָטיוון זיינע פון אַ

דורכויס פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, האָט ער אָנגעווענדט אַזאַ געלייטערטן סטיל אין פשטות, וואָס גייט דיר ממש נאָך ווי אַ ווידערקול פון דעם נאַטירלעכן פאָלקס־לעבן אויפן פאָן פון אַ קלאָרקייט, וואָס איז בלויז אייגן געניאַלע שריפטשטעלער.

פון די נאָכפאָלגנדיקע לידער, פּאָעמעס און באַלאַדן, איז כדאי אויס־צוטיילן די ווונדערלעכע פּאָעמע „איבערגעשטאַלטונג״, וואָס איז סימבאָליש אין כאַראַקטער און זייער רירנדיק אין איר אויספיר, חנעוודיק און שיין מיט איר שפּילעוודיקן ריטעם און טרעפלעכער וויזיע, אין דער איבערגע־שטאַלטונג און פאַרוואַנדלונג פון דעם שוואַרצן פאָל ראָבסאָן אין דעם ווייסן בערדיטשעווער רב, וואָס טענהט: „איך, לוי בן שרה״ — וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע צו גאַסט, צו האָבן

...אַ דין־תורה מיט גאָט און מיט לייטן
פאַר יידן. ער טענהט אָן מינדסטער שרעק:
פאַרוואָס קומט זיי פייניקן גאָר אָן אַ ברעג?!

און —

מיר יובלען ר׳ לויס געשריי פון נצחון:
אָן עק זאָל עס נעמען — — —

און —

סע צינדט אין מיר אָן זיך אַ ליכטיקער רעיון:
סע שטייט דאָ ר׳ לוי אַלס ראָבסאָן פאַרשטעלט, —
זיין מאָנונג זאָל הערן די גוישע וועלט...

אויף אַזאַ ווונדערלעך סימבאָלישן אופן, ברענגט דער פּאָעט ל. אָליצקי אַריין אונדזער פּראָטעסט קעגן די עוולהס, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך באַ־גאַנגען קעגן אונדזער אומה, אין דעם סאַמע קדשי קדשים פון דעם אַזוי געררופענעם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און גרויס־קינסטלערישן ווערט זענען די „משלים״ פון ל. אָליצקי, וואָס זענען אַדורכגעוועבט מיט נאַטירלעכער חכמה, גאָר אַ סך וויסן און פאָלקסטימלעכן אופן פון איבערגעבן זיינע טיפע רעיונות אין אַ בילדלעכן און פאַרשטענדלעכן לשון. דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע אַרבעטן זיינע — איז דער דיכטער ביי זיך אין דער היים. ער באַניצט זיך דערפאָלגרייך מיט זיין רייכן באַגאַזש פון פּאָעטישע מיטלען,

וואָס גיבן זיך גרינג איבער זיין געבענטשטער פעדער, וואָס וועט אונדז, אָן יעדן ספק, נאָך אַ סך איבעראַשן, מיט נאָך מער רייפערע פּאָעטישע ווערק, אין דעם פּרדס פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון.

אין סוף פון טעג

(לידער פון א. בערגער)

א

דער פּאָעט א. בערגער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אונדזער דיכטונג גלייכצייטיק מיט אונדזערע געוואַגטע „יונגע", איז ביז איצט אין זיין דיכ־טונג געגאַנגען מיט אַ זייטיקן וועג. ער האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, קיינמאָל נישט באַמיט אַריבערצויאָגן עמעצן פון זיינע מיטצייטלער מיט זיין דיכטונג, אין כמות. צוליב דעם האָט ער זיך קאָנטיק דורכויס קאָנצענטרירט אויף די איכות פון זיין אייגענעם ליד, וואָס ער האָט מיט מי און פאַרשטענדעניש אַצינד ערשט דערפירט „מיט דעם אָונטיקן וועג" צו אַ נאָסטאַלגישן אויפ־זינג אין איכות, אין דעם באַשיידענעם 156־זייטיקן לידער־בוך א. ב. „אין סוף פון טעג".

צו זינגען פון כינוס אין סוף פון טעג, איז איצט ביי אונדז אפשר נישט אויסער דעם וועג, זיכער נישט צופעליק און אפשר טאַקע אויך הייגט־צייטיק, אין סאַמע מיט פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס חושכט און לויערט מיט דער געפאַר פון אַ פּאַטאַלן, אַטאָמיש־גלאָבאַלן אויפרייס, וואָס איז טאַקע עלול אונדז דערפירן צום סוף פון אונדזערע טעג. צוליב דעם די תפילה פון דעם פּאָעט, בלשון רבים:

> אָ, גאָט! נישט לאָז נאָך אונדז
> דאָס ליכטיקע פעלד פאַרדאַרבן...

די דערקענטעניש פון פּאָעט א. בערגער איז פון אַ באַלד־רעזיגנירטן מענטשן, וואָס שפּיגלט זיך נאָסטאַלגיש אין דער פרייד און אין דעם גאַנג ...פון אַלטע, ווייטע טעג... צוליב דעם אפשר אויך, קלאָמערט ער זיך אַזוי תמימותדיק צו דעם מה טובו פון זיינע וויט־פאַרגאַנגענע, יונגע טעג.

די זעונגען זיינע קומען אין אים אויף דורך דעם דורכזיכטיקן פאַר־האַנג פון אַ מיראַזש, אַלץ — ...פון אַ וועג, אַמאָל — וואָס דורכגעשטראַלט האָט פאַר מיינע אויגן... אין וועמענס זכות ער באַוווּנדערט נאָך איצט גאָטס וועלט, וואָס האָט אים אגב געגעבן, ווי אים דוכט זיך — בלויז ...טעג אַזעלכע גרויליקע אין לעבן... דערפאַר זיין דאַנק

און אַ לויב דיר — וואָס נאָך ביז היינט
האָט דער געשפּאָלטענער אַטאָם
מיט דעם בן אדמס גוטן ווילן —
נישט זיי — נישט מיך,
געפּרוווט פאַרשטילן.

וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם גאַנג־און־געזאַנג פון אונדזערע טעג.

די ליריק זיינע, וואָס האָט זיך קאָנטיק אויסגערייפט אין אָנגעזיכט און אין דעם ביטערן פאַרגעפיל זיינעם פון דעם סוף פון אונדזערע טעג, ווען

איך בין געגאַנגען מיט דעם וועג פון האַרבסט —

איז טאַקע אַ דאַנק דעם אַדורכגעפיבערט מיט דער וויזיע פון זיין גלייכ־צייטיק ...אי דאָ און ערגעץ ווייט... אָט, וואָלט איך געזאָגט — ווי אויף דער גרענעץ פון זיין און נישט זיין.

ב

ביים געניסן און אָפּשאַצן ליטעראַטור־ווערטן, אַפּעלירן צו מיר אַלע מאָל די באַשיידענע לידער־זאַמלונגען פון פּאָעטן, וואָס גרויסן זיך נישט מיט דעם כמות פון זייערע לידער, כאָטש נישט אַלע מאָל זענען דווקא די קלענערע לידער־זאַמלונגען ביי אונדז, די געראָטנסטע. פאַר מיר פערזענ־לעך, ווי אַ לייענער — איז אָבער קלאָר, אַז פון די צעבייכלטע לידער־ביכער, אַפילו פון אונדזערע בעסטע פּאָעטן, איז אָפט מאָל אומגעהייער שווער אַרויסצושעפּן דעם עקסטראַקט — דעם הייך פון זייערע לידער, אַן דעם איבערפלוס פון דער מערצאָל וואָסערדיקע לידער, וואָס פאַרשווענקען דעם עצם תוך פון זייער שליחות אין זייער דיכטונג.

די לידער פון „אין סוף פון טעג" פון א. בערגער, זענען אַ דאַנק דער

באַגרענעצטקייט פון כמות און דעם צימצום פון זיין אויסדרוק אין אַלגע־מיין, ווערטפּול, אין דעם זין, וואָס זיין מחשבה באַהערשט זיין טעמאַטיק און די טעמאַטיק זיינע קומט ביי אים אַרויס אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם, אין דעם זויבערן אָפּקלייב פון אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס ליידט נישט פון קיין ווילדגראָז — באַרעדעוודיקייט — פון פּאָעטן, וואָס אין זייער גייעג נאָך כמות, גראָבע ביכער — פאַרוואָסערן זיי, באַוווסטזיניק צי נישט — און זיי פאַרקריפּלען אויך נישט זייער זעלטן דעם איכות פון זייערע לידער.

באַזינגענדיק דאָס לעבן אין רעטראָספּעקט, אונטער דעם צייכן פון אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך דעם פאַרשוועכטן אַמאָל, דערצו נאָך אין אָנגעזיכט פון אָנקומענדיקן סוף פון טעג, פאַרצווייפלט ער פון דעסטוועגן נישט, טראַץ דעם, וואָס —

דיין אויג, וואָס זעט אַרום דעם טאָל אין נאַכטיקייט שוין ליגן

זעט ער פון דעסטוועגן אויך —

...אַ ווונדערלעכע זון, אַריבער וועלט נאָך ווייטער שפּילן

וואָס איז מרמז, אויף דעם דיכטערס טיילווייז אָפּטימיסטישן בליק אויף דעם לעבן, אונטער דעם שלייער פון אַן אַלץ נאָגנדיקן אומעט.

די צייט־מאָטיוון זיינע זענען געשריבן מיט אַ זיכערער האַנט, אויף דער פאָן און דעם הינטערגרונט פון דעם טראַגישן לעבן אין אונדזער יאָר־הונדערט, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע לידער און פּאָעמעס א. ג. „גליאיקע וועגן", אין וועלכע, ווי אַ ביישפּיל

דער טאָג גיסט גאָלד דורך גאָס פאַר יעדן טריט,
אין לופט די לויטערקייט פון טרויבן — זון און וויין.
און איבער דיר די בשורות נייע, — פרישער פיין,
ווי דערנער־קרוינען הענגען, רויט צעבליט.

דער שפּיל פון קאָנטראַסטן איז דאָ זייער אָנזעעוודיק, אין דעם אויס־לייג פון אַ שפּילעוודיקן ריטעם, אין קלאָרע, פאַרשטענדלעכע לידער און פּאָעמעס, וואָס באַגייסטערן דיך טיילווייז אויך מיט דער פרייד פון נס ישראל, אויף אַ דינעם און איידעלן אופן.

די אורבאַניסטישע לידער זיינע א. נ. „גאַסן און אַלייען“, רייסן דיך מיט מיט דער וויבראַציע פון גרויסשטאָטישן, פיבערהאַפּטן ריטעם, אין וועלכן דעם דיכטערס געדאַנק וואַנדערט אַריבער דער הויכקייט פון די קעסטלדיקע געביידעס, וואָס הויכן־אויף אין דיך געמיט און וויזיע, מיט דער שיינקייט פון —

...גאַסן — בייטן שוואַרצע אויפגעאַקערטע אין אַ פעלד.
און איילנדיקע שטראָמען — פינטלדיקע קעפּ.

די דינאַמישקייט פון דער גרויסשטאָט וויברירט מיט דער בילדלעכ־קייט פון זיין לשון, וואָס בלענדט מיט דעם צויבער פון אַ פאַנטאַסטישער איבערלעבונג. און אויך דאָ, ווי אין אַלע זיינע לידער אין אַלגעמיין — דאָמינירט זיין אומאונטערבראָכענע בענקשאַפט צו דעם עבר, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער מוסטער פון זיין געזאַנג אין האַרבסט:

צייטיקע טרויבן און צייטיקע עפּל,
באַרן גערויטלטע
האָבן פון גאַס און מאַרק,
פון וועגענער אַראָפּגעזונגען
און דערמאַנט:
פון גאָלדיק צייטיקן האַרבסט
וואָס ווייניקט ליכטיק ערגעץ,
פאַרביק, ווייט
אַריבער לאַנד און טייך.

פון דעם איז צו זען דעם זין און די טענדענץ פון זיין זינגען בכלל, וואָס ער דערפירט אַלע מאָל צו אַ מאָמענט פון דערמאָנונג אין אַלץ, וואָס עס איז געווען, וואָס ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין דעם ווייך פון אויס־געפיבערטע, רייפע לידער, וואָס לאָזן זיך אַזוי גיך נישט פאַרגעסן.

די לידער א. נ. „אונטער זון און שטערן“, פיבערן שוין מיט דער שטילסטער הכנעה און רעזיגנאַציע פון דיכטער, וואָס זעט, שפּירט, אָנט און פילט

...ווי עס לעשן זיך
די פאַרגייענדיקע טעג, — און דאַרבן.

און אין זיין ליד „אויף מיין וועג״, זינגט ער אַזוי:

אויף מיין וועג איז אָוונט צוגעפאַלן.
אָוונט, שאָטנדיק אין זון־פאַרגאַנג.
מיין טראָט ווערט שטיל — און דורך די גלידער
צייטיקט עפּעס ווי אין אַ רייפן זאַנג.

אויף מיין וועג איז אָוונט צוגעפאַלן,
אָוונט, שאָטנדיק אַזוי און באַנג.
מיין גוף נעמט לאַנגזאַם, נידעריק זיך בייגן,
ווי אויף דעם פעלד די צייטיק־פולע זאַנג.

אין אָט דעם ליד, מיר דוכט — פאַרסכהכלט זיך דאָס רירנדיקע געזאַנג פון דעם פּאָעט אַ. בערגער, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין זיין בענקשאַפט נאָך דעם עבר, וואָס האָט געקראָגן אַ תּיקון אין זיין דיכטונג, אין אָנגעזיכט פון זיין וויזיע אין זיין ווערטפולן לידער־בוך „אין סוף פון טעג״.

פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני

(פריידלס לידער)

די „איידעלע, טרויעריקע״ פּאָעטעסע פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני, ווי ה. לייוויק רופט זי אָן אין זיין זעלטענעם, אויב נישט איינציקן, פאָרוואָרט צו אַ צווייטן דיכטערס אַ בוך — האָט געהאַט אַ ביטער לעבן. מיט אַלע אירע חושים איז זי געווען צוגעבונדן צו איר אַמאָליק לעבן פון איר יוגנט אין שטעטל, איר חרוב־געוואָרענע היים.

דעם שטילינקן טייכל אין זומפּיקע ברעגן,
די לאָנקעס, דאָס פעלד, וווּ עס אָטעמט זיך ברייט, —

כ׳וואָלט וועלן כאָטש נאָך איין מאָל טרעטן די וועגן,
ווו ס׳ליגן צעזייט מיינע טראַפּעלעך פרייד...

וואָס איז איר ליידער מער נישט באַשערט געווען.

אַלע מאָל האָט זי געטראַכט פון די

בערגלעך אַש און שערבלעך שטומע —
פון מיין יוגנט אַ ירושה,

און געטרייסט האָט זי זיך בלויז דערמיט, וואָס —

כ׳האָב אין וועג זיי מיטגענומען,
כ׳וועל זיי היטן, ווי אַ קדושה...

וואָס זי האָט באמת הייליק אָפּגעהיט און מקיים געווען.

אין פריידלס אידעלער באַציִונג צו אַלץ וואָס לעבט, איז איר באַשיידענער פאַרלאַנג געווען, בלויז

צו ליבן און גאָרנישט נישט וועלן פאַר זיך!...

וואָס איז בכלל אַ זעלטענער אויסדרוק פון באַשיידנקייט, וואָס וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף איר, ווי אַ פּערזענלעכקייט, וואָס שטראַלט מיט גאָרער גוטסקייט. צוליב דעם איר פאָדערונג צו זיך און צו אַנדערע:

זיי פרוכטבאַר, ווי די ערד, און אמתדיק ווי זי...

וואָס זי איז עס באמת געווען, לויט דעם עדות־זאָגן פון ה. לייוויק אין זיין פאָרוואָרט צו איר בוך, און דעם רירנדיקן נאָכוואָרט צו דעם זעלבן בוך פון דער פאַרשטאָרבענער דיכטערין אידע מאַזע. דער עיקרשט אָבער, אין איר באַציִונג צו וועלט און מענטש, אין דעם זעלטענעם אויסלייג פון אירע לידער, וואָס אָטעמען מיט דער ברייטהאַרציקייט פון אַן עטישער פּערזענלעכקייט.

אין איר קלוגשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער ערד, און פריידל איז געווען אַן ערדישע דיכטערין, וואָס האָט אַלץ געזען דורך דעם שפּיל פון פאַרבן, זון, ווינט, רעגן, בוים און געוויקס, גראָז און בלומען, הימל־בלוי און ערד — האָט זי געוווסט און פאַרשטאַנען, אַז —

איבער אומבאַוווּסטע וועגן
פירט דעם גורלס האַנט אונדז שטיל.

און אַז —

יעדעס יאָר שטעלט אָפּ און וואָרנט:
ווייס — דער האָפן איז נישט ווייט...

וואָס זי האָט געשפּירט און געפילט מיט אַלע אירע חושים.

פריידל, די ביז גאָר קראַנקע און אײדעלע דיכטעריק, האָט אין איר הכנעה, געדולדיק געוואָרט און געזונגען פון דעם, אַז —

איך זיץ ביי מיין לעבנס געשלענגלטן ברעג
און צייל מיינע שעהן און צייל מיינע טעג:
אַ שיפל וועט צושווימען באַלד צו דעם ברעג,
אַ האַנט אַ געהיימע וועט ווייזן דעם וועג...

און כאָטש זי איז וואָך געווען צו די טריט פון פרילינג, האָט זי אין איר גאָרער עכטקייט, מיט אַלע אירע רמ״ח אברים, ווייטיקדיק געזונגען דערפון, אַז —

פרילינג, נישט איך בין דיין זינגער:
זאָרגלאָזע פרייד — נישט פאַר מיר.

אין איר הכנעה האָט זי זיך אַליין באַטראַכט, ווי
אַ שטויבל אַ קליינס פון דעם שטויב פון דער ערד...
— — — — — — — — — —
אַ זינגענדער זאַנג צווישן זאַנגען אין פעלד, —
פאַר אַלעמען זון — דאָס איז אַלץ וואָס איך גאַר.

מיט וויפל גוטסקייט אַ מענטש באַדאַרף עס זיין געבענטשט, צו פאָדערן ...פאַר אַלעמען זון... און פאַר זיך גופא — אַבסאָלוט גאָרנישט און אַלץ צוליב דעם, ווייל

מיין תפילה און טרייסט איז דאָס גליק פון דער וועלט,
איר פרייד איז מיין פרייד, און איר צער איז מיין צער.

אין איר צרהדיק לעבן, וואָס האָט געפּיבערט מיט גאָרער ליבשאַפט

און גוטסקייט צו וועלט און מענטש, האָט זיך פריידל געטוליעט צו איר היים, צו דער גאָרער וועלט ...ווי מאָך צום שטיין אין פעלד... און —

אין שעהן פון ירידה פאַל איך צו
צו יעדן שטיין אין פעלד און בין מתפלל: „רו״...

די באַשיידנסטע תפילה פון אַ צאַרטער און אײדעלער דיכטערין.

פון אַלע אירע נאָסטאַלגישע געזאַנגען וואָס רירן מיט דער עכטקייט פון אירע איבערלעבונגען אין דער פרעמד, איז כדאי צו דערמאָנען איר לירישע פאָעמע „מיין זיידע״, וואָס זי פאַרענדיקט פאַטעטיש אַזוי:

איך זע אין די ריינע און לויטערע קוואַלן
דיין טיפע אמונה, מיין זיידע, און בענק,
און ווערטער, ווי טרערן, ווי תפילות, זיי פאַלן:
— אַ ניצוץ פון איר כאָטש מיר, זיידינקע, שענק!

וואָס זאָגט עדות אויף איר תמימות, עניוות און צוגעבונדנקייט ווי אַ געטרייע יידישע טאָכטער צו איר משפחה, פאָלק און גלויבן.

אין איר צוגעבונדנקייט צו דער ערד און אין איר טראַגישער באַציִונג צו דעם לעבן פון דעם מענטשן אויף איר, איז זי אַלע מאָל באַוווּסטזיניק וועגן דעם, אַז —

קומען וועט דאָס, וואָס עס איז אומפאַרמיידלעך:
דו און דאָס גראָז און דער בוים זענען איינס...

און טיילן דעם זעלבן גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט, ווייל ס׳איז ...פאַרבינדן זייער מזל מיטן גורל פון דער ערד...

אין מאָמענטן פון יאוש, וואָס זענען איר פון צייט צו צייט באַפאַלן, האָט פריידל מיט ווייטיק געזוכט און געפונען אַן אויסדרוק פאַר דעם צער פון איר צאַנקנדיק לעבן.

מיינע טריט לייגן שטיל זיך און ווייך
אויף געטראָטענע וועגן אין שטויבן;
נאָר מיין חלום דערגרייכט צו דער הויך, —
איך אַליין וועל זיך קיינמאָל דערהויבן...

מיט וואָס איך בין נישט מסכים. אירע לידער, דער עסענץ פון איר לעבן אויף דער ערד — ווידערשפּרעכן איר השערה דערמיט, וואָס אין זיי האָט זי זיך בפירוש יאָ דערהויבן צו אַ באַשטימטער הייך, אין קינסטלערישן זין פון וואָרט.

איר ליד „ווידוי״, צו „מיין נאָענטסטן און ליבסטן... איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אין סימבאָלישן זין — פאַר דעם פיינלעכסטן סוד פון איר צוריקגעהאַלטן און טראַגיש לעבן. זי זינגט דאָרטן טיילווייז אַזוי:

כ׳האָב נישט געוואָלט — און שלעכטס געטאָן;
פאַרגיב — דו זעסט און פילסט מיין צער.
און איצט — איך נעם מיין גורל אָן,
כ׳וויל צאָלן נאָר אַליין דערפאַר...

מיט איר נעמען די שטראָף פאַר זיך אַליין, אין דער גורלדיקער שעה פון איר פאַרשוועכט לעבן, באַשטעטיקט זיך די גבורה פון דער איידעלער דיכטערין, אין די אויסדרוק־מיטלען פון איר דיכטונג, אין זין פון לשון, פאָרעם און אינהאַלט.

פריידל, וואָס האָט זיך אַליין באַטראַכט ווי —

אַ טויב נאָר, וואָס וואָרקעט אין חורבות פון וועלטן

האָט אַפילו נישט געפּרוּווט זיך פאַרגלייכן צו „קיין דבורה הנביאה און נישט קיין יהודית... אין קעגנטייל, זי האָט זיך גאָר פאַרגליכן צו „אַ גרעזל... דערפאַר אָבער האָט זי אין זיך יאָ געפילט אַ באַרוף צו ליבשאַפט, וואָס איז די אַבסאָלוטע קרוינונג פון איר דיכטונג.

אין איר ליד „קיין דבורה הנביאה״, זינגט זי טיילווייז אַזוי:

עס פלאַטערט דאָס וואָרט מיינס פאַרשעמט אַזוי, אָרעם...
קיין אָדלער אין רוף צו די הויכן, אַ וואָרעם...
און צווישן די ביימער צעטרייסלט, דערציטערט,
בין איך נאָר אַ גרעזל צעוויגט אין געוויטער.

און די גרעסטע גאַרונג אירע איז:

דערזען דאָס ליכט פון גאולה, און גלייבן,
אַז איבער דער צערפולער ערד וועט צערינען

דער נעפל פון קאַשמאַר אין בלוי פון באַגינען,
און, ווי אין געלייטערטער שעה פון נעילה,
וועט האַרץ זיך נישט שעמען פאַרגיין אין אַ תּפילה...

די תפילה פון ליבשאַפט!

און נאָך דעם ווי פריידל געזעגנט זיך מיט אונדזער ערד, אין איר ליד „ערד" — איז איר זעונג נאָך אַלץ אַ טרייסטנדיקע, מיט דער האָפענונג, אַז עס האָט כאָטש אויפגעלעבט ...אַ צייל פון מיין פאַרגעסן ליד... איר ליד פאַרענדיקט זיך אַזוי:

און ווען ס'וועט אויף דער ערד ווען זיין אַ גוטע שעה,
און עמעץ וועט צו גוטן מיך דערמאָנען דאָ, —
וועט העל צעשטראַלן זיך אַריבער מיר דאָס בלוי,
און סט'אויפלויכטן דאָס גראָז מיט קלאָרע טרערן טוי;
און דוכטן וועט זיך גאָר — אַ האַרץ האָט זיך צעבליט,
ס'האָט אויפגעלעבט אַ צייל פון מיין פאַרגעסן ליד...

וואָס איך — אני הקטן — אַמווייניקסטנס, געדענק עס און טו עס דאָ, מיט אַ סך ליבשאַפט און פאַרערונג, פאַר דער אומפאַרגעסלעכער דיכטערין פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני.

„פון יענער זייט ליד"

(וועגן בוך לידער פון רחל ה. קאָרן)

ווען די טראַכסט זיך אַריין אין דעם פאַרנעם, תוכן און זין פון ליד אין אַלגעמיין, איז באמת שווער עס צו דעפינירן, זיך פאַרשטעלן עפּעס אַנ־דערש, מער קאָנקרעטס — פון יענער זייט ליד, סיידן די אומבאַגרייפלעכע מיסטעריע פון אַ סוד, אָדער סודות, וואָס זענען בכלל זעלטן־ווען אַנטפּלע־קעריש אין אַ ליד, אין דער דיכטונג פון אַ דורכשניטלעכן, נישט עכטן פּאָעט.

דיכטער צו דיכטער זענען אָבער נישט אַלע מאָל גלייך. דאָס, וואָס אין דיכטער באַזיצט יאָ, איז אָפטמאָל פרעמד דער פּאָטענץ פון אַ צווייטן

דיכטער. פּונקט ווי אין יעדער דערשיינונג פון אונדזער קאַליפאָרניע לעבן, איז אָבער אַלע מאָל פאַראַן אויך אַן אויסנאַם. און די וועלט פון דיכטונג איז אין זיך אויך כולל אַזאַ מין יוצא מן הכלל.

די דיכטערין רחל ה. קאָרן, ווי מיר דוכט, איז אין אָט דעם פאַל, אַ געבענטשטער און גליקלעכער אויסנאַם.

רחל ה. קאָרנס ליד א. נ. „פון יענער זייט ליד", דאָס סאַמע לעצטע ליד אין איר נייסטן בוך: „ליד און ערד", פאַרלאַג „המנורה", אגב — אין אונדזערע ביידע לשונות, באַשטעטיקט עס דעמאָנסטראַטיוו און אויך אַמ־בעסטן.

אין אָט דעם מערקווירדיקן, ביז גאָר אָריגינעלן און אינטערעסאַנטן ליד, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער פון אַ דורכויס נייעם, שעפערישן נוסח הליד, באַשטעטיקט זיך, לויט מיין באַשיידענער השערה, אַז מיט דעם כוח פון טאַלאַנט, קען מען בכלל ברעכן ווענט; שעפעריש זיך אַפילו קענען דורכרייסן אויף יענער זייט ליד; זיך איינלעבן אין פון פריִער נישט־געאַנטע און נישט־געזעענע סיטואַציעס; זיי פּסיכיש אַנדערש באַנעמען און אינטויִ־טיוו אַזוי זיי באַאַרבעטן, אַז זיי זאָלן זיין ביכולת מיטצורייסן אַ מיטשע־פערישן לייענער פון היינטצייטיקער דיכטונג, אין אים גורם זיין אַן אומ־געריכטע, עכטע איבערלעבונג, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דער איבערלעבונג פון דעם דיכטער.

דער תוכן פון רחל קאָרנס ליד „פון יענער זייט ליד", וואָס באַשטייט אגב בסך־הכל פון פינף פיר־פּערזיקע סטאַנזעס — איז איבערגעלאָדן מיט אַן עשירות פון בילדער אין אַ פאַרשטענדלעך לשון: איז באַזעלט מיט אַ לירישן פּאַטאָס, וואָס ציטערט אויף דיין האַרץ, און דינט גלייכצייטיק ווי אַ העכערער שטאַפּל און דערגרייכונג פון רחל ה. קאָרנס דיכטונג אין אַלגעמיין.

דאָ פיגורירט אַ סימבאָלישער פויגל אין דער אומגעבונג פון אַ פאַר־לוירענער וועלט, אין אַ נאָך זעלטן־וויבריִרנדיקער, דינאַמישער שיינקייט, וואָס אָטעמט מיט דער פּאָטענץ —

פון יענער זייט ליד קענען וווּנדער געשען
נאָך היינט, אין אַ טאָג, וואָס איז כמאַרנע און גראָ.

איינער פון די וווּנדער איז — די באַנייונג פון רחל קאָרנס אידיאָמאַ־

טיש לשון (איר אויסדרוק: ,ער דופקט אַריין׳ — זאָגט עדות אויף דעם).

די זעונגען אירע, אין רעטראָספּעקט — פון אַמאָליקן לעבן, אין אַזאַ קאָנצענטרירטער פאָרעם, זעען עכט און זעען שיין. און דער חלום, פאַרליבטקייט, צוגעבונדנקייט און בענקשאַפט נאָך דער צאַרטסטער באַשעפעניש איבער דער גאַרער וועלט: „די מאַמע", רירט מיט דעם פּאַטאָס פון דער זעלטנסטער איבערלעבונג, וואָס דערמאָנט, אָן יעדן ספק, אין אַלע אונדזערע פאַרשוווּנדענע און אומגעקומענע מאַמעס.

רחל קאָרן זינגט וועגן דעם אַזוי:

פון יענער זייט ליד קען מיין מאַמע אַרויס,
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווײַלע פאַרטראַכט
און מיך רופן אַהיים, ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט: ס׳איז נאַכט.

דער פאַרהאַנג פון דער מיסטעריע פון יענער זייט ליד, ווערט אַזוי אַרום געעפנט.

דורך דעם באַשטעטיקט זיך די מעגלעכקייט און ווייטערדיקע פּאַטענץ פון דעם ליד אין אַלגעמיין, ווי עס איז צושטאַנד געקומען אין רחל ה. קאָרנס ווונדערלעך ליד „פון יענער זייט ליד", וואָס איז אָפּט פאַרהוילן הינטער טויזנט שלעסער פון דער זייט ליד, אין דעם לשון און אין דער „דיכטונג" פון אַ נישט־קאָמפּעטענטן דיכטער.

די איידלסטע פאָרעם פון אויסדרוק אין לשון, אין דעם מויל פון אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, איז בלי ספק די דיכטונג, וועמען עס איז נישט ליב און נישט אייגן די רעטאָריק און די אייגנשאַפט פון כמות, נאָר בלויז און אויסשליסלעך די עניוות פון איכות, אין דעם צימצום פון דעם קליינעם ליד, וואָס צייכנט זיך דווקא אויס מיט דער גרויסקייט פון אַ וואָגיקער איבערלעבונג, אין דער עשירות פון אַ לשון, אויף דער פּאַן פון אַ זינלעכן תוכן.

ביים לייענען דעם דינינקן לידער־בוך „פון יענער זייט ליד", פון דער צאַרטער און פּאָטאָספּולער דיכטערין רחל ה. קאָרן, בעט זיך ביי דיר כמעט יעדעס ליד אירס אָן אויסנאַם: נעם מיך אויף און וואַרעם מיך אַריין אין דיין געמיט, האַרץ און נשמה. ברייטער אויס דעם זין און דעם מיין, די מיסטישע כוונה פון מיין „פון יענער זייט ליד", וואָס לײַדט נישט פון קיין

צעשוווּמענקייט און באַנאַליטעט, וועמען עס איז דורכויס פרעמד די וואָל־גאַריטעט פון גרויסע צאָלן, און וואָס פיבערט בלויז און אויסשליסלעך מיט דער עכטקייט פון מיין איבערלעבונג און לעבט דעריבער, האָפנטלעך — בלויז אין זכות און מיט דעם כוח פון דויערהאַפטיקייט, אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג און לשון.

שוין די ווידמונג פון דעם בוך: „...געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען, חנה בת רבקה... רודערט אויף דיין געמיט און פאַרשותפט דיך צו דעם צער און דער טראַגיק פון איר איבערלעבונג, אין דעם אויפ־זינג פון אירע לידער, „פון יענער זייט ליד".

רחל ה. קאָרן איז ערדיש אין איר אויפפאַסונג פון וועלט און מענטש.

אירע מעטאַפאָרן אין ליד און אין פּראָזע, זענען אויף אַזוי פיל ערדיש און בילדלעך, אַז זיי קריצן זיך איין אין דיין זכרון מיט זייער בראשיתדי־קער בילדלעכקייט, פרימיטיווער שיינקייט און מיט דעם אור־אַראָמאַט פון קדמונישן אַפּשטאַם.

אין רחל ה. קאָרנס באַוווּסטזיין, אַז ...פון אַלע רייזעס צו דעם גליק דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו דער ערשטער קינדער־טרער... דער־שלאָגט זי זיך צו דעם דעוויז פון וויסן און פאַרשטיין, אַז ..ס'איז מיין וואָרט אַ זיווג, דער זיווג, וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין... וואָס איז ווייט נישט איבערגעטריבן, ווייל בלויז מיט דעם כוח פון איר וואָרט, האָט זי פון זיך אויסגעכישופט דעם רייץ און די שיינקייט, וואָס גיט זיך דיר איבער אין אירע געזאַנגען וואָס „פון יענער זייט ליד".

צוליב דעם, די ווונדערלעכע זעונג אירע ...ביים צוקאָפּנס פון מיין לעצטער תפילה... ווען איר מאַמע איז איר געקומען צו חלום מיט איר רירנדיקן פאַרוואָרף:

האָסט נאָך נישט אויפגעשריבן אַלץ וואָס האָסט באַדאַרפט...

צוליב דעם איר תפילה: „פאַרשעם נישט מיין וואָרט", וואָס ווערט פון איר, ביי דעם שאַרפשטיק פון איר לשון באַלעבט מיט דעם רייץ און חן פון אייגענע המצאות, ווערטער אַזעלכע, ווי: פאַרשפּלט, פאַראיובט — מיט וועלכע זי באַלעבט און באַנייט איר לעקסיק אויף דער באַזע דערפון, וואָס זי ווייסט, פילט און פאַרשטייט, אַז —

נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס ליד איז מיר אייגן,
און ס'איז ווי אַ חתימה ווי אַ גילדענע חתימה,
אויף דיין גרויסן און הערלעכן שווייגן.

דער זין אָבער פון אָט דער תפילה אירער איז, אַז איר וואָרט

זאָל נישט ווערן פאַרשפּילט, ס'זאָל נישט ווערן פאַרטריקנט.

און, ביי דעם אָנווענד פון איר וואָרט אויף דער טראַגיק פון אירע איבער־לעבונגען אין אונדזער פאַרשאָלטענער תקופה, איז עס, לויט דעם איינדרוק און דער גרויסקייט פון אירע לידער, באמת נישט פאַרשפּילט און נישט פאַרטריקנט געוואָרן.

אָט זענען מוסטערן פון גבורהדיקן אויסדרוק אין אומפאַרגעסלעכע פערזן:

האָלט ווייט פון מיר דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרשטענדלעך,
דאָס אומפאַרשטענדלעכע מאַך נאָענט מיר, מיין גאָט,
און זאָל דאָס גרינענדיקע בלאַט פון בוים ביים וועג
לערנען מיט מיר דעם פשט פון תמימותדיקן סוד.

פון דעם איז צו זען, אַז איר אינטערעסירט דער עיקרשט דאָס אומ־פאַרשטענדלעכע — אונדזער גרויסער פאָלקס־אומגליק! — דער סוד פון אונדזער אומקום — אין איר לשון: דער פשט פון תמימותדיקן סוד. און איר געבעט פאַרסכהכלט זיך בלויז צו דעם, אַז —

נאָר לעש נישט אויס פון מיין זכרון דאָס, וואָס איז געווען,
פאַרשוועכ נישט מיט קיין ליכט נאָך מיר דעם שמאָלן סליאַד,
און, אַז כ'וועל ווענ'ס אַמאָל פיר ווענט אָנרופן: היים,
זאָל מיר צוקאָפּנס שטענדיק שטיין מיין נע־ונד.

וואָס זי קען נישט, טאָר נישט און וויל נישט פאַרגעסן. און מיט אַלע אירע רמ"ח אברים, וויינט זי אַריין אין דיין געמיט איר תפילה בלחש:

און זאָלן מיינע אַקסלען קענען כאַטש דערטראָגן
ביז צו דער לעצטער שעה דעם אויסגעשעפּטן צער.

אָט אַזוי ...געפינט דער טרויער, וואָס זוכט אַ וועג צו מיין ליד... אַ

תיקון, אין איר זעלטן גוט־אויסגעהאַמערטע לידער, אויף דער פּאָן פון דער טראַגישסטער תקופה אין אונדזער פאָלקס־לעבן. —

אירע זעונגען פון דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, זענען וווּנדערלעך פאַר־טראַכט און אויסגעפּירט, אין דער לירישער אויפפאַסונג פון אַ דיכטערין, וואָס איז געוואַגט אין דעם אויספיר פון אירע אָבסערוואַציעס, השגות, חלומות און וויזיעס, אין אַ סטיל און אין אַ לשון, וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין פירושים.

אָט זענען אַ צאָל פראַגמענטאַרישע ביישפּילן:

ס'קען זיין: וועסט מיך אַרויסרייסן פון לעבן,
ווי ווינטערדיקער ווינט ס'פאַרגעלטע, לעצטע בלאַט,
און מיך אָוועקטראָגן אַהיים, וואָס וואַרט אויף מיר
נאָך אַלע וואָגל־וועגן פון מיין נע־ונד.

— — — — — — — — —

און אַלץ וועט ווידער ווערן אַזוי קינדיש־פּראָסט,
און אַלע עוולות אָפּגעמעקט, און איינגעוויגט די פּיין,
און ס'וועט אַ בוים מיט וואָרצלען אויסגעשפּרייטע זוכן
אין וואַרעמקייט פון ערד מיין איינגעשטילט געוויין.

דערפון איז צו זען, ווי איר נע־ונד האָט זיך גורלדיק פאַרוואָקסן אין איר געביין, און ווי עס גייט איר נאָך איר געוויין, ביז דער סאַמע לעצטער זעונג אירער אין איר געזאַנג „פון יענער זייט ליד", און אויך אין איר גע־זאַנג פון יענער זייט שוועל און פון יענער זייט זומער.

רחל ה. קאָרן ווייסט אגב גלייכצייטיק אויך צו זינגען פון דעם, אַז —

אַ פרעמדע האַנט וועט צומאַכן די אויגן —
און אַז אַ פרעמדע האַנט, איז וואָס? איז וואָס?
ס'וועט זיך פאַר מיר פאַרנייגן דורכן פענצטער
אַ לעצטער שטראַל מיט ברידערלעכן גרוס.

— — — — — — — — — — —

נאָר ווען נאָך האַלבער נאַכט וועט פרישע ראָסע פאַלן,
מיט שווערע טראָפּנס האַלטן גרעזער איינגעבויגן,
צי וועט דען עמעץ וויסן, אַז דאָס זענען מיינע טרערן,
ווייל ס'האָט אַ פרעמדע האַנט מיר צוגעמאַכט די אויגן?

דער פּאַרעלטערטער „עמעץ", וואָס איז ביי אונדז אַמאָל אַזוי פאַרשריגן געוואָרן ווי באַנאַל, לעגיטימירט זיך דאָ אויף ס'ניי אין דער גאַרער תמימות פון זיין אָריגינעלער באַדייטונג. און די סימבאָלישע טרערן — אויסגעוויטיקטע אויף דער פּאַן פון אונדזער טרויעריק־רעאַלן לעבן, געפינען אַזוי אַרום אַ תיקון אין דעם געזאַנג פון איר „פון יענער זייט ליד", וואָס גייען דיך נישט פאַרביי, אומבאַרירט.

אונדזער דיכטערין, וואָס איז געוואָרן אויפגעריכט מיט דער גרויסער עשירות פון גאָר אַ סך ליידן, ווייסט אויך צו דערציילן וועגן זיך, אַז —

איך בין די יורשטע
פון וועלטן נישט־געבוירענע,
פאַר וועלכע כ'האָב נעסטן געפלאָכטן
אונטער דעם דאַך פון מיין טרוים.

וואָס גיבן זיך דיר איבער אין קאָלירפולע לידער, וואָס רירן מיט זייער פּאַטאָס. איר פּאָעמע „איוב", למשל, כאָטש פאַרטראַכט און אויסגעפירט ווי אַ היסטאָרישע טעמע — איז כמעט היינטצייטיק אין סימבאָלישן זין אין איר אויפפאַסונג, און מאָדערן אין איר אויספיר. פונקט ווי איוב אַמאָל, זינגט רחל קאָרן היינט, ליריש אַזוי:

איך האָב שוין אַלץ באַוויינט, וואָס איז נאָר ווערט אַ טרער,
איצט קען איך שוין נישט וויינען און נישט לאַכן מער.

וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אירע אייגענע ליידן און איבערלעבונגען אין דעם חושך פון דער היטלער־תקופה, אין דעם טרויעריקן געזאַנג פון אונדזערע טעג.

די נאַטור־בילדער אירע שטעלן מיט זיך פאָר די קרוינונג פון איר דיכטונג, אין שייכות מיט איר צוגעבונדנקייט און פאַרליבטקייט אין דער ערד מיט אַלע אירע וווּנדערלעכע דערשיינונגען, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען אין איר נע־ונד אין דער פרעמד.

די לידער א. ב. „ווי פון תנ"ך אַרויס", אָטעמען מיט דער אורשיינקייט פון אונדזער בראשית, וואָס גילגולט דאָ אויף מיט דער עכטקייט פון אַ טיפּיש יידישער טאָכטער, וואָס ווייסט צו דערציילן, אַז —

ביסט שוין געווען אין מיין בלוט נאָך ערב מיין געבוירן,
האָסט זיך געצייטיקט מיט מיין פּאָטערס דאַוונענדיקן ניגון
און געפּרילינגט צווישן בלעטער פון מיין מאַמעס תּחינה,
וואָס פּלעג מיין אומרו קינדישן פאַרשטילן און פאַרוויגן.

אין איר צוגעבונדנקייט צו איר אומה און דער באַגייסטערונג פאַר אונדזער באַנייטער מדינה, זוכט זי אַ פאַרבינדונג צווישן דעם נעכטן און דעם היינט. און וואָס דערזעט זי דאָרטן און געפינט?

אין ראָזלעך גרינע קנייטשן פון די בערג גלילער
האָב איך איצט דערזען אויף ס'ניי מיין מאַמעס חופּה־קלייד,
ביי רמבמס קבר אויפגעגאַנגען איז מיין פּאָטערס שטימע
דורך שטילקייט פון פאַרנאַכט ביים ראַנד פון טאָג פאַרזייט.

איר מאַמעס געשטאַלט גייט איר נאָך אויף אַלע אירע וועגן און אומוועגן פון איר טראַגיש לעבן.

און איר פּאָטערס קול דערטראָגט זיך צו איר דממה־דקהדיק, דורך דער שטילקייט פון פאַרנאַכט, ביים רמבמס קבר...

זי זינגט דאָ אויך פון דעם, וואָס —

איך זוך דעם שטערן, וווּ פאַראַנקערט איז מיין באָבעס תּפילה,
„גאָט פון אברהם, גאָט", — איך ווער צוריק אַ קינד.
און כ'ווייס נישט צי ס'איז טוי, צי אפשר גאָר אַ טרער,
וואָס ס'קושט אַראָפּ פון באַק דער אָוונטיקער ווינט.

אָט דאָס איז דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט דעם נעכטן מיט דעם היינט, אין די זעונגען פון אַ הערצישער דיכטערין, וואָס בלאָנדזשעט נישט אין דער באַנייונג פון איר דיכטונג „פון יענער זייט ליד"; וואָס זי דערפירט כמעט צו איר אָריגינעלן, פון סאַמע אָנהייב דערמאָנטן דעוויז, אַז — ...פון אַלע רייזעס צו דעם גליק דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו דער ערשטער קינדער־טרער... וואָס זי האָט אַזוי פּאָעטיש אַריינגעוויטיקט אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג.

„מיין האָב און גאָב"

פון מאיר זימל טקאַטש

א

דער זינלעכער באַדייט פון „מיין האָב און גאָב", די „געזאַמלטע פערזן" פון דעם דיכטער מאיר זימל טקאַטש אין צוויי בענד, ליגט פאַרוואַרצלט אין דער וואָגיקייט און תוכן פון זיינע לידער, וואָס אָן דעם, וואָלט עס זיך זיכער רעדוצירט צו סתם אַ שיין קלינגענדיקן, אָבער זינלאָזן נאָמען — אַ פוסטע פראַזע.

אַ דיכטער מיט אחריות פאַר זיין שליחות, זעונג און טואונג, זוכט אַלע מאָל אַ תיקון אין דעם ריטמישן אויסלייג פון זיין וואָרט, אין דער עכטקייט פון זיין ליד, וואָס מוז און באַדאַרף אויסדריקן זיין געמיט־צושטאַנד אין אַ לשון, וואָס מוז זיין פאַרשטענדלעך פאַר אים גופא און אויך קלאָר, פאַר זיין לייענער, דעם אָפּנעמער־און־אויפנעמער פון זיין געזאַנג אין לידער, ווי אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דעם דיכטערס איבערלעבונג, וואָס ווערט פון אים גופא קאָנאָניזירט צו אַ דויערהאַפטיקן ווערט, אין דעם לשון און אין דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק.

לידער קענען געשריבן ווערן מעכאַניש, לויט די באַגרינדעטע כללים און געזעצן פון דער פראָזאָדיע, די טעאָריע און די לערע, ווי אַזוי צו שרייבן פערזן. דער מחבר פון אַזעלכע „פערזן", מוז אָבער און קען אויך פון דעסטוועגן נישט זיין קיין פּאָעט אין דעם זין פון שעפערישער עבודה. אַזעלכע געמאַכטע „לידער", זענען בטבע דורכויס ווערטלאָז און זיי ווערן בדרך כלל געשריבן, איך אונטערשטרייך: געשריבן און נישט געשאַפן — פון פיפיקע און אַמביציעזע לידער־מאַכער, טאַלאַנטלאָזיקייטן — אויב איר ווילט, וואָס שרייבן בלויז מיט טינט־און־פעדער, אָן דער אילוזיע פון אַן עכטער איבערלעבונג, וואָס איז זיי לגמרי פרעמד.

אמתע לידער, זאָל דאָ געזאָגט ווערן — ווערן געשאַפן, נישט געשריבן — מיט דעם בלוט, האַרץ און נשמה פון פּאָעט, אויף דער פּאַן פון אַ גע־בענטשטער אינטויציע, געוויסנהאַפטן איינשטעל און וועלטאַנשויונג פון דיכטער, וואָס זענען עכט אין זייער איבערלעבונג, און שוין צוליב דעם אַליין זענען זיי קאַפּאַבל מיטצורייסן אַ מיטשעפערישן לייענער; אים דער־

הייבן צו דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות, בשעת ער איז זיך מתדבק מיט זיי.

דער דיכטער מאיר זימל טקאַטש געהערט צו אָט דער לעצטער קאַטעגאָריע שעפערישע דיכטער, וועמענס לידער שטעקן דיך אָן מיט דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג, און זיי האַלטן דיך געשפּאַנט מיט דער עכטקייט פון זיין ליריק, וואָס איז טיילוויז אויך זאַגעריש, אַ דאַנק זיין געפיל פון גלויבן און בטחון אין דער הייליקייט און אייביקייט פון דעם לעבן, וואָס דערפירט זיינע קרעדאָס צו דער תמימות און דער הכנעה פון אַ פּאָעט, וואָס ווייסט פאַר וועמען ער שטייט, בשעת ער גאַפט פון דער שיינקייט פון דער יצירה, דעם קאָלאָס וועלט און מענטש — און וואָס ווייטיקט גלייכצייטיק אויף דעם גורל פון דעם פּרט, וואָס לעבט און איז דאָך פאַרמשפּט שטופּנוויז אונטערצוגייך.

די אָנשוויונגען פון דעם דיכטער מאיר זימל טקאַטש זענען פאַרוואָרצלט אין יידיש־וויסן, תורה, און אויב איר ווילט — אויך אין באַטירלעכער חכמה.

צוליב אָט דער אָנשויונג זיינער — זיין געזאַנג „פון דור צו דור", אַן אָפּקלייב פון אגדתות, מעשיות און לידער, וואָס אָטעמען מיט יידישן בטחון, אין אַ פאַרעם און סטיל פון לויטער פשטות, אָן פּרעטענזיעס אויף אַ צווייפלהאַפטן מאָדערניזם. אַ דאַנק אָט די אייגנשאַפטן, תוכן און פאַרנעם פון זיינע לידער, זענען זיי אייביק אַלט און תמיד נײַ, אין הסכם מיט זיין דעוויז:

האָבן יידן נישט קיין מלוכה,
קיניגט גאָט, וואָס מלכים קרוינט ער;
איז דער בית המקדש חרוב,
דינט מען גאָט אַוו מען וווינט נאָר.

אַזוי באַלעבט ער אונדזער ווונדערלעכן נחום איש גם־זו, וואָס ער האָט, ווי ער אַליין —

...אין גאָט בטחון, אין די ביטערסטע מינוטן...

די נאַראַטיווע פּאָעמעס, „שלמה המלך", „משה רבינו" און די אָבות און אמהות אונדזערע, זענען אַלע אויפגעפּאַסט אין אַ שפּילעוודיק ריטמישן לשון, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט דער עכטקייט, רייץ און עשירות

פון דער פאַבולע, אין דעם אויסלייג פון אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט, וואָס נייטיקט זיך אַבסאָלוט נישט אין קיין פּירושים.

זיינע לידער „פאַר קליין און גרויס", א. נ. „דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל", האָבן זיך שוין לאַנג איינגעבירגערט אין אונדזער קינדער־ליטעראַטור, וואָס טיילן אים אויס ווי אַ דיכטער פון קינדער־לידער מיט אַן אייגן פּנים.

זיין איינציקע אַרבעט אין פּראָזע, א. נ. „פאַרן כבוד פון דער פאַבל", איז מייסטערהאַפט אויפגעפּאַסט און געשריבן. עס איז בלויז צום באַדויערן, וואָס טקאַטש האָט זיך ביז איצט נישט באַמיט צו זיין מער אַקטיוו אויף דעם געביט פון שרייבן פּראָזע.

פון די לידער פון זיינע צוויי בענד „מיין האָב און גאָב", טויכט אַרויס דער דיכטער מאיר זימל טקאַטש אין דער גאָרער פּראַכט פון זיין רייפקייט.

דער זאָגער אין אים פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין זיינע לידער, וואָס אַ דאַנק זייער רעליגיעזן ציטער און אוניווערסאַלע אויפבליצן, דערנענטערן זיי אים צו דער קרובהשאַפט מיט די דיכטער פון אונדזער פּיוט.

אַ צאָל לידער זיינע טראָגן טיילוויז דעם כאַראַקטער פון רעליגיעזער הכנעה אין תפילות צו זיין באַשעפער, אויף דעם לשון פון אונדזער פאַר־פייניקטן פאָלק, וואָס פיבערט מיט דער איבערלעבונג פון קידוש השם.

נישט דו דאַרפסט מיינע תפילות, מיינע לויבן,
ביסט אַן מיר גרויס, נאָר איך אַן דיר בין קליין
איך הייליק דיך און הייליק זיך אַליין,
איך רים דיין נאָמען און איך ווער דערהויבן.

צו זיין אַליין קליין, רימען גאָטס נאָמען און גלייכצייטיק ווערן דער־הויבן, איז באמת אַ זעלטענער מוסטער פון אַ רעליגיעז־מיסטישער איבער־לעבונג, וואָס אָטעמט מיט יראה און הכנעה פאַר דעם באַשעפער, אין ווע־מענס געשטאַלט מיר זענען באַשאַפן.

ביים ליכט פון דעם שאָטן, וואָס ווערט לענגער זינגט דער פּאָעט טיילוויז אַזוי:

איך אייל זיך צו פאַריכטן
דעם גרייז פון מיין געאייל,

כ׳וועל אויפן טויט זיך ריכטן
און מיען זיך דערווייל.

וואָס איז טיפּיש יידיש, אין האַרמאָניע מיט דעם אייביק יידישן דעוויז: על כרחך אתה חי.

טקאַטש, וואָס איז בטבע אַן עניו אין לעבן ווי אין שריפט, האָט נישט קיין טענות צו גאָט. ער באַטאָנט בלויז, אַז —

...אומעטיק איז מיר צו זען דעם שאָדן,
ווי מיינע פּירות פאַלן אויפן באָדן
אויף גאָטס באַראָט...

וואָס לאָזט זיך נישט און ער וויל בפירוש אויך נישט פאַרשווייגן. —

ב

די דערגרייכונגען פון אונדזער פּאָעזיע אויף יידיש לשון אין אַלגעמיין זענען קאָלאָסאַלע, אין זין פון לשון, פאָרעם און אינהאַלט.

אַלע אונדזערע דיכטער אָן אויסנאַם, יונג און אַלט, גרויס און קליין — סיי די וואָס זענען יאָ צי נישט געווען אין טרעבלינקע, האָבן פיבערהאַפט מיטגעלעבט און מיטגעליטן אונדזער אומבאַשרייבלעכן דריטן חורבן, וואָס האָט זיך אויף אַן אינדיווידועל־לירישן אופן, טיילווייז אָפּגעשפּיגלט אין זייער דיכטונג.

ווי אַזוי האָט טקאַטש רעאַגירט אויף דעם?

זיין ציקל לידער א. ב. „בלוט שרייט פון דער ערד", גיט אונדז אויף דעם אַן ענטפער.

שוין אין זיין ערשטן ליד „ווידוי", זינגט ער אַזוי:

איך בין מתוודה זיך פאַר גאָט אָן אויפהער,
איך זאָג: — איך ווייס נישט, גאָט, פאַרוואָס די שטראָף.
— — — — — — — — — — —
אָ, זע, ישראלס הירט, דיין ריינע סטאַדע
און זע דעם אומריינעם, וואָס האַלט דיין רוט.
ער איז נאָך ערגער פון אַ טאָרקוועמאַדאָ —
ער טובלט נישט, נאָר ער דערטרינקט אין בלוט.

אין זיינע קינות אויף דעם חורבן פון אונדזער פאָלק, ווערט ער נישט מיד צו באַטאָנען, אַז —

אַווו איך זאָל זיך נישט געפינען,
אין וואַרשע און לובלין.
איך קאָן נישט פון דיין בראָך אַנטרינען,
מיין פאָלק, — נישטאָ וווהין.

און די תּפילה פון זיין האַרצן איז:

נישט שטראָף מיך, גאָט, וואָס איך פאַרפאַס
אַ ליד פון בלוט און טרערן,
שריי אויס מיין צער אין מיטן גאַס
און שלאָג אין ברוסט ווי אין אַ פּאַס,
אַז הערן זאָל מען הערן.

ער זינגט פון זיין ווערן „בלינד געשלאָגן" און ער פרעגט:

און איצט אין חושך גיס איך טרערן
און בעט די הימלען מיר צו זאָגן:
איז נאָך פאַראַן אין אייך אַ שטערן?
איך זע נישט, איך בין בלינד געשלאָגן.

אַזוי גייען אַוועק אַ צאָל לידער, וואָס זענען איבערגעפולט מיט פּיין און טרערן, וואָס שניידן זיך אַריין אין דיין האַרץ און געמיט מיט דעם ווייטיק און צאָרן פון אונדזער דיכטער. זיי גייען דיר נאָך ווי אַ שאָטן און האַלטן וואַך דיין באַוווּסטזיין און זכרון צו אונדזער חורבן, וואָס דאָס מיינט: דער דיכטער האָט דערמיט דערגרייכט דעם זין פון זיין זינגען, אויף אַ צווייפאַכיקן אופן: ער האָט זיין אייגענעם צער פאַראייביקט און פאַרוויי־טיקט אין צאָרנדיקע, ווייטיקדיקע לידער און גלייכצייטיק האָט ער אויך אונדז, זיינע לייענער און פאַרערער — אָנגעשטעקט מיט זיי; זיי גורם געווען צו פלעמלען ווי אַ דויערהאַפטיקער נר תּמיד אין אונדזער געדעכע־ניש, געמיט און נשמה.

דער לייענער וועט זיך אַליין מטריח זיין, זיך באַמיִען און לייענען, דערצו נאָך מער ווי איין מאָל, ווי מיין ווייניקייט טוט עס נישט

זעלטן — אָט די צערפולע לידער, וואָס ווערן, אָן יעדן ספק, האַרמאָניזירן מיט זיין צעוויטיקט האַרץ און שטומען אויפנעם פון אונדזער גרויסן חורבן.

צו וועלכן ליד פון אָט דעם ציקל דו רירסט זיך נישט צו, בלוטיקט־אויף פאַר דיר דער שוידער פון דער פאַרשאָלטענער היטלער־תקופה אין צוויטן העלפט פון אונדזער פאַרחושכטן יאָרהונדערט, אין דעם צערפולן געזאַנג פון מאיר זימל טקאַטש.

אינטערעסאַנט איז, ווי אין זיין עניוות, פרווט זיך טקאַטש פאַרענט־פערן, פאַר זיין געצווונגען צו זיך אַ שעלטער. ער טוט עס אויף אַזאַ אופן:

אין איצט, פאַרשאָלטן זאַלסטו, קין, ווערן
פאַרוואָס איך פלוך, פאַרוואָס מיין צאָרן ברענט;
פאַרוואָס איך וואַש די טמא שווערד אין טרערן
און נעם זי ווידער אין די ריינע הענט;

פאַרוואָס מיט דיר — אַ חיה מיט אַ חיה —
אויף טויט און לעבן שלאָג איך זיך אין שלאַכט;
פאַרוואָס מיין טרייסט, די בשורה פון ישעיה
איז נאָר אַ חלום אין אַ לאַנגער נאַכט.

וואָס דערמאָנט אונדז אין אונדזער נאַציאָנאַלן נקמה־נעמער שלום שוואַרצ־באַרד ז״ל, וואָס האָט אַלע מאָל געליטן דערפון, וואָס ער איז געווען גע־צוווּנגען אומצוברענגען פּעטליורען, ימח שמו וזכרו — זייענדיק אַ גע־וויסנהאַפטער קעגנער פון מאָרד. פון דעם איז צו זען, אַז לא ינום ולא ישון שומר ישראל — דער געוויסן פון אַ יידישן דיכטער איז תמיד וואַך און האָט אַלע מאָל דעם מוט זיך צו אַנטבלויזן פאַר דער גאָרער וועלט.

ווי אַ דיכטער מיט אַ לאַנגיאָריקער דערפאַרונג אין דער עבודת הקודש פון שאַפן דיכטערישע ווערטן, האָט זיך טקאַטש פאַרהיימישט צו דעם סאָנעט, טריאָלעט און אַ צאָל אַנדערע און ענלעכע פאָרמען פון דיכטונג, וואָס ער האָט מיט דער צייט זיך אויסגעלערנט צו באַהערשן, און דערמיט באַרייכערט זיין אייגן האָב און גאָב, ווי אַ זינגער און אַ זאָגער, אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג.

גלייכצייטיק איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון דעם שטראָם פון צייטווייליקע שטרעמונגען און

איבערגאַנגען אין דעם באַרג־אַרויף, אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער דיכטונג אין אַלגעמיין, וואָס באַנייט זיך אגב אַלע מאָל מיט די נייסטע דערגרייכונגען.

טקאַטש איז געדולדיק געגאַנגען זיין אייגענעם וועג פון אַן עקשן אַ פּאָעט, אָנגעהאַלטן דעם סטאַזש פון זיין באַשיידנקייט אין די ראַמען פון אַ דאַנקבאַרער און געבענטשטער פּשטות אין לשון, מיט וועלכן ער אידענטיפיצירט זיך ביז זיין איצטיקן עלטער.

אין דעם ליגט זיין דערגרייכונג און אויך אונדזער געווינס.

מיר וויסן אגב אויך, אַז בשעת אַ צאָל מיטצייטלער זיינע, פּאָעטן פון זיין דור, האָבן זיך גאָר אַ סך צעבריקעוועט, געפּראַוועט „פּאָעזיע" — און נישט ווי טקאַטש געשאַפן פּאָעזיע — האָבן זיי זיך גלייכצייטיק אויך באַמיט, זיך צו פּוצן אין פרעמדע פעדערן. אונטער דעם פאַלשן אויסרייד און פּרעטענזיע צו זיין מאָדערן, זענען זיי געווען און פאַרבליבן אינפאַנטילע „פּאָעטן", דערצו נאָך — אין קלאָמערן; גאָרנישט נישט געלערנט און אויך גאָרנישט נישט דערגרייכט, דערביי אויך נישט זעלטן פאַרגוואַלדיקט און פאַרוואָלגאַריזירט, אַפילו פאַרשעמט — אונדזער יידיש לשון, מיט זייערע מאַניפּולאַציעס זיך צו באַניצן מיט אַן אומפאַרשטענדלעך לשון, מיט וועלכן זיין האָבן דערגרייכט דאָס פאַרקערטע — פאַרקריפּלט און פאַרשעמט אונדזער מאַמע יידיש.

דער פּשטן, וואָס מאיר זימל טקאַטש איז, לויט זיין אייגענעם, פּאָעטישן דעוויז:

איך שרייב אַן קונצן, כ'בין אַ פּשטן,
הגם צו שרייבן לייכט איז שווער.
מיט שוואַרצער קונסט אַ קאַמאָפלאַזש טאָן
זאָל יענער, וועמענס וואָרט איז לער.

האָט ער זיך אַליין דערהויבן צו דער הייך פון אַ זינגער און אַ זאָגער. ביידע, דער זינגער און דער זאָגער אין אים — באַדינען דאָ זיין ליד און דערגענצן זיך איינער דעם אַנדערן. דער זאָגער ברייטערט אויס און פאַרטיפט זיין מחשבה. דער זינגער ווידער — פאַרבילדלעכט זיין וויזיע אין דעם לבוש פון אַ ריטמיש לשון, וואָס זינגט זיך אַריין אין דיין געמיט, אין דעם אויסלייג פון דער קלאָרסטער זעלבפאַרשטענדלעכקייט. אויף דעם

זאָגן עדות זיינע פּאַבלען, וואָס זענען איבערגעלאָדן מיט תוכן, פילאָזאָפישע המצאות, נאַטירלעכער לעבנס־חכמה, גוט פאַרטראַכט און פּאָעטיש בילד־לעך אויסגעפירט.

אין זיין קליינער צאָל „נייע לידער", דערלויבט זיך דער דיכטער אָפן צו אַנטפּלעקן זיינע קרעדאָס ווי אַ דיכטער, אין דער קאָנצענטרירטער פאָרעם פון „לידער צו אַ פּאָעט", וואָס דינט אגב ווי אַ שליסל צו דעם אוצר פון זיין דיכטונג.

ווי צו אַ חבר אָן אינטימען
און ווי פאַר דעם המון אַ הימן —
פון וואָס דו קלערסט, אין וואָרט זאָל קלאָרן;
פון וואָס דו טרוימסט, אין וואָר זאָל וואָרן,
און ס'וואָרט זאָל ווי אַ דופק שלאָגן —
ס'זאָל ריטמען זינגען, נישט נאָר זאָגן.

און זיין ליד „לשון", פאַרענדיקט זיך אַזוי:

פּאָעט! פון דעם אוצר דעם רייכן
דאָס טייערסטע נעם, נאָר פאַרשווענד נישט —
אויב גאָרנישט דו האָסט צו באַלייכטן,
מיט בלאַנקער מליצה פאַרבלענד נישט.
פאַרבלענד נישט, נאָר אויך נישט פאַרשאָטן
די פלאַכן פאַרשטעלטע פאַר תהומען.
דאָס לשון אַליין האָט געבאָטן
אָנצורופן זאַכןביים נאָמען.

אָט דער פאַרזאָג טקאָטשס: נישט צו פאַרבלענדן מיט בלאַנקער מליצה, אויב איינער האָט נישט וואָס צו באַלייכטן — איז נישט נאָר אָן עטיש געבאָט, געניאַל פאַרטראַכט פאַר אַנדערע, — נאָר, דער עיקרשט טאָקע די שטרענגסטע פאָדערונג צו זיך אַליין, וואָס דער פשטן, זינגער און זאָגער־פּאָעט מאיר זימל טקאַטש, האָט אַליין געוויסנהאַפט דורכגע־פירט אין די ראַמען פון חשיבות, וואָס וועט פאַרבלייבן אַ וואָגיקער צו־שטייער אין דעם אוצר פון אונדזער באמת רייכער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

האָריזאָנטן

פון דער היינטצייטיקער סאָוויעטישער דיכטונג

צווישן די אומצאָליקע דעפיניציעס וועגן דעם מהות און ווערט פון דיכטונג, וואָס האָבן זיך באַקומען אין לויף פון יאָרן, איז פאַראַן איינע, וואָס זאָגט: דיכטונג מיינט, אַן אַקט פון יצירה אין דעם לשון פון מענטשן, וואָס אַנטשפּרעכט די עפּאָכע אין וועלכער זי ווערט באַשאַפן, ווי אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון די לאַנגיאָריקע דערפאַרונגען אין דעם עבר, מיט דער אויסשליסלעכער טענדענץ צו באַשאַפן אַ קאָנקרעטע סינטעז צווישן דעם היינט און דעם נעכטן, אין די זעונגען פון דעם מאָרגן, אין אַ פּראָצעס פון פאָרויסגיין די צייט אין וועלכער מיר לעבן, שאַפן אוןווירקן.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון אָט דער הנחה, מעג דערייבער געזאָגט ווערן: די היינטצייטיקע סאָוויעטיש־יידישע דיכטונג, וואָס פונקציאָנירט אגב אונטער דעם שאָטן פון די ווילדסטע בילבולים אויף יידן — איז אַגרעסיוועד פון דער דיכטונג אויף יידיש־לשון, אויף דער זייט פון דעם אייזערנעם פאָרהאַנג.

אין גרונט גענומען, איז אָבער די היינטצייטיק סאָוויעטיש־יידישע דיכטונג נישט אַנדערש פון דיכטונג בכלל, דאָרט ווו זי איז און באַדאַרף זיין! — דורכויס עכט אין איר איבערלעבונג, און זי צווינגט אויף זיך אַליין נישט אַרויף קיין פליכט־מאָטיוון צו דער הערשנדיקער מאַכט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים...

אין אונדזער צערפולער איבערלעבונג בנוגע אונדזערע סאָוויעטיש־יידישע הרוגי מלכות געפינען מיר איצט אַ באַשטימטן המשך פון זייערע פאַרשוועכטע און איבערגעריסענע טואונגען, אין דער באמת פּראַכטפולער אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן פון דער היינטצייטיקער סאָוויעטישער יידישער דיכטונג". וואָס אַ דאַנק דעם עצם־פאַקט פון איר עקזיסטענץ און פונקציע, דער עיקרשט — אַ דאַנק דער עכטקייט פון דעם פּאַטריאָטיזם פון די מערסטע דיכטער בנוגע דעם לאַנד אין וועלכן זיי האָבן געליטן און ליידן, צו אונדזער ווייטיק און שאַנדע — נאָך איצט, ווי אַ כלל און אויך ווי יחידים — מער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צוזאַמענגענומען — קולטורעל, גייסטיק, פיזיש און מאָראַליש, איז אָט די אַנטאָלאָגיע, מיר

דוכט, דער גרעסטער פּאָעט אין פּנים די סאָוויעטישע מושלים, וואָס האָבן ערשט די טעג, אין דעם חודש אָקטאָבער 1965, אויף אַן אומפּאַרשעמטן, חוצפּהדיקן אופן פון אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן אַן אַ צודעק פון זיידע־נע העמדלעך, אַריינגעבראַכט דעם זינלאָזסטן פּאַרשלאַג אין דער יונייטעד ניישאָנס „קאָמיטע פאַר מענטשן־רעכט", צו פאַרדאַמען, פּנים אל פּנים „ציוניזם, נאַציזם און נעאָנאַציזם" אין איין אָטעם־צוג, וואָס האָט אָגב אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג איבער דער גאַרער וועלט.

יוסף קערלער, למשל, דער 47־יאָריקער פּאָעט פון אוקראַיִנע — זינגט אין זיין „היימלאַנד" אַזוי:

זיי מיר געבענטער פון מיין געזאַלצן העמד,
ווען דאָס האַרץ פון בענקשאַפט איז פאַרקלעמט,
ווען אַרום איז חושכדיק און שוואַרץ,
זאָל דיין וואַלגער־ליד אַ שטראָם טאָן פונעם האַרץ!

וואָס קען נאָך זיין פּאַטריאָטישער, ווי אָט די תפילה פון דעם סאָוויע־טיש־יידישן פּאָעט צו זיין היימלאַנד, ווי עס זאָל אים ...זיין געבענטער פון מיין געזאַלצן העמד?...

צי דאָס געזאַנג פון 57־יאָריקן פּאָעט יאָסל בוכבינדער פון אוקראַיִנע, וואָס זינגט:

קיין געוויכט וואָלט נישט געקלעקט מיר אָפּצוּווּעגן זאָרגן
און ליידן פאַר מיין היימלאַנד, פאַר מיין צאַרטער היים.
ווען דאָס האַרץ מיינס זאָל נישט זאָרגן
פאַר רוסלאַנדס יעדן מאָרגן —
אויסגערונען וואָלט עס שטיל פון זיך אַליין.

וואָס נייטיקט זיך בכלל נישט אין קיין קאָמענטאַרן און פּירושים, אין שייכות צו דער לאָיאַליטעט פון אַ ידישן בירגער אין סאָוויעטנפאַרבאַנד, צו זיין אַדאָפּטירט היימלאַנד.

און כאָטש די אַנטאָלאָגיע איז צושטאַנד געקומען אונטער דער השגחה און מיט די טמא־הענט פון דעם טרויעריק־באַרימטן אַרן ווערגעליס, זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן: אָט די אַנטאָלאָגיע פון דער הײנטצייטיקער סאָ־

וויעטיש־יידישער דיכטונג א. ב. „האָריזאָנטן“, איז אונדז זייער ליב און טייער.

מיר נעמען איר אויף מיט דער גרעסער פרייד און חשיבות. וואָס אַזאַ אַקט פון יצירה האָט ענדלעך זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו אונדזערע הער־צער, מיט דער געצוווּנגענער הסכמה, און צוליב דעם — איבער די קעפּ און דורכויס אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען פון דער אָפיציעלער סאָוויעטי־שער אָנפירערשאַפט, אונטערן דרוק און איינפלוס פון די פּראָטעסטן פון די אָנגעזעענסטע וועלט־ און קולטור־פירער איבער דער גאָרער וועלט, קעגן דער רעכטלאָזיקייט און עפנטלעכער פאַרגוואַלדיקונג פון יידיש לעבן, אין דעם אַזוי גערופענעם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די טעמאַטיק פון דער אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן“ איז קלאָרפול אין דעם זין, וואָס זי איז אין זיך כולל די חבלי־לידה פון אונדזער פיל גע־פּרוווטן דור, וואָס איז געווען אינסטרומענטאַל, אַ שטויס צו טון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע צו די העכסטע דערגרייכונגען אויף אַלע גע־ביטן פון אונדזער לעבן דאָ אויף דער ערד, אויב נישט נאָך העכער...

אונדזערע דיכטער־אַנוסים ווידערשפּרעכן אָבער עפנטלעך, — אַ דאַנק דער עכטקייט פון זייער דיכטונג, — דעם עפנטלעכן בלאָף פון די סאָוויע־טישע מושלים, וואָס ווערן נישט מיד צו באַטאָנען, אַז אונדזערע סאָוויע־טישע ברידער האָבן נישט קיין אינטערעס אין יידיש לשון, יידישער קול־טור אין אַלגעמיין — און אַז זיי אַליין, די יידן, — ווילן זיך אַסימילירן.

דער 53־יאָריקער פּאָעט פון טשערנאָוויץ, מאיר כאַראַץ, למשל, זינגט אין זיין „זיכרון פון פעלדער“, טיילווייז אַזוי:

אין זיכרון פון רוינען
לעבן נאָך די אַלטע יאָרן
און עס קומט זיי אויפן זינען
דאָ אַ גאַניק, דאָרט אַ גאָרן.
דאָרט אַ טיר און דאָ אַ טויער
פון אַן אַלטן באַלעגאָלע.
אין זכרון פון מיין טרויער
קלינגט דעם חזנס אַן אל מלא.

— — — — — —

דורך דער וועלט דער אָפּגעברענטער
קוקן יידישע געזיכטער,
אויסגעלייטערט און געענדערט
פון דער צייט און דער געשיכטע.

דעם חזנס אל מלא, וואָס קלינגט אין זיין זכרון, און די יידישע פּנימער, וואָס קוקן דורך דער וועלט דער אָפּגעברענטער, באַוואָרניקן נאָך אַלץ דעם סאָוויעטיש־יידישן דיכטער און זאָגן עדות, אויף זיין צוגעבונדנקייט צום יידישן שטאַם, פון וועלכן ער וויל זיך בפירוש נישט שיידן, אונטער דעם דרוק פון זיינע טרויעריקסטע דערפאַרונגען.

אין אַ צווייט ליד זינגט דער זעלבער פּאָעט נאָסטאַלגיש פון זיינער אַ יוגנטלעכער איבערלעבונג, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט די יידישלעכסטע סימבאָלן פון אונדזער ספר שיר השירים, וואָס מעגן מיט רעכט אָנגעווענדט ווערן אויף אונדזער כלל:

און ווו איך טו זיך נאָר אַ ריר,
ליגט אָפן שוין פאַר מיר דער שיר
השירים פונעם מלך שלמהן.

אונדזער יידישער חורבן ווערט אין אָט דער אַנטאָלאָגיע באַזונגען אויף זייער אַ פּאַטעטישן, גלייכצייטיק אָבער — געוואַגטן און העראָאישן אופן, פון די מערסטע סאָוויעטיש־יידישע פּאָעטן.

הערט, ווי עס זינגט הירש אָשעראָוויטש, דער 57־יאָריקער פּאָעט פון דער ליטע, אין זיין ליד „פעניקס":

פונעם אַש פון שטויב, פון בראַנד און בלוט
כאַפּ אַרויס אַ גאַנץ געבליבענע מינוט,
היט איר וואַקסן — ווערן שעה, מעת לעת און יאָר,
מענטשן־לעבן, דויער פון אַ דור,
אייביקייט, אומענדלעכקייט, אין סוף —
מיט אַ נייעם אָנהייב פּלעט דעם סוף.

וואָס ווינקט אָן און באַטאָנט אויף אַ סימבאָלישן אופן אונדזער נצח ישראל, אין אַ סביבה פון זיין אָפּט אַליין געצוווּנגען, אונטער דעם דרוק פון צוואַנג

און מורא, צו פאַרלייקענען די אייגענע אידענטישקייט ווי אַ באַוווּסטזיני־קער ייד, וואָס וויל בפירוש אָנהאַלטן זיין יידישקייט ביי אַלע אומשטענדן.

און דער 42יאָריקער פּאָעט איטשע באָרוכאָוויטש פון ווייסרוסלאַנד, זינגט אין זיין געוואַגטקייט, אין זיין וואָגיקער און קרעפטיקער פּאָעמע „זאָל שטיין דער אומרו אויף דער וואַך“, אַזוי:

פאַרגיב מיר, גרויסער מענטש, פאַר איינס:
וואָס דאָ אין שטאָט, ביי דיר אין הויז
מיין האַס איז, ווי אַ שפּיז, אַנטבלויזט,
וואָס כ׳רייד צו דיר מיט שווערד באַשווערט —
אַן אַפּיציר פון רוסלאַנדס ערד.
— — — — — — — —

אָ, מאָצאַרט, ס׳איז דיין נאָמען צאַרט,
נאָר וויפל פּיין אין אים און צער!...
דער שוואַרצער מענטש, וואָס שטערט דיין שלאָף,
באַקומען האָט פון אונדז די שטראָף!
— — — — — — — — —

דערגרייך אַהין, מיין רוף, צעמיש
דעם ווין אויף יום־טובדיקן טיש,
ביים אָרעם ברויט־און־זאַלץ דערמאָן,
אַז ווידער שטייט די וועלט אין קאָן.

דער שוואַרצער מענטש זיך איילט, זיך פלייסט,
אין הונדערט פּנימער זיך ווייזט.
ס׳איז דיר, מיין רוף, פאַרטרויט אַ סך —
זאָל שטיין דער אומרו אויף דער וואַך!

דאָס איז די אומרו פון אַ יידישן פּאָעט לגבי דעם גורל פון זיין אייגן פאָלק און זיין אַדאָפּטירט פאָטערלאַנד, וואָס לאָזט אים גלייכצייטיק נישט אויפהייבן דעם קאָפּ.

די זיבן פרויען־דיכטערינס וואָס זענען פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן“, זענען ווייט נישט הינטערשטעליק לגבי די מענער־פּאָעטן, אין זין פון טאַלאַנט, פאָרעם און אינהאַלט.

אָט איז אַן אויסצוג פון דער פּאָעמע „22סטער יוני", פון רחל בוימוואָל:

איך בין אַרויס, כ'האָב צוגעמאַכט די טיר
און נישט געטראַכט, אַז זי וועט גלייך פאַרשווינדן,
און אויך די גאַנצע שטוב מיט איר,
אַז ס'קען אַ הויז זיך גרינג צעבינדן
און אויסשיטן די שויבן און די ווענט,
אַז אין איין רגע ווערן קען פאַרברענט
אַלץ, אַלץ, וואָס ס'האָט דער מענטש דערהויבן
און אויסגעוואַרעמט מיט די הענט.

וויפל הויך־שרייענדיקע, שטילע טראַגיק, עס וויטיקט אַרויס פון אָט די איינפאַכע אַכט פערזן!

רחל בוימוואָל איז אגב אַ זעלטענע דערשיינונג אין אונדזער דיכטונג. די פשטות פון איר ליריק איז, נישט זעלטן, רירנדיק אין דער עכטקייט.

מען זאָגט, מיין טאַטע איז געווען בלוי־אויגיק, מיט אַ פונק
אין האַרצן פון אַ גאָט־געבענטשטן זינגער.
אויף שטענדיק שוין וועט ער פאַר מיר פאַרבלייבן יונג, —
פון אַלע לעבעדיקע טאַטעס יינגער.

צי אַזאַ פּאָעטישער אויפזינג וועגן דעם פשוטן וואָרט:

אין דעם פשוטן וואָרט
אַזאַ קראַפט איז באַהאַלטן, —
דאָס קען ער נאָר, דער דיכטער,
ווי אַן אַטאָם שפּאַלטן.

איר פּאָעמע „אַ שמועס מיטן לייענער" קען, דוכט מיר, דינען ווי אַ שליסל צו דער ווידערבאַנייונג און אויפלעב פון דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג.

שוין די ערשטע סטאַנזע פאַרכאַפּט דיך, מיט דער עכטקייט פון איר פשטות

ניט גערעדט מיט דיר לאַנג, מיין לייענער.
און דו האָסט געוואַרט געדולדיק.
וואַרף נישט אין מיר קיין שטיינער, —
גלייב מיר, איך בין נישט שולדיק.

דער אמת פון דיכטונג אַנטפּלעקט זיך דאָ אין דער דיכטונג פון אמת, אין דעם מויל פון דער 51יאָריקער דיכטערין רחל בוימוואָל — וואָס ווישט אָפּ די מחיצה צווישן דער דיכטונג פון אונדזער וועלט־פּאָלק, מיט דער דיכטונג פון אונדזערע ברידער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג.

די אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן" איז נאַטירלעך אויך נישט ריין פון אָפּגע־ריבענער באָמבאַסטיק —

בלויז איר זייט די שפּע, נאָר איר האָט אַ ווערט,
איר, העגט האָרעפּאַשנע, די רייכקייט פאַרמערט.

זינגט דער 45יאָריקער פּאָעט חייםביידער פון אוקראַינע.
צי דאָס געזאַנג פון

...ליכטיקע אַנטפּלעקונגען אויף דר׳ערד —
פּאַרטיי
און מאַרקס,
און שטרייק,
און פּראָלעטאַריער,
און ,נידער מיטן קייסער ניקאָליי׳...

אין דעם באַנאַלן אויפזינג פון דעם עלטערן, 70יאָריקן פּאָעט הירש בלאָ־שטיין, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט פאַרגעסן ווערן, אויף נישט צו קומען צוריק אין דעם פּרדס און דער עשירות פון אונדזער דיכטונג, כאָטש ביי דעם זעלבן פּאָעט הירש בלאָשטיין, האָט זיין פּאַטריאָטיזם צום לאַנד אין וועלכן ער לעבט, גלייכצייטיק געקראָגן אַזאַ זעלטן פּאָעטישן תיקון, אין זיין פּאָעמע „לחיים":

אַן זון קאָן נישט וואַקסן און בליען דער בוים,
דער מענטש קאָן נישט לעבן אָן לידער און טרוים.
זיין היינט איז אין גאַנצן פון מאָרגנס געוועבט,

אַזוי ווי דאָס לאַנד, ווו ער ליבט און ער לעבט, —
דאָס לאַנד, וואָס באַלייכט גאָר די ערד מיט זיין שיין...
דער מענטש איז געבוירן אויף גליקלעך צו זיין.
— — — — — — — — —
לחיים, חברים! געזונט לאָמיר זיין!

דער אונטערטאָן פון אָט דער שפּילעוודיק־ריטמישער פּאָעמע איז אַפילו דער זעלבער. די טענדענץ איז דאָ אויך פון אַ דורכויסיקן פליכט־מאָטיוו און כאַראַקטער. סטיליסטיש אָבער און שפּראַכלעך ברויזט זי ממש מיט אַ לעבן, וואָס איר עכטקייט פון לחיים, חברים! געזונט לאָמיר זיין! — לאָזט זיך בשום אופן נישט אָפּפרעגן.

די אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן" פאַרדינט בלי שום ספק, אַ לענגערע און מער זאַכלעכע אָפּהאַנדלונג, צוליב דער ערנסטקייט און פאַרנעם פון איר טעמאַטיק, אין דעם מויל פון 52 טאַלאַנטירטע, סאָוויעטיש־יידישע דיכטער, אין אַ געלייטערט לשון, סטיל־ און פאָרעם־דערגרייכונגען, וואָס יעדער איינער פון זיי פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אָבער לײדער כמעט ווי אוממעגלעך אַרומצונעמען אין איין אַרטיקל, וואָס האָט אַזוי אויך גענוג שוועריקייטן צו געפינען אַ פּאַסיק אָרט פאַר זיך, אין אונדזערע פאַר־אָרעמטע אויסגאַבן.

זאָל זשע דאָ דעריבער אין קורצן געזאָגט ווערן: די אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן פון דער היינטצייטיקער סאָוויעטישער דיכטונג", האָט אַלץ איינס דערגרייכט איר צוועק, אַ דאַנק דער וואָגיקייט פון איר תוכן און פאַרנעם, מיט וואָס זי האָט זיך אַריינגערינגלט אין דער גאָלדענער קייט פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון, וואָס איז די צירונג פון אַלע אונ־דזערע ליטעראַטור־דערגרייכונגען אין דעם אוצר פון אונדזער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

כן ירבו!

מיינע מעת־לעתן

(לייב וואַסערמאַן)

מאָדערנע דיכטונג, ווי דיכטונג בכלל — האָט בלויז דאַן אַ ווערט, ווען זי איז היינטצייטיק אין תוכן, אַנדערש אין סטיל און דער עיקרשט, פאַרשטענדלעך און קלאָר, אין דעם אויסלייג פון איר לשון.

צו זאָגן אויף איינעם, אַז ער איז אַ מאָדערנער דיכטער צוליב זיין קאָקעטירן מיט אַ רעקלאַמירטער אומפאַרשטענדלעכקייט, מיינט פאַר מיר בלויז: פאַרדעקן זיין אימפּאָטענץ אונטער דעם פאַלשן אויסרייד פון זיין אַנדערש פון אַן אַנדערן דיכטער, אַן פּרעטענזיעס אויף מאָדערניזם, און דאָך שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דער וועלט פון דיכטונג.

לייב וואַסערמאַן איז פאַר מיר אַ פּנים חדשות אין אונדזער דיכטונג.

זיין באַשיידנקייט, עכטקייט און הכנעה פאַר דער מיסטעריע און דער דינאַמיק פון דער יצירה, האָט אין אים גורם געווען אַ פּאָטענציעלע נייגונג צו אַ פּשטות אין אויסדרוק, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט מיט דער קלאָר־קייט פון זיין לשון, וואָס איז עכט און פאַרשטענדלעך, גלייכצייטיק אויך מאָדערן אין דעם זין, וואָס ער גייט נישט אויף קיין אויסגעטראָטענע וועגן און ס'איז אים לחלוטין פרעמד די טענדענץ צו גראַמען אין געמאָסטענע פערזן, כאָטש זיין לשון איז אַלץ איינס ריטמיש אין אויסדרוק, אויף דעם הינטערגרונט פון אַ מיסטישער אויפפאַסונג פון גאָט, מענטש, לעבן און טויט, דער סאַמע עסענץ פון זיין דיכטונג.

> אַנשטאָט דיך —
> וועל איך אויסלויכטן מיך,
> און יעדער שטריך
> וועט שטראַלן צעבראָכן.

זינגט ער אין זיין ליד „אַ לעבן".

אויסלויכטן, זאָל געדענקט ווערן — איז דאָס פאַרקערטע פון אויפ־לויכטן. אַ געפיל און אַ דראַנג זיך צונויפצוגיסן מיט דער גאָרער יצירה, וואָס ווייסט נישט פון קיין אָנהייב און אויך נישט פון קיין סוף — פאַרליי־קענען די אייגענע עקזיסטענץ.

אין זיין געוואַגטקייט ווי אַ פּאָעט, כמעט עקספּערימענטאַל אין דעם אָנווענד פון זיין לעקסיק — וואָס איז באַזעלט מיט אַ גלויבן אין דער געט־לעכקייט פון דעם וועלט־געשען, האָט ער דעם מוט צו זינגען דערפון, אַז —

כ׳האָב נישט מורא צו זאָגן,
אַז כאָטש איך שרייב לידער,
בין איך אויך אַ מקובל.

און אַ מקובל איז ער טאַקע, לויט דעם פאַרנעם און מיסטישן תוכן פון אַלע זיינע לידער.

און אַז ער שטעלט זיך אַוועק אין פּנים פון דער מיסטעריע פון וועלט און מענטש, אין דער גאָרער אומבאַהאָלפנקייט פון אונדזער נישטיקער עקזיסטענץ, ווייסט ער צו באַטאָנען:

איך —
קום בלויז צו מיט אַ וואָרט
צו דער וועלט.

וואָס ער אַליין מינימיזירט לגבי דער מיסטעריע פון דעם גאָרן אוניווערס.

אין אָט דעם זיין זעט ער מיר אויס צו זיין אַן אוניווערסאַלער פּאָעט מיט אַ יידישן כאַראַקטער, אין הסכם דערמיט, וואָס —

פון אַלע ווילנס
האָבן מיר אויסגעוויילט דאָס וואָרט

וואָס —

פונקט ווי ברויט
איז אונדז דאָס וואָרט געגעבן
נישט צו זאַט זיין מיט דעם אַליין.

וואָס פאַלט אַזוי צונויף מיט דעם כאַראַקטעריסטיש־יידישן דעוויז: לא על הלחם לבדו יחיה האדם.

און גלייבנדיק אין דעם כוח פון וואָרט, ווי אַ וועגווייזער צו דער אַנט־פּלעקונג און דער וויזיע, די דינאַמיק אין לעבן — האָט לייב וואַסערמאַן די אילוזיע, אַז —

מיט דיין וואָרט
ווערסטו אַזוי שטאַרק —
ווי די ערד אין חלל

און די תשוקה זיינע איז — ווערן
..זיך אָפּזונדערן
פון אַלץ,
צום באַנייטן גאַנג —
צו דערלייזונג.

צוליב דעם שוין אַליין איז ער באַזעלט פון דער אילוזיע, אַז

מיין טראַכטן
שטומט מיט התגלות.

וואָס איז אים קאָנטיק ליב, אינטים און אויך אייגן.

זיין פאַנטאַזיע, דער עיקרשט — זיין יידישע וועלט־אָנשויונג, דער־פירט אים

...צום נגב
ווי משה צום דאָרן.
— — — —

און אַ שטילקייט
יובלט פאַר גאָט.

ער וויטיקט אויף דעם גורל פון מענטש און געדענקט אַלע מאָל, אַז —

צום גוף
איז נישטאָ קיין שלום

און אַז —

דער טויט איז ווי אַ מבול
וואָס הערט נישט אויף.

ער טראָגט אָבער גלייכצייטיק הויך זיין קאָפּ און ער זינגט שטאָלץ דערפון, וואָס —

דיך האָט קיינמאָל נישט
פאַרשלעפּט

דער גענאַר פון ווערטער

— — — — — —

ביסט נאָר אויסן געווען
אָנקומען העל
פון דיין פאַרגאַנגענהייט.

אין דעם ליגט דער צויבער און די עכטקייט פון זיין דיכטונג. די באַלדיקע דערגרייכונג פון זיין ליד איז אין פאָרעם, און אויך אין אינהאַלט.

זיין הכנעה פאַר גאָט איז אויך נישט קיין געקינצלטע. זי אָטעמט מיט דעם באַוווסטזיין, אַז —

דו, גאָט,
ביסט ליכטיקער פון אַלע אַנדערע.

און —

כ׳הייב זיך אָן
אויפּלייזן אין דיין פולקייט.

מיט דעם פולסטן באַוווסטזיין פון אַן עכטער איבערלעבונג, ווען עס איז דורכויס פרעמד „דער גענאַר פון ווערטער״.

די לידער זיינע א. נ. „טויט״, ווי אַלע אַנדערע לידער זיינע — זענען אַדורכגעזעלט מיט דער עכטקייט פון אַ לירישן פּאָעט, וואָס ווייסט באַשטימט וואָס ער וויל און ער דערגרייכט עס אויך, מיט דעם כוח פון באַשיידנקייט, אָן דעם מינדסטן אָנשטעל פון פּרעטענזיעס אויף מי־יודע וואָס, אין אַ לשון, וואָס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם אָן אויסנאָם.

מ. גראָס־צימערמאַן

(זיין בוך: „אינטימער ווידעראָנאַנד״)

די עסייִסטיק אונדזערע, אַן אייגנאַרטיקע פאָרעם פון אויסדרוק, האָט זיך שוין לאַנג פאַרהיימישט און צוגעאייגנט צו דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור. זי איז נישט נאָר נישט הינטערשטעליק לגבי אַנדערע פאָרמען

פון אויסדרוק אין איר, נאָר גייט גאָר, אין קעגנטייל, מיט זיכערע טריט פאָרויס, באַנייט זיך טאָג־טעגלעך מיט קערנדיקע ווערק, להכעיס די זייער נישט גינסטיקע אומשטענדן אין אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

אויף דעם זאָגן עדות די גייסטע עסייען־ביכער פון אַ צאָל היינטציי־טיקע שרייבער אונדזערע, ווי דאָס בוך עסייען „פון די טיפענישן" פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו; „מיט זיך און מיט יענעם" פון יחיאל האָפער; די צווי בענד „שרייבער פון מיין דור" פון שלמה ביקל; „דיכטער און דיכטונג" פון א. טאַבאַטשניק; „פונקען און פלאַמען" פון יצחק קאַהאַן און אַ צאָל אַנדערע, וויכטיקע און וואָגיקע ווערק פון אַן ענלעכן תוכן און כאַראַקטער, פון אַנדערע עסייִסטן.

מ. גראָס־צימערמאַן איז טאַקע ביי אונדז נישט קיין פּנים חדשות, דערפאַר אָבער לאָזט ער זיך דערקענען לויט דעם פאַרנעם פון זיין בוך עסייען „אינטימער ווידעראַנאַנד" — ווי אַן איינציקאַרטיקער עסייִסט, דורך זיין סטיל און לשון, זעלטענער קלוגשאַפט, איראָניע און אַן פּניותדיקער אויפּפאַסונג פון זיינע טעמעס: שרייבער און אַנאַליז פון ביכער, וואָס האַלט דיך צוגעשמידט צו זיינע עסייִסטישע אַרבעטן פון טאָוול צו טאָוול.

שוין דער אַריינפיר צו זיין בוך א. נ. „אימתא דדיבורא" האַלט דיך געשפּאַנט, ווי דער אויפשפּיל פון אַ זעלטן איינגעגעבענער סימפאָניע, מיט דעם ריטעם פון זיין לשון און דער קלאָרקייט פון זיין מחשבה, וואָס איז ווייט נישט ענלעך צו קיינעם פון אונדזערע בעסטע עסייִסטן. צוליב דעם אַליין איז ער איינציקאַרטיק אין זיין אויפנעם, טיילווייזן אַנאַליז, מעדיטאַ־ציע און אָפּשאַצונג פון ליטעראַטור־ווערטן, שרייבערישע פּערזענלעכקייטן — מחברים פון קינסטלעריש־ווערטפולע ביכער, אין ליד און אויך אין פּראָזע.

באַלד ביים אָנהייב פון זיין וואָגיקן ספר, איראָניזירט ער איבער דעם, וואָס עס ...פּראַוועט דאָס יידישע וואָרט אין יעדן שרייבער, שטילע שמחות פון עצבות... און ער האָט דעם מוט צו זאָגן, אַז ...איך האָב נישט ליב די עלעגישע הימנען פון די אונטערגאַנג־ראַמאַנטיקער.. און ווייל מ׳וואָרט נישט ווי אַמאָל אויף אונדזערע ווערק אין אַלגעמיין, איז זיין לאָגישער אויס־פיר — ...דאַרף אַ שרייבער אַוודאי אַרויסווייזן מער פּיעטעט און ליב־שאַפט צו דער קוואַליטעט, צו דער קינסטלערישער פאָרעם, זיך אויסהיטן פון שעטנז...

מיט אָט דעם געזונטן צוגאַנג זיינעם צו אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן אין די ווערק פון די מערסטע שרייבער אונדזערע, וואָס ער באַהאַנדלט אין זיין בוך, דערפירט ער אונדזער ישראל־יידיש, ביי דעם סוף פון זיין בוך — צו דער מערכה פון זיין ...אַ שותף צום פולן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן לעבן אין ישראל — לאָמיר אָפילו זאָגן: אַ שטילער שותף...

מיט דעם אַליין טיילט ער זיך אויס, ווי אויבן דערמאָנט — ווי אַן עסייִסט, וואָס איז אָריגינעל אין זיין אויפפאַסונג פון ליטעראַטור־ווערטן — איינציקאַרטיק אין זיין באַנעם און אָפּשאַצונג.

און נאָך אַ מעלה האָט ער: ער ליידט בפירוש נישט פון איינזייטיקער סעקטאַנטישקייט. פאַרקערט, מ. גראָס־צימערמאַן טיילט זיך אויס ווי אַ פרייער, זעלבשטענדיקער עסייִסט און ליטעראַטור־־קריטיקער, וואָס האָט בלויז איין אינטערעס: דעם ווילזיין פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס ער באַמיט זיך צו פאַרשטיין, אַנאַליזירן און אָפּשאַצן, אויף דער באַזע פון זיין ערודיציע און אויך אינטויציע, וואָס דינען אים לשמה, אָן פּניות.

מ. גראָס־צימערמאַן האָט אָפילו דעם מוט אַרויסצוהייבן די שוואַכע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון אונדזערע בעסט־עטאַבלירטע, לאַנג אָנערקענטע שריפטשטעלער, אָפּגעזען פון זייערע פאַרדינסטן און בכבודיק אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס טיילט אים בפירוש אויס ווי אַן אוניקום אין אונדזער עסייִסטיק.

ווי אַ שריפטשטעלער מיט אַחריות און געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר די ליידן פון זיין פאָלק, געפינט ער ...ביים היינטיקן טאָג אין ישראל... אַ באַנייונג פון יידישן פאָלקס־פּאַטאָס... און ער זעט נישט אין ...פון וואַנען אַ יידישער שרייבער קאָן היינטיקן טאָג שעפּן שעפערישן ענטוזיאַזם און גלויבן און אומרו און געפיל פון שליחות, אויב נישט אין ישראל...

דאָס וואָרט אינעם מויל פון אַ שעפערישע פערזענלעכקייט — ...די געליבטע באַשעפעניש פון יעדן שרייבער... — לויט מ. גראָס־צימערמאַן — ...מוז אין זיך האָבן אויסדרוק־פּאָטענץ, דערגרייכן וואָס עס מיינט, אויב עס וויל נישט איינגעמען קיין בושות מיט דעם ,חנדל׳ פון נישט קאָנען — פונקט ווו מ׳דאַרף...

צוליב דעם זיין אָפּגעהיטקייט מיט זיין אייגענעם וואָרט, וואָס טיילט אים גופא אויס ווי אַ שעפערישע פערזענלעכקייט אין דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור.

ווי אַ געניטער טויכער אין דעם ים פון אונדזער ליטעראַטור, ווייזט ער אונדז אָן, אַז ...פאַר מענדעלע מוכר ספרים איז קיין ידישער סטיל נישט געווען... און אַז ער, מענדעלע, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזען מער און טיפער. זיין אינטויציע האָט פאַר אים מעגלעך געמאַכט אַ נאָענטע, אינערלעכע באַציונג צו די אָביעקטן פון זיין קונסט, צו דער יידישער רעאַליטעט...

אַזוי־אַ פירט אונדז מ. גראָס־צימערמאַן מיט טאַקט און מיט וויסן, איבער די וועגן און שטעגן פון אונדזער פאַרצווייגטער ליטעראַטור אין ליד און אין פּראָזע, ביז צו דעם אומהיימלעכן גערזאַנג פון אונדזערע טעג.

אין זיין עסיי „פריילעכער פּאַטאָס", למשל, פירט ער אויס, אַז ...אין קאַסרילעווקע, האָט ער, שלום עליכם, איבערגעלעבט דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אייביק־מענטשלעכע — פון דער גרויער וואָכעדיקייט האָט אויפגע־לויכטן קינסטלערישע שיינקייט, פון דערשלאָגנקייט — הומאָר...

אָט די צימצומדיקע אויפפאַסונג פון שלום עליכמס קונסט, איז גענוג אָנצורעגן אַן אינטערעס צו אונדזער געניאַלן שריפטשטעלער — שלום עליכם.

מיט דעם כוח פון זיין וויסן און גאָרער קלוגשאַפט, אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז און ער מאַכט פאַר אונדז אויך קלאָר אין זיין אידיאָמאַטישן יידיש־לשון, אַ היפּשע צאָל קינסטלערישע ווערק פון אַ גאָר גרויסער צאָל יידיש־שרייבער, אָנהייבנדיק מיט די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, ביז דעם ווייטיקדיקן אויפברויז פון די חורבן־מאָטיוון אין דעם קינסטלערישן לבוש פון ישעיהו שפּיגלס „מלכות געטאָ".

אונדזער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — י. ל. פּרץ, — באַטראַכט ער ווי אַ ...בלאָנדזשענדיקער פירער פון אַ דור שרייבער ביי יידן... און ...אפשר מעג מען זאָגן, אַז ער איז אַלע מאָל געווען אין אַ געוויסן זין פּרץ שבעל פּה, אויך היפּשע טיילן פון פּרץ שבכתב...

אינטערעסאַנט זענען זיינע פאַרגלייכן צווישן מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ.

ביי די ערשטע צוויי געפינט ער, אַז ...די אידעיִשע עלעמענטן פון זייער שאַפן זענען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן אין דער געשטאַלט... זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער גאַנצקייט פון דער קינסטלערישער פאָרעם. ביי

פּרצן אָבער האָבן די אידעען איבערגעלעבט דאָס ווערק... זיין שטייגער איז געווען צו פרעגן און נישט צו ענטפערן.

דער קריטישער חוש זיינער אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן, דינט אים אַלע מאָל ווי אַ וועגווייזער, וואָס קען נישט פאַרטראָגן די התמדה פון געוויסע ליטעראַטור־היסטאָריקער ... וואָס טוען נישט קיין טובה דעם דיכטער און דער ליטעראַטור... און זענען אָפּט מגזם...

געוואַגט און אומדערשראָקן באַטאָנט ער, אַז עס איז ...פאַראַנען אין די ווערק לעבן דיכטערישע ווערטן, אין וועלכע עס זענען איינגעקריצט היינעס כאַראַקטער און זיין פּאָעטישע מעלאָדיק, אַ סך לויזע באַרעדעווי־דיקייט און גאָרנישט וויניק צופעליקע זאַכן, וואָס וואָלטן זיך מסתמא גערן צעפאַלן און וואָס ס'איז אַוודאי נישט כדאי מיטצושלעפּן זיי דורך יאָר־הונדערטער — ווען די היסטאָריקער וואָלטן זיך נאָר געקאָנט באַפרייען פון דער איינבינדערישער שוואַכקייט, ,אַרומצונעמען' אַלץ. דער דאָזיקער ,אַלץ' גיט גאָרנישט צו דער דיכטערישער געשטאַלט — ער פאַרמינערט זי...

אָט די קלוגע באַטאָנונג זיינע בנוגע היינריך היינע, איז אויך גילטיק אויף אַ גאָר גרויסער צאָל פון אונדזערע אייגענע ליטעראַטור־ווערטן אויף יידיש־לשון.

אונדזערע שרייבער, די אַזוי גערופענע ליטעראַטור־באַלעבעסלעך, די ,גרויסע' בעלי־חשבון אונדזערע — מעגן עס וויסן און געדענקען.

אין משה לייב האַלפּערן געפינט ער אַזאַ ווילדן כוח, וואָס ...גיט די וועלט פון נאַטור און גייסט, אין אוראַלטער נייער אַנטפּלעקונג...

זיין קלוגשאַפט דינט אים ווי אַן עמוד האש צו באַלייכטן און אַרויס־צואַנטפּלעקן די דינסטע און די צאַרטסטע פּאָעטנצן, די ליכטיקסטע און אויך די טונקלסטע, די טראַגישסטע און די לעבעדיקסטע איבערלעבונגען פון אַ דיכטער, אין דער עכטקייט פון זיין שאַפן.

מיט גאָרער קלוגשאַפט און זעלטענער התפעלות, לעבט ער זיך אויף אַ וווּנדערלעכן אופן איין אין דער וועלט פון דעם גאָניאַלן לץ, ווי ער רופט אַן משה נאַדיר — און ער קומט צו דער מסקנא, אַז ...זיין שפּראַך איז אויסגעלאַסן קלוג... זי איז פול מיט סטיליסטישע המצאות... און... דערביי איז ער איינזאַם אין דער קרישטאָלענער געשליפנקייט פון זיין וואָרט... און ווייטער — ...אין דער מאַנצבילישער תאוודיקער באַציִונג צו דער שפּראַך... פינקלט פון יעדער שורה אַ מין עראָטישער עספּרי — און ער לאָזט די

שורה נישט אַרויס פון זיין האַנט, אַזש ער האָט אויסגעשעפּט ביזן דנאָ די פרייד פון אירע שיינקייטן.

האָבן מיר דאָ אַזוי אַרום אין קורצן דעם נוסח משה נאַדיר, די גאַרע פרייד און שיינקייט פון זיין וואָרט, אין מ. גראָס־צימערמאַנס אייגענעם נוסח.

אין זיין פּאָרטיפּטן עסיי „מזמור לאיציק מאַנגער", ניגונט ער אַליין אויף אין דעם גאַרן רייץ פון זיין קלוגשאַפט מיט דעם חן פון זיינע אַנט־פּלעקערישע השערות, וואָס זאָגן אים אונטער, אַז ...איציק מאַנגער בלאָנ־דזשעט נישט — ער טרעפט. זיין שפּראַך איז כולו צויבערשפּראַך און שעמעוודיקער פּאַטאָס, וואָס איראָניזירט זיך אַליין פאַר בושה — און זיין שאַפן איז קפיצת הדרך פון אַ דיכטער, וואָס האָט מוט צו זיין אַלייניקייט... און אין לעצטן ס"ה איז ער מסביר, אַז ...אַ סך צעשפּילטער פאָלקס־חן באַ־שטראַלט די דיכטער־געשטאַלט איציק מאַנגער: אַ פריערדיקער יאָרהונ־דערט, וואָס האָט זיך אַריינגעוואַלגערט אין אונדזער צייט... וואָס מיר נעמען אויף מיט באַוווּנדערונג פאַר ביידע: דעם דיכטער איציק מאַנגער און זיין אויסטייטשער — מ. גראָס־צימערמאַן.

מיט גרויס יראת הכבוד און באַגייסטערונג, וואָס איז בפירוש עכט אין זיין איבערלעבונג, נעמט מ. גראָס־צימערמאַן אויף די דיכטערישע פּער־זענלעכקייט ה. לייוויק. אין אַ געווּיסן זין, אָטעמט אַפילו זיין עסיי „לייוויקס קול", מיט דער עניוות, עכטקייט, אוממיטלבאַרקייט און פרומקייט פון אַ פּשוטן לייענער אָן פּניות, וואָס געדענקט און באַטאָנט, אַז ...איך האָב אין דעם קנאַפּן באַטראַכט מיינעם נישט ,אַרומגענומען' דעם גאַנצן לייוויק... קוים אָנגערירט דאָ און דאָרטן אַ 'תנועה' פון זיין לירישן ניגון... גלייכצייי־טיק אָבער, פינקלט ער אויף מיט אַזאַ אגב־אורחאדיקן זאָג: ...אַ מאָל טוט אַ ציטער לייוויקס וואָרט, בייגט זיך דין די שורה, וואָס פרעגט זיך אַליין, ווער האָט זי געריפן אַהער און דאָס דערשטאַמלט זיך צו שלימות פון אַ תפילה זכה מיט דעם כוח פון פּשוטע רייד, וואָס דער דיכטער האָט דער־הויבן צו זייער אייגענעם, באַהאַלטענעם ליכט...

אַזוי באַקומט זיך אין געציילטע שורות, אַן עיקרדיקע פּאַזע פון לייוויקס שעפערישן וואָרט.

אין זיין באַגייסטערונג פאַר דער דיכטונג פון אברהם סוצקעווער, ווו ער ווייזט אָן אויף דעם ...פּאַטאָס פון פּשוטע ווערטער, יעדעס באַזונדער

שוין געגוצט, אָבער אַלע אין איינעם: באַלאָדן מיט דער זעונג פון אַזאַ ווירק־לעכקייט, צו וועלכער עס דערלאַנגט נישט די פאַנטאַזיע פון אַ וועלט מיט ליטעראַטור... און אַז ...אברהם סוצקעווער דערזינגט זיך צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלן מקונן ביי יידן — נישט צוליב דעם שטאָף, וואָס איז געפּו־רעמט אין זיין ווערק, נאָר צוליב דער תהילימדיקער לויטערקייט, וואָס קלאָגט אין זיינע געזאַנגען, און צוליב דעם באַגלויבטן לירישן עדות־זאָגן פון 'אני גבר'... האַלט ער זיך פון דעסטוועגן נישט אָפּ צו באַמערקן, אַז ...אַוודאי טרעפט אויך, אַז ער נעמט אויף זיכער דעם כאַאָס און גראַמט אים אַ מאָל מיט געוואַלד — וועט דאָך יענער נישט זאָגן ניין — אַז מ'הייסט אים...

אין אָט דעם לעצטן איראָנישן זאָג זיינעם, ליגט גאָר אַ סך געוואַגט־קייט, וואָס נישט יעדער קריטיקער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָלט געהאַט דעם מוט עס עפנטלעך צו זאָגן אין דעם ליכט פון סוצקעווערס פּאָפּולאַ־ריטעט.

מיט דער זעלבער חריפות, התמדה, לאָגיק, שאַרפזין און טרעפלעך־קלוגע המצאות, באַגעמט ער און טייטשט אויס די פּראָזע־אַרבעטן פון יוסף אָפּאַטאָשו, א. מ. פוקס און די אַרבעטן פון אַ צאָל אַנדערער דיכטער און שריפטשטעלער.

ביי אָפּאַטאָשון געפינט ער ...אַ פּלאַסטישן כוח... וואָס זוכט דעם סוד פון פאָלקס־קיום אין פאַרזונקענע דורות...

און ביי א. מ. פוקס טאַפּט ער ממש אָן מיט דער האַנט ...די לאַנד־שאַפט, וואָס ווערט איצט פּאַטעטיש און באַקומט די העזה פון זאַגעריש־קייט...

צוליב דעם, וואָס מ. גראָס־צימערמאַן איז פאַרליבט אין דער עכט־קייט פון דיכטונג, קען ער במילא נישט פאַרטראָגן קיין שעטנז אין אירע גבולין. ער האָט דערביי אַ ווידערגעפיל צו ...אַ סך יאוש־שטימונגען (פון וועמען זיי זאָלן נישט קומען — י. ב.), וואָס דערקוטשען דער פּאָעזיע אין פאַרשידענע פאָרמען, האָבן נישט זוכה געווען צו זיין לידער, כאָטש זיי זינגען זיך מיט טראָפּ און מיט גראַם... וואָס ער דריקט אויס אין אַ זייטיקער באַמערקונג, אין שייכות מיט „דער קלוגער פויגל" פון יוסף פּאַפּיערני־קאָוו, וואָס איז אגב אויך גילטיק אויף ענלעכע 'לידער' ביי אַ סך אַנדערע פּאָעטן אונדזערע, מיט־און־אָן גרויסע נעמען אין אונדזער דיכטונג.

צוליב דעם, וואָס עס איז כמעט אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף יעדער אַרבעט באַזונדער, וואָס קומט אַריין אין אָט דעם אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן בוך עסייען פון מ. גראָס־צימערמאַן, וועל איך דאָ אַוועקשטעלן אַ פונקט און זאָגן: עד כאַן.

זאָלן אונדזערע באַגרענעצטע, דערפאַר אפשר מער קוואַליפיצירטע לייענער, זיך אַליין באַמיִען, אויפזוכן דאָס בוך „אינטימער ווידעראַנאַנד" פון מ. גראָס־צימערמאַן, אַליין עס איבערלייענען מער ווי איין מאָל, ווי איך האָב עס געטאָן — וועלן זיי זיך אַליין איבערצייגן אין דעם גרויסן ווערט דערפון; פון אים הנאה האָבן, און אָן יעדן ספק אים אויך רעקאָמענדירן אַ צאָל אַנדערע לייענער, וואָס וועלן דעם מחבר זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר און געדולדיק וואַרטן אויף זיינעם אַ נייעם, נאָכקומענדיקן ספר, פון אַן ענלעכן כאַראַקטער און ליטעראַטור־ווערט.

כן ירבו.

אברהם זאַק

(אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט)

די וועגן פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט צו זיין טעמאַטיק, זענען ענלעך צו די מיסטעריעזע וועגן פון אונטערערדישע קוואַלן, וואָס דערשלאָגן זיך צו דער אויבערפלאַך פון דער ערד מיטן כוח פון זייערע פּאַטענצן, וואָס ווייסן נישט פון קיין צוימען און קומען דווקא אַלע מאָל אָן ווו זיי באַדאַרפן אָנקומען, און שטעלן זיך אָפּ, פאַר דעם נוץ און דעם ווויל־זיין פון דעם לעבן אויף דער ערד.

דיכטער, וואָס זענען עכט אין זייערע איבערלעבונגען, האָבן קיין מאָל נישט קיין שוועריקייטן אין דעם אויסוואַל פון זייערע טעמעס.

אַ דיכטער מיט טאַלאַנט, איז אַלע מאָל וואַך און באַוווסטזיניק בנוגע דעם פאַרנעם פון זיינע עבודות; ער איז זעעוודיק און שפּירעוודיק אין דער אויפפאַסונג פון זיין טעמאַטיק, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון פאַלשע אילוזיעס, באַנאַליטעט פון יעדן מין און כאַראַקטער. אַלע מאָל באַמיט ער זיך אַרויסצופּערלען פון זיך זיין טראַגישע באַציונג צום לעבן, אויף דער

פאַן און די ראַמען פון אַ שיינקייט, וואָס האַרמאָניזירט מיט די וויזיעס פון אַן עטיש־יושרדיק לעבן צווישן מענטשן.

אַ דיכטער מוז זיין באַוואָפנט מיט כוח, צו קענען קאָנטראָלירן און באַ־לאַנסירן זיינע עמאָציעס. צוליב דעם איז ער במילא אויך באַוואָרנט און איבערקלייבעריש אין דעם אָנווענד פון זיין לשון, וואָס מוז זיין געלייטערט ביים אויסדריקן די עכטקייט פון זיין איבערלעבונג, אין די ראַמען פון אַ סטיל, וואָס איז בלויז אים אַליין אייגן, וואָס מוז זיך דיר איבערגעבן מיט דער שיינקייט פון פשטות אין דעם אויסלייג פון וויזיעס, אין דעם לבוש פון בילדער און רעיונות, וואָס צעהעלן דיין געמיט, האַלטן דיך געשפּאַנט און צווינגען זיך אויף דיר אַרויף מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון שיינקייט, רייץ, חן און דער עשירות פון וואָרט־דיכטונג.

די טעמאַטיק ביי אַ דיכטער קומט צו אים נישט קיין גרייטע. נאָך דעם ווי זי טויכט אויף אין דעם לאַבירינט פון זיין באַוווסטזיין אין אַ רויען צושטאַנד, ווערט זי פון אים פילטרירט מיט דעם כוח פון זיין אינטויציע, וואָס באַזייטיקט אַלע אירע געבורט־ווייען און ער דערפירט זי צו דער קלאָרקייט פון אַ מאַקסימום תוכן, אין אַ שפּאָרזאַמען אָפּקלייב פון דורכויס געקליבענע ווערטער, וואָס לייגן זיך אויס ריטמיש אין אַ זעלבפאַרשטענד־לעכקייט, וואָס באַצווינגט און פאַרכאַפּט אַ ראַפינירטן לייענער און אָפּשאַ־צער פון ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערטן.

דער קאָלירפולער, אָפּט פּאַטעטישער דיכטער און פּראָזאַיקער אברהם זאַק, דער מחבר פון אַ צאָל וואָגיקע און ווערטפולע פּראָזע־ און פּאָעזיע־ביכער, האָט מיט זיין נייסטן פּראָזע־בוך „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״, עסייען און דערמאָנונגען — זיין אייגן וואָרט באַנייט מיט גאָר אַ נייעם זשאַ־נער אין דעם אוצר פון זיינע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור.

אברהם זאַק, וואָס האָט נאָך געהאַט די זכיה נתגלה צו ווערן ווי אַ דיכטער און פּראָזאַיקער אין דער גאָלדענער תקופה פון י. ל. פּרץ, האָט אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף אין אונדזער ליטעראַטור דורכגעמאַכט אַן איב־טערעסאַנטן וועג פון אַנטוויקלונג, און גלייכצייטיק אין זיך אויפגעהאַלטן דעם צער און דאָס ביסל פריד פון זיינע מיטצייטלער, וואָס געפינען איצט אַ זעלטן פּאַטעטישן תיקון אין זיין ווערטפולן פּראָזע־בוך: „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״.

„אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״ שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטע־

טיש ווערק פון אַ לײדנדיקן שריפטשטעלער, וואָס איז געבענטשט און געשטראָפט צו זײַן דער עדות פון סאַמע בראשית, בלי און אויפקום פון אונדזער ליטעראַטור, צוזאַמען מיט דער פאַרטיליקונג פון דער גרעס־טער צאָל פון זײַנע מיטצײַטלער, אונדזערע קרבנות און די הרוגי מלכות אונדזערע, אויף צווי אומרײנע פראָנטן: היטלערישן גיהנום און רויטן טעראָר, וואָס האָלט נאָך לײדער אויך איצט אָן, אין דעם לאַנד פון סאָציאַ־לער רעוואָלוציע, וועמען ער באַזינגט און באַווײנט אין עפּיזאָדישע דער־מאָנונגען און עסײיִסטישע אָפּשאַצונגען.

די דערמאָנונגען, געשריבן מיט האַרץ און נשמה, זענען אין זיך כולל די פרייד פון יצירה ביי דעם אויפקום פון אונדזער קינסטלערישער ליטע־ראַטור, און אויך דעם טראַגישן צוזאַמענברוך פון אונדזער פאָלקס־לעבן, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אברהם זאַק, וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט דעם צערפּולן נע־ונד־וועג פון אַ פּליט, וואָס האָט געפונען אַזאַ בולטן, קינסטלערישן אויסדרוק אין זײַן לידער־בוך: „אויף פרעמדער ערד" (זע מײַן עסיי „דיכטונג אין טאָגן", אין מײַן בוך: „אין פּרדס פון יידיש", אויך זײַנע פּראָזע־ביכער פון זעלבן תוכן און כאַראַקטער — י. ב.), טרעט דאָ אויף ווי אַ לײדנדיקער מקונן מיט אַן אָפּן אויג פאַר געשיכטלעכע ווערטן און געשעענישן, אין דער פינצטער־סטער תקופה פון אונדזער געשיכטע, ווי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, אויף דער פּאַן פון דעם טראַגישן אומקום פון גאָר אַ גרויסער צאָל פון זײַנע מיטצײַטלער — שריפטשטעלער און קולטור־טוער, וואָס האָבן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

יעדער עפּיזאָד, אַן אויסנאַם, איז דאָ געמאָלן מיט גרויס טאַלאַנט, אין דעם אויסלײג פון אַ לשון, וואָס איז אויסדרוקפול און צוגעגנלעך פאַר אַלעמען.

אברהם זאַק איז בכלל אַ שריפטשטעלער בחסד עליון, אין ליד און אין פּראָזע, וואָס שטייט גלײַכצײַטיק אויף די אײגענע פיס. אים איז דורכויס פרעמד די רעטאָריק פון אַ היינטצײַטיקן קונצנמאַכער, וואָס מוז נעבעך אָנקומען צו פאַלשע פּרעטענזיעס; זיך פּוצן אין פרעמדע פעדערן און אַזוי אַרום פאַרדעקן זײַן אײגענע אומבאַהאָלפנקייט, אונטער דעם אויסרייד פון מאָדערניזם.

אברהם זאַקס וואָרט איז קלאָר און אַלע מאָל אָטעמט עס מיט דער

אוממיטלבאַרקייט פון אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז תמיד עכט אין זיינע איבערלעבונגען.

די דערמאָנונגען פון אברהם זאַק, די מיטצייטלער זיינע: א. אַלמי, ז. סעגאַלאָוויטש, ישראל אַשענדאָרף, שמערקע קאַטשערגינסקי, משה בראָ־דערזאָן זכרונם לברכה — און אַ צאָל אַנדערע, אומגעקומענע, פאַרשטאָר־בענע און, דאַנקען גאָט, אויך אַ צאָל אַקטיוו־לעבעדיקע שריפטשטעלער, ווי מאַרק טורקאָוו, למשל, אָטעמען מיט גאָר אַ סך ליבשאַפט, פאַרערונג און זעלטן אינטים־חברישער באַציונג צו זיי און זייערע ליטעראַריש־קינ־סטלערישע עבודות, וואָס פאַלן אַזוי צונויף מיט זיין קרעדאָ, אַז אַ ...פאַר־אַנטוואָרטלעכער שרייבער ווייסט, אַז ער געהערט צום פאָלק; אַז ער דינט זיין דור און — אויב ער איז ווערט און איז דערצו זוכה — אויך די דורות, וואָס נאָך אים... וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים גופא, ווי אַ שריפטשטעלער מיט אַחריות און געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר אַלע זיינע טואונגען.

אברהם זאַק, וואָס איז ראשו ורובו פאַרוויקלט זיין גאַנץ לעבן אין דעם קאַמף פאַרן קיום פון אונדזערע קולטור־ווערטן אויף אַ סך פראָנטן, האָט אויך אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער צו ...פאַראייביקן אונדזער טראַגישע תקופה... אין שייכות מיט אַ דענקמאָל, פאַר ...אַ פאַרשווונדענער עפּאָכע... ער האַלט דעריבער, אַז ...דער דויערנדיקסטער און גלייכצייטיק דער יידישלעכסטער דענקמאָל איז דער ספר, די מגילה, דאָס ליד, וואָס וועט דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות, דאָס טרויעריקע און וואָרע מעשהלע וועגן דעם אומקום פון מיליאָנען... וועגן אומקום — אָבער אויך וועגן יידישער העראָיִק. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — איז נאָך אין דער יידישער ליטעראַטור וויניק געקומען צום אויסדרוק...

אברהם זאַק איז גלייכצייטיק אויך וואַך און אויפמערקזאַם ...וועגן די יידישע גיבורים אין מדינת ישראל...

אָט דער איינשטעל זיינער און די זאָרג זיינע פאַר דעם עפּאָס פון אונ־דזער גלות און דעם עפּאָס אין מדינת ישראל, טיילט אים אויס, ווי אַן אייגנאַרטיקן טיפּיש־יידישן שריפטשטעלער־קעמפער, אין דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג.

פון אַ באַזונדערן ווערט און כאַראַקטער איז דער עסייִסטישער טייל פון אברהם זאַקס בוך „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט“, וואָס שטעלט מיט זיך

פאַר אַ גאַר נייעם, ביז גאַר גערעאַטענעם און אינטערעסאַנטן עטאַפּ אין דעם אוצר פון זיין שאַפן.

דאָ, ווי אין זיינע אינטימע דערמאָנונגען, און אפשר מער — איבער־טרעפט ער זיך אַליין, מיט דער נייקייט און אויפריכטיקייט, געזונטן אַנאַ־ליז און פּאַטעטישן צוגאַנג צו זיין טעמאַטיק.

זיינע עסייען „דער ווירטואָז פון ידישן פּערז״, וועגן קורצן לעבן און שאַפן פון לייב ניידוס; „אַראָפּגעפאַלן די קרוין״, וועגן ה. לייוויק און אַ צאָל אַנדערע, פּאַרטיפטע עסייען, לייענען זיך ווי מוסטערהאַפטע, טיף־דורכגעטראַכטע שאַפונגען פון אַ צאַרטן דיכטער־עסייאיסט, וואָס איז באַ־זעלט מיט דער צערפולער איבערלעבונג פון זיין שילדערן די צוויי פּאַר־שטאָרבענע דיכטער אונדזערע, וואָס רירן דיך שטעלנווייז ביז טרערן.

לייב ניידוס ווערט פון אים אַרומגענומען מיט דעם אויג פון אַ קערנ־דיקן ברודער־פּאָעט און עסייאיסט, וואָס איז זיך גלייכצייטיק אויך משתתף אין די ליידן פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט, מיט דער גאַרער ליב־שאַפט פון אַ פאַרערער און אָפּשאַצער פון זיין לעבן און שאַפן.

דאָס זעלבע מעג אויך געזאָגט ווערן וועגן זיין רירנדיקן עסיי „אַראָפּ־געפאַלן די קרוין״, וועגן ה. לייוויק.

ביידע אַרבעטן לייענען זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי טראַגישע מגילות, וואָס רייסן דיך מיט מיט דער שילדערונג פון זייערן לעבן און שאַפן.

לייענענדיק די דאָזיקע עסייען מער ווי איין מאָל, האָט מיר נישט נאָר פאַרקלעמט ביים האַרצן, נאָר איך האָב די גאַנצע צייט פאַר זיך געזען לייב ניידוסן אין זיין ראַשיק־רוישיק קורץ און פרוכטבאַר לעבן, און לייוויקן זע איך נאָך איצט...אין פּאָטעל... איינגעשרומפן, מיט זיין פאַראַליזירטער האַנט אויף אַ פּעטליע...

די אַרבעט וועגן לייב ניידוס איז אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע, אין דעטאַלן.

די אַרבעט וועגן ה. לייוויק — עפּיזאָדיש און זייער רירנדיק, וואָס שניידט זיך אַריין ווי אַ וווּנד אין האַרצן און לאָזט דיך מער נישט רוען.

פאַרגעסענע ניגונים

(צו דעם 25סטן יאָרצייט פון ש. גאָרעליק)

פאַר דעם יעניקן, וואָס ליטעראַטור איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין לעבן, עקזיסטירן נישט קיין מחיצות צווישן היינט און נעכטן.

דויערהאַפטיקע ווערק, וואָס שטויבן זיך אין די נעצן פון אַמאָל, רייצן אים אָפּט מיט דער דויערהאַפטיקייט פון זייער פאַרנעם, וואָס בליצן־אויף אין זיין דמיון דווקא אין שייכות מיט דער היינטצייטיקייט פון אונדזערע פּראָבלעמען, וואָס געפינען זיך, פריער אָדער שפּעטער, אין דער זעלבער בחינה פון איבערגאַנג פונעם היינט אין דעם נעכטן אַריין, ווי די ליטע־ראַטור פון אַמאָל.

צוליב דעם איז וויכטיק, דער עיקרשט וואָלט איך געזאָגט — אַבסאָ־לוט נייטיק, אַ מיש צו טאָן די בלעטער פון אונדזער ליטעראַטור אויף צו־ריק און זיי באַלעבן אין אונדזער געמיט, דורך אונדזער באַמיִונג, אין זיי זיך אויף ס׳ניי איינצולעבן און זיי אַקטואַליזירן, אינעם ליכט פון אונדזערע היינטצייטיקע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען.

ש. גאָרעליק, איינער פון אונדזערע גרעסטע אָבער פּענטסטע ראשונים אויפן געביט פון אונדזער עסייִסטיק, האָט הינטער זיך איבערגעלאָזן אַ צאָל וואָגיקע ביכער, וואָס האָבן אין זיך אויפגעהאַלטן, דעם חן, רייץ און ווערט פון דויערהאַפטיקייט, מיט וועלכע עס איז נאָך היינט שווער צו קאָנקורירן.

זיין לשון, זאָל דאָ באַלד באַמערקט ווערן, איז ווייט נישט הינטער־שטעליק לגבי אונדזער היינטצייטיקן לשון, מיטן אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל פאַרעלטערטע זשאַרגאָניזמען, וואָס קענען לייכט פאַרביטן ווערן אויף היינטצייטיקע, מער ליטעראַרישע ווערטער. דערפאַר אָבער איז זיין סטיל נאָך אַלץ אַ געלייטערטער, וואָס פאַרכאַפּט דיך מיט דער עשירות און דעם צויבער פון אַן אויסגעשפּראָכענעם אינטעלעקטואַל, וואָס בלאָנדזשעט נישט אין זיינע ידיעות,ביים פאַרגלייכן אונדזערע שעפערישע כוחות פון זיין דור און זיין צייט, מיט די שעפערישע כוחות אין אַנדערע ליטעראַטורן ביי אַנדערע פעלקער און אין אַנדערע לשונות.

ווי אַ יידישער שריפטשטעלער מיט יידישע אָנשווינגען, האָט זיך ש. גאָרעליק אַלע מאָל אינטערעסירט מיט דעם גורל פון יידישע קינסטלער.

ער האָט אַלע מאָל נאָסטאַלגיש זיך באַמיט איינצולעבן און אויסטייטשן די ווערק און די דערגרייכונגען פון אונדזערע אָפּגעפרעמדטע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך צוליב טויזנט און איין טעמים אָפּגעפרעמדט פון זייער יידישן שורש און דאָך געליטן ...פון דעם ווערימל, וואָס נאָגט... זייער אָפּגעפרעמדקייט פון אייגענעם, יידישן שטאָם.

מיט גאָר אַ סך צער, ווייטיק און פּאַרדרוס, למשל, רעאַגירט ער אויף דעם גורל פון דעם יידישן קינסטלער לעוויטאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן פיגורירט ווי אַ רוסישער קינסטלער. אַזוי אויך אַנטאָקאָלסקי, לודוויק יאַקובאָווסקי און אַנדערע.

ווי אַ טאַלאַנטירטער, עכטער און איידעלער שריפטשטעלער, לעבט ער זיך אָבער איין אין זייער פּסיכיק. מיט נישט ווינציקער פּאַטאָס רופט ער אויס: ... מיר זענען זיי מוחל זייערע זינד, וואָרעם דורך די גרויסע ליידן האָבן זיי זיך אַליין געלייטערט, געקויפט אַן אָרט אין דעם יידישן פּאַנטעאָן...

גאָרעליק ווייזט דאָ אָן, ווי לעוויטאַן, למשל, האָט זיך אויסערלעך אַסימילירט, ...אַ גרויסע גייסטיקע ירושה האָט געלאָזט נאָך זיך לעוויטאַן, נאָר אין זיין רייכער קאָלעקציע געפינט איר נישט אַפילו איין שטריך, איין פּינטל, וואָס זאָל איבערגעבן דאָס יידישע לעבן... און ער פרעגט: ...איז עס ווירקלעך אַזוי? לעוויטאַן, באַטאָנט ער — איז געווען אויסערלעך פולקאָם אַסימילירט, אינערלעך אָבער איז ער אַלץ געבליבן דער איסאַק לעוויטאַן פון אַ קליין ליטוויש שטעטל. ער האָט מער נישט אַריבערגעטראָגן דעם אומעט פון בית המדרש אויף דער דאָרפישער קירך, פון דעם תשעה־באב־דיקן יידן אויף דעם רוסישן באַגאַמאָלעץ... און גאָרעליק פירט דערביי אויס: ...אַזוי ווי לעוויטאַן איז געווען אַ טיפע, איידעלע נאַטור, איז אָט די אויסערלעכע אַסימילאַציע אויך געווען אַ קוואַל פון שרעקלעכע ליידן פאַר אים...

דער פּועל־יוצא פון ש. גאָרעליקס טיף פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינג אין די נשמות פון אונדזערע אָפּטריניקע, אַסימילירטע קינסטלער איז, אַז ...מען קען ריידן וועגן אינטערנאַציאָנאַלער קונסט, וויפל מען וויל, אָבער נאַציאָנאַלע טייכן זענען אויך פאַראַן... טשעכאָוו, טענהט ער, וועט געוויס די וואָלגאַ פאַרשטיין. זיין האַרץ וועט שוין דערביי שטאַרקער און פריידיקער קלאַפּן. אָבער לעוויטאַנען זאָגט זי ווייניק, און ער דערשרעקט זיך דער־

פאַר. זיך דערין מודה צו זיין איז פאַר אַ מענטשן ווי לעוויטאַן אַ גאַנצע טראַגעדיע. זי איז פיל טיפער ווי דער געוויינלעכער עולם נעמט עס אָן...

פון אָט די דאָזיקע אָבסערוואַציעס און שלוסן, טויכן אַרויס די כאַראַקטעריסטישע יידישע אַנשויונגען פון דעם זעלטענעם עסייִסט אין יענעם צייט־אָפּשניט, ש. גאָרעליק.

אין דעם זעלבן בוך א. נ. „יידישע קעפּ", באַהאַנדלט ש. גאָרעליק אַ צאָל אַנדערע אַסימילירטע יידישע קינסטלער.

פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער — אין אַ פאַרקערטן זין, דערצו אויך מיט גאָרער פאַרערונג, באַגייסטערונג אַפילו — איז געמאָלן דער פּאָרטרעט פון בנימין ד'איזראַעלי־ביקאָנספילד, וואָס טראָגט אַ העראָישן כאַראַקטער פון אַ גאָר זעלטענער און מוטיקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט דערגרייכט זיין גדולה, בלויז אַ דאַנק זיין עקשנותדיקן קאַמף און שכלדיקן איינשטעל פון אַ מענטש מיט כאַראַקטער, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, כאָטש ער איז יורידיש געווען פאַררעכנט פאַר אַ קריסט אַ דאַנק דעם, וואָס זיינע עלטערן האָבן אים אָפּגעשמדט ביי אַ גאָר יונגן עלטער.

אָט דער פּאָרטרעט פון בנימין ד'איזראַעלי־ביקאָנספילד איז געצייכנט מיט דער גבורה פון אַ זעלטענעם עסייִסט, וואָס איז באַוואָפנט מיט גאָר אַ סך ידיעות אין מענטש־קענטשאַפט, געשיכטלעכע פאַקטן, סאָציאַלע וויסנשאַפטן און פּאָליטיק.

ווי אַ מיטצייטלער פון דער פּרץ־תקופה, לייענען זיך זיינע פּאָרטרעטן פון י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מענדעלע און שלום אַש, ווי זעלטענע פּאָעמעס אין פּראָזע, וואָס ווערלן אָן ספק דערמאָנען אין דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם עסייִסט שמריהו גאָרעליק, וועמענס ביכער לייענען זיך נאָך איצט מיט דער זעלבער באַגייסטערונג ווי אַמאָל און רעגן דיך אָן זיי ווידער צו לייענען מיט דער זעלבער הנאה ווי אַמאָל, אויב נישט נאָך מערער.

ש. גאָרעליקס בוך א. נ. „די ליבע פּראָווינץ", טראָגט אַ דורכויס אידישן כאַראַקטער, וואָס ווילט זיך לייענען און לייענען אָן אַן אויפהער. אין דעם ליכט פון אונדזער דריטן חורבן, איז עס, דוכט מיר, איצט מער אַקטועל ווי פריִער, ווען אָט די ליבע פּראָווינץ אונדזערע האָט נאָך עקזיסטירט. ביידע ביכער גאָרעליקס: „יידישע קעפּ" און „די ליבע פּראָווינץ" — לייענען זיך ווי פאַרגעסענע ניגונים פון אַן אידילישער וועלט, וואָס עק־

זיסטירט ליידער מער נישט. זיי רייצן דיך ביידע מיט זייער אינהאַלט, אין דעם געליטערטן לבוש פון סטיל און לשון, פון איינעם פון אונדזערע חשוב־סטע ראשונים אין אונדזער ליטעראַטור. עס איז דעריבער מער ווי געוווּנ־טשן, אַז איינער פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן אָדער קולטור־אינסטיטוציעס זאָל זיך באַמיִען זיי איבערצודרוקן און אַרויסגעבן אין אַ נייער אויסגאַבע און אַזוי אַרום זיי אַרויסראַטעווען פון גאָרער פאַרגעסנקייט.

פלאַמען פון דער ערד

(ראָמאַן פון ישעיהו שפּיגל)

„פלאַמען פון דער ערד" פון ישעיהו שפּיגל איז אַ מערקווירדיקער ראָמאַן, געשריבן אין נוסח פון זיין אומפאַרגעסלעך בוך „מלכות געטאָ".

ישעיהו שפּיגלס ראָמאַן איז מערקווירדיק דערמיט, וואָס די דינאַמיק פון אָט דעם גאָר זעלטענעם ראָמאַן, טוליכט אויף אין דער זעונג פון דעם דיכטער, דורך דער פריזמע פון אַ פענאָמענאַלן זעקסטן חוש, מיט וועלכן ער אָפּעריַרט אַזוי נאַטירלעך און געשיקט, אין בילדער פון אַן אומגעוויינ־לעכער, דורכויס נייער רעאַליטעט, וואָס האָט זיך אין אים גופא אויסגע־ווייטיקט און אויסגעבלוטיקט, און וואָס איז אונדז געוועזן אומבאַקאַנט, פאַר אונדזער גרעסטן חורבן.

די געטאָ־טעמאַטיק איז דאָ פאַרוואָרצלט אין די שווידערלעכסטע איבערלעבונגען פון די מערקווירדיקע העלדן, וואָס האָבן מיט ניסים אויפ־געהאַלטן אין זיך די חשיבות פון ייד און די חשיבות פון מענטש, אונטער די גרויליקסטע אומשטענדן, אין אַ סביבה פון גאָרער נאַכט. ווו דער צלם אלקים האָט זיך געוואַלגערט אומבאַהאַלפן, אונטער די טריפהנע פיס און שמוציקע שטיוול פון די נאַצישע כוליגאַנעס.

דער סיפור המעשה פון דעם ראָמאַן לאָזט זיך נישט איבערגעבן פראַגמענטאַריש צוליב דעם, ווייל דער מינדסטער דעטאַל פון יעדער אי־בערלעבונג, אין די אומגעווינלעך־קינסטלערישע מאָלערייען פון ישעיהו שפּיגל, קענען נישט און טאָרן נישט גיין פאַרלוירן.

ישעיהו שפּיגל האָט אַ נייגונג צו פאַרבילדלעכן די קלענסטע דעטאַלן

פון די געזעענע בילדער און איבערלעבונגען, אין דער עשירות פון אַ לשון, וואָס איז אין זיך כולל אויך די מחשבה פון זיינעם אַ העלד, וואָס לאָזט אים נישט רוען אונטער די ערגסטע אומשטענדן, ביז זיין לעצטן אָטעמצוג.

אַזוי, למשל, גיבן זיך איבער די מחשבות פון דער אויסגייענדיקער זעלדע, גיטלס שוועסטער, אין דעם קאַפּיטל פיר א. ב. „די צוואה״: ...זי פלעגט זאָגן: ביסט ראוי זיין צווישן אונדז... צווישן די, וואָס ווילן נישט שטאַרבן ביים דייטש ווי שעפּסן... נישט צעטראָטן ווערן ווי גראָז...

אונטער אָט אַזעלכע גרויליקע אומשטענדן, אַנטוויקלט זיך אגב אורחא דער ראָמאַן צווישן וויגדערן און גיטלען, אַן די מינדסטע שפּורן פון ווולגאַ־רישקייט.

דער ראָמאַן וויקלט זיך פּאַר אונדז פונאַנדער אויף אַ הינטערגרונט פון אונדזער דריטן חורבן, אין אַכצן קאַפּיטלען. יעדעס קאַפּיטל פון ראָמאַן פאַרמינערט נישט זיין ווערט, ווען זיי ווערן געלייענט און אָפּגעשאַצט ווי זעלבשטענדיקע אַרבעטן, אונטער באַזונדערע נעמען, אויף אַזוי פיל אינטע־רעסאַנט און עכט זענען זיי פון דעם מחבר פאַרטראַכט און אויסגעפירט. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דער צוזאַמענהאַנג פון די אַכצן קאַפּיטלען זענען גלייכצייטיק אַ דורכויס געראָטן און האַרמאָניש ווערק, וואָס דינט ווי אַ גרויסער פּליוס צו אַלע זיינע ביז איצטיקע, סטיליסטישע און שפּראַכ־לעכע דערגרייכונגען.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער אויסגאַנג פון יעדער מעשה בתוך מעשה, וואָס פאַרגאַנצן זיך אין דער אָריגינאַליטעט פון דעם ראָמאַן אַלס גאַנצן — פאַרבלייבט ווי נישט פאַרענדיקט, לפנים. די כוונה דערפון איז: דער לייע־נער אַליין זאָל וויטער ציִען די פעדים פון דער האַנדלונג, מיט דעם כוח פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, אויב מעגלעך אויך — אינטויִציע, אויב, נאַטירלעך, ער איז געבענטשט צו האָבן אַן אייגענע אינטויִציע.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן, איז גענוג צו דערמאָנען דאָס קאַפּיטל „שטריק״, אין וועלכן דער איינציק פאַרבליבענער גלאָקנציִער פון הייליקן קירכעלע, ניקאָדעם זאַלוצקי, ווערט געפירט צו דער תליה, פאַר אויסבאַהאַלטן דעם העלד פון דעם ראָמאַן, געמאָלן אין דער געשטאַלט פון אַ זעקל ביינער — וויגדער.

די מאָרד־שטימונג מיט אַלע אירע גרוילן, גיט זיך דאָ איבער אויף

דעם ווייטיקדיקסטן אופן. דער מאָרד גופא ווערט אָבער נישט דורכגעפירט פאַר דיינע אויגן.

אַזוי פאַרענדיקט ישעיהו שפּיגל יעדעס קאַפּיטל פון דעם מערקווירדיקן ראָמאַן זיינעם. דערמיט ווערט דער לייענער אַליין אָנגערעגט, ממשיך צו זיין דעם אויסגאַנג און די האַנדלונגען פון זיינע טראַגישע העלדן, וואָס מיר מעגן באַטראַכטן ווי אַ מעלה, ביי אַ מחבר פון קינסטלערישע ווערק מיט פאַרנעם.

שטיגן צום הימל

(ראָמאַן פון ישעיהו שפּיגל)

אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען ווערן געוויינלעך געשריבן פון שרייבער ביי אַ גאָר רייפן עלטער. עס טרעפט אָבער זייער זעלטן, אַז אַ שרייבער פון אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן זאָל אין זיך אויפהאַלטן די תמימות פון אַ קינד אין יענעם צייט־אָפּשניט פון זיין לעבן; איבערגעבן זיינע אָבסערוואַציעס בלויז און אויסשליסלעך אין דער תמימות און אין דער נאַיווער אויפפאַסונג, פאַנטאַסטישער זעונג פון אַ קינד, ביי דעם סאַמע אורשפּרונג פון זיין דערוואַכונג, אָן דעם אַריינמיש פון דעם באַטרעפנדיקן שרייבער אין זיין רייפן עלטער.

„שטיגן צום הימל" פון ישעיהו שפּיגל איז אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן, פאַרטראַכט און אויסגעפירט אויף אַ גאָר געלונגענעם, קינסטלערישן אופן, אויף דער פאָן פון זיין סאַמע ערשטן זיבניאָריקן צייט־אָפּשניט אין זיין לעבן, אָטעמט מיט דער גאָרער תמימות פון יענעם עלטער, וואָס איז דורכויס באַגרענעצט צום קינדישן נייגיר, חלומות, גאַפונג־און־שפּאַנונג פון און צו אַלץ, וואָס קומט אים אַנטקעגן.

ישעיהו שפּיגל ווערט גאָר פרי אַריינגעפירט פון זיין זיידן, דעם לענטשיצער מקובל ...אין נייע, טונקעלע פּרוזדורן פונעם אויפגעמישטן ספר... דאָס רונדיקע האַלץ־טייטל איז געלעגן צווישן זיינע לאַנגע מקובלישע פינגער, ווי אַ קליין כישוף־שטעקעלע. אַזוי אַרום האָט ער ביסלעכווייז אויפ־

געמאַכט פאַר מיר די שוואַרצע, פאַרשלאָסענע טירלעך פון די אומצאָליקע יידישע אותיות...

פון אַ באַזונדערן אינטערעס און ביז גאַר אינטערעסאַנט, זענען די איינדרוקן און אָבסערוואַציעס פון דעם זיבניאָריקן שאַיעלע, פון דער גאַנצער סביבה פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן. ער ווייסט שוין און פאַרשטייט, כאָטש קינדיש אומבאַהאָלפן — אַז, ...שיין איז דאָס געבוירן ווערן פונעם ערשטלינג שניי... און זיכער איז ער אויך, אַז ...זיין געבוירן־אָרט וועט שוין אַזוי פאַרבלייבן פאַרגליט אינעם דמיון, ביזן סוף פון אַלע טעג...

פון די טויטע געהילך־בינטלעך ביים זיידן שמואל, דעם מקובל, האָט זיך שאַיעלע ...געלערנט זען מיין אויפגעוואַכטע וועלט און אויך מיין שפּעטערדיקע — מיט אַלע קאָלירן, ריחות און קלאַנגען, וואָס געהערן צום צווייטן ברעג פון מיין לעבן...

אין אָט דעם זין פון אויפפּאַסן זאַכן און געשעעניש ביי אַ גאַר יונגן עלטער, גיט זיך איבער די תמימות פון אַ קינד אין דעם אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן פון ישעיהו שפּיגל. דערמיט טיילט זיך אויס דער ראָמאַן ווי אַן אייגנאַרטיקע שאַפונג, וואָס אינטריגירט דיך מיט די אומגעוויינלעכע איינ־פאַלן פון אַ זיבניאָריק יינגל, אין דער האַנט פון אַ מייסטער, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט מיט דער עכטקייט און דער זיכערקייט פון זיין פעדער, רחבותדיקן סטיל און לשון, מיט דעם אויסטערלישן כאַראַקטער און עשירות פון זיין מחשבה, כוח הדיבור און סיפור המעשה.

אין ישעיהו שפּיגלס אָרעמער משפחה, דערוויסן מיר זיך — ...זענען די מענטשן אַלע שווייגנדיקע, פאַרשעמטע און פאַרשלאָסענע... מן הסתם, איז זיך שפּיגל משער — ...קומט עס צו זיי פון די קליינע שטויבן־קעמער־לעך אין באַלוט... אפשר, טראַכט ער זיך — שוויגן זיי גאַרנישט, נאָר ריידן צווישן זיך מיט אַזעלכע רייד, וואָס נאָר די פלאַטשיקע קרומע שאָטנס פאַרשטייען זיי... איך האָב נישט איין מאָל געזען, גיט ער צו — ווי די שאָטנס ענטפערן זיי אָפּ פון די בלאָלעכע וועגט־פאַרטיפונגען, פון דער געבויגענער סטעליע און פון די צעשפּאָלטענע צעלן מיטן זעלביקן פאַר־שעמטן, קוים פליסטערנדיקן שטום־לשון...

שפּיגלס קענען זיך איינלעבן אין די „קרומע שאָטנס פון די בלאָלעכע וועגט־פאַרטיפונגען" און ענלעכע שטומע אָביעקטן, זענען אַ גרויסער גע־

ווינס פאַר אונדזער לשון אין פּראָזע. זיי דינען אונדז אגב אויך, ווי אַ זעל־טענער עודף צו זיינע קינסטלערישע זעונגען מיט וועלכע ער שטעקט אונדז אָן און ער האַלט אונדז געשפּאַנט, מיט דער גבורה פון אַ שרייבער־מכשף, וואָס צווינגט דיך ממש נאָכצופאָלגן זיינע שעפערישע מעשים.

דער ראָמאַן „שטיגן צום הימל" האָט אגב אויך אַ היסטאָרישן ווערט דערמיט, וואָס ער באַלעבט און רעסטאַווירט קינסטלעריש, אַ באַלד פאַר־געסענע תקופה אין אונדזער פאָלקס־לעבן, אויף דער פאָן פון אַ פאַרצוייג־טער יידישער משפחה, וואָס איז זיך, ווי אַ סך אַנדערע משפחות אונדזערע, צעפאַלן, זיך טאָטאַל אויפגעלייזט אין דעם צעשטורעמטן ערשטן העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט.

אין פאַרביקע קאָלירן, למשל, ווערן דאָ געמאָלן אויף אַ רירנדיקן אופן די איבערלעבונגען פון זיין משפחה, ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען זיין מומע אסתר ווערט געצוווּנגען זיך אויס־צובאַהאַלטן פון אַן אַרעסט און אַנטלויפן אַריבער דער גרענעץ.

...— שאַ־יע־לע, — האָט אים די מומע אסתר אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט איר פרייער האַנט געגלעט דעם שטערן — ווען דו וועסט אויפוואַקסן! אָ־האָ! ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער, וועט שוין ניקאָלאַי נישט זיין! ׳עסט געדענקען וואָס די מומע אסתר זאָגט? ס׳עט זיין ברויט... און פרייהייט... פאַר יעדן אַרבעטס־מאַן... ׳עסט געדענקען?..

דער זיידע מיט זיינע ביידע ווייסע הענט, פאַרלייגט איבער דער מומע אסתרס קאָפּ ...האָט שטיל און פאַרכטיק געפּרעפּלט מיט פאַרמאַכטע אויגן... און צום סוף האָט ער געזאָגט: ...יעצט, מיין קינד, ביסטו שוין מער נישט אין מיין רשות... און נישט אין רשות פון קיין שום מענטש... יעצט ביסטו נאָר אין די הענט פון באַשעפער... אין די הענט פון גאָט... אין רשות פון הימל...

און אַז דער טאַטע שאַיעלעס האָט דעם זיידן געבעטן, אויך צו בענטשן דעם זיבניאָריקן, האָט זיך דער לעצטער זייער דערשראָקן. און די באָבע — זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין איבער אסתרס האַלדז:

— ווער ווייסט צי מ׳וועט זיך נאָך אַמאָל זען... זאָלן די אבות דיר ביישטיין...

און אין דעם בונד פון שווייגן פון שפּיגלס משפחה־מענטשן בכלל, וואָס ער פירט דאָ אַרויס אויף ברייטע לייוונטן — דאַכט זיך דעם זיבניאָ־

ריקן — איז געלעגן פאַרזיגלט די סודותדיקייט פון זיין פאַרשלאָסענער ייִנגלשער וועלט. אַלץ האָט געוואַרט אויף אַנטפּלעקונג.

דער אָריגינעלער הינטערגרונט פון דעם ראָמאַן פלאָנטערט זיך אָבער צווישן דעם זיבניאָריקן שאַיעלע און דעם אַ ביסל עלטערן מיידעלע, אַלטע־לע, וואָס ווערט פאַרשוואונדן אינעם לויף פון דעם ראָמאַן צווישן די צוויי מינדעריאָריקע קינדער. אַלטעלע שטאַרבט שפּעטער אויף אַוועק כמעט פון הונגער, אין אַ שטאָטישן הקדש.

דער ראָמאַן האָט אַפילו טיילווייז אויך אַ סאָציאַלן הינטערגרונט, וואָס פיבערט מיט דער דערקענטעניש פון דער אָרעמקייט, אין אַן אַמאָליק ייִדיש שטעטל.

„דאָס געזאַנג פון קעלער" איז זייער כאַראַקטעריסטיש, סימבאָליש — פאַר יענער צייט, ווען דאָס רירנדיקע געזאַנג פון ...אָ, גו־ו־טער פריינ־ד, ווען איך וועל שטאַ־אַ־רבן... האָט פאַרקלונגען אונדזער אָרעם־גאַס, האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן אין דעם געמיט פון דעם זיבניאָריקן ייִנגל.

שאַיעלע איז וואַכזאַם צו אַלץ, וואָס גייט פאַרביי פאַר זיינע קינדערישע אויגן. אַלץ, ווי שוין אויבן דערמאָנט — נעמט ער אויף מיט גאַפונג און פאַרוואונדערונג, און קיין מאָל ווערט ער נישט מיד צו שטעלן פראַגן.

...די מאַמע זאָגט, — טענהט ער צומאָל — אַז אַלץ אין דער וועלט האָט אַ נשמה... איך, — באַטאָנט ער — ווייס נישט וואָס איז אַזוינס אַ נשמה. איך האָב זי נאָך קיין מאָל נישט געזען...

אָבער זייענדיק וואָך צו אַלץ אַרום אים, איז אין זיין זכרון גאָרנישט נישט פאַרלוירן געגאַנגען. ער געדענקט אַפילו אַזאַ זאַג פון זיין מומע ביילע, אין שייכות מיט אַ פּייפעלע פון ליים, וואָס איז געוואָרן צעשפּאָלטן און מער קיין קלאַנגען נישט אַרויסגעבראַכט.

...אַלץ אויף דער וועלט איז פון ליים, שאַיעלע... אַלץ איז געשפּאָלטן... אַלע מענטשן, אַפילו די צדיקים אויך... מע קומט פון ליים און מע גייט צוריק צום ליים... יאָ... יאָ... אַלץ קומט אַן אַהער, קעגנאַיבער... (זי מיינט דעם בית־עולם). ׳עסט עלטער ווערן — ׳עסטו פאַרשטיין...

דער אויסטערלישער ראָמאַן פאַרענדיקט זיך אויף אַ בית־עולם, וווּ אַלטעלע ווערט באַגראָבן. און שאַיעלע ווייסט נעבעך נישט ...צי דאַרף מען

ווינען, אַז אַ מענטש שטאַרבט? אין זיין תמימות פרעגט ער אויך: ...צי ווייסט אַלטעלע, אַז זי איז געשטאָרבן?...

די בית־עולם־שטילקייט גיט זיך דיר דאָ איבער מיט דער איינגעשטילטער, מיסטישער רו און דער גאַרער טראַגיק פון דעם לעבן פון אַ מענטשן, אַ יחיד. דערביי אָבער איז ווערט צו באַטאָנען, אַז אין דער מיסטעריעזער טויטער שטילקייט, הערט מען פון דעסטוועגן ...ווי נישט ווייט פון אונדז, צווישן נידעריקע קוסטעס, פלאַטערט אַ קוועלכל ט־ר־רול... ט־ר־ר־ול... דאָרט איז דאָס אָרט, ווו מען לייגט נישט קיין געשטאָרבענע. דערפאַר איז אויך דאָרט גרין... וואָס דינט אונדז דאָ ווי דער סימבאָל און אָנזאָג אויף אַ ניי לעבן, וואָס איז פונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי דער אומפאַרמיידלעכער טויט אין זיין פולער גרויזאַמקייט.

י. י. שוואַרץ

(צו זיין ווערן אַ בן שמונים)

ברייטפלייציק, הויך און שיין,
אַ זעלטענער פּאָעט —
אייגנאַרטיק, אין אַלץ
וואָס ער שאַפט, וואָס ער זעט.

ער זוכט און ער געפינט
אַ זין, אין די לידער
פון דעם ווייטן אַמאָל.
מיט ווירדע, אַ מידער.

ער טראָגט זיי אונדז אונטער
געלייטערט, קלאָר און שיין,
אין לשון פון דעם פאָלק,
וואָס לאָזן זיך פאַרשטיין.

ביים לייענען צום צוויפלטן מאָל די גרויס־קינסטלערישע ווערק פון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ, רוט אויף דיר די שכינה פון גאָרער יצירה, וואָס רייסט דיך מיט און איז דיך משתתף צו דער ביבלישער רויִקייט, דעם עפּאָס, וואָס ער זינגט פאַר דיר אויס אין דעם לבוש פון אַ גאָר זעלטענער פשטות, וואָס באַהערשט דיך פולשטענדיק און איז אין דיר אומבאַוווּסטזיניק גורם אַ זעלבסטדיסציפּלין, איינגעהאַלטנקייט און קאָרגשאַפט פון לייענען, מיט דער אויסטערלישער כוונה: צו פאַרלענגערן דעם פּראָצעס פון דיין לייענען, כדי נישט מקצר צו זיין דיין איבערלעבונג און די באַהעפטונג דיינע מיט די העלדן פון זיין עפּיק — די זעונגען זיינע — וואָס

האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אין אונדזער דיכטונג מיט דעם פּאַרנעם און דער דויערהאַפטיקייט פון אַ גאַר זעלטן מאָנומענטאַל ווערק אויף יידיש־קודש.

בעת מיין איינמאַליקער באַגעגעניש פּנים אל פּנים מיט דעם דיכטער פון קענטאָקי, בין איך פּשוט מבולבל געוואָרן פון דער גרויסקייט פון זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכוווּקסיקער מאַן, שיין אין אויסזען — אַטלעטיש געבויט. און אַז איך האָב אויף אַ רגע זיך פאַרפּינטלט אין דעם גיגאַנטישן פאַרנעם פון זיין גייסטיקער עשירות, וואָס האָט פון אים אַרויס־געזוניקט, האָב איך זיך גופא דערזען אין דער גאָרער נאַקעטקייט פון אַ קאַרליק אין אַנבליק פון אַ ריז, וואָס פאַרטונקלט דיך אין גאַנצן מיט דער ריזיקייט און פאַרנעם פון זיין פערזענלעכקייט, אין דעם אויסלייג פון זיינע דיכטערישע ווערק.

פון גאַפונג און פון שפּאַנונג, באַוווּנדערונג און פאַרערונג, דאַנקבאַר־קייט און פאַרגעטערונג פון דעם דיכטער און זיין באמת גרויס ליד, האָט זיך דער אייביקער שווייגער אין מיר, אויגנבליקלעך פאַרוואַנדלט אין אײן שטיק גרויס־שוויגן, וואָס האָט זיך בלויז באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער, — י. י. שוואַרץ — האָט געהאַט צו זאָגן...

ביי דעם סאַמע בראשית פון אונדזער קונסט־ליד אין אַמעריקע, ביי דעם געבענטשטן און פרוכטבאַרן רעוואָלט פון אונדזערע „יונגע" — האָט זיך י. י. שוואַרץ באַלד אויסגעטיילט ווי אַן אייגנאַרטיקע דיכטערישע פּער־זענלעכקייט, מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין סטיל און לשון, קאָלירפול־קייט פון זיין טעמאַטיק, אויף דער פּאַן פון אַ נאַציאָנאַל יידישער וועלט־אַנשויונג, וואָס האָט זיך פאַרכוחט און פאַרפּאַנצערט מיט דער מעטאַ־פאָריק פון ביבלישער מאַגיק, ערדישער תמימות און עטישער איינשטע־לונג פון זיינע העלדן בין אדם לחבירו, וואָס פאַלט אַזוי צונויף מיט דעם פאַרזאָג פון זיין פאָטער:

ניסט פאַרגעס אונדזער גאַנג איבער דער וועלט —
זיי אַ ייד...

(„יונגע יאָרן", ז. 234)

וואָס האָט געפונען אַ קערנדיקן תיקון אין אַלע זיינע דיכטערישע ווערק.

די קאָלירפולקייט פון זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט איז פאַר־וואַרצלט אין זיינע שעפערישע מעשים טובים, וואָס האָבן זיך פאַרגרונט־פעסטיקט נישט נאָר אין דעם אויפלויכט פון זיינע אָריגינעלע ווערק, נייערט אויך אין זיינע מוסטערהאַפטע איבערדיכטונגען אויף יידיש־לשון: „אונדזער ליד פון שפּאַניע", „העברע‌יִשע פּאָעזיע" און „די לידער פון חיים נחמן ביאַליק".

אינטערעסאַנט איז זיין אויסמיידן דעם גראַם אין זיין וואַגיקסטן אָרי־גינעלן ווערק „קענטאָקי", וואָס ער האָט אגב שפּעטער אויך ממשיך געווען אין זיין ווונדערלעכער פּאָעמע „יונגע יאָרן", וואָס האָט אים אגב נישט געשטערט מיט אים זיך יאָ צו באַנוצן אויף גאָר אַ געלונגענעם אופן אין זיינע איבערדיכטונגען פון „אונדזער ליד אין שפּאַניע", זיין אינהאַלט־רייכע אַנטאָלאָגיע „העברע‌יִשע פּאָעזיע" און אויך די „לידער פון חיים נחמן ביאַליק".

פון אַ־גאָר גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט, זענען זיינע באַגלייט־נאָטיצן צו דעם בוך „העברע‌יִשע פּאָעזיע" און די לענגערע, קריטיש־ביאָ־גראַפישע עסייען צו יעדן פּאָעט פון „אונדזער ליד אין שפּאַניע", כאָטש אין זיינע התנצלות־„באַמערקונגען" צו זיין בוך „העברע‌יִשע פּאָעזיע" אונטער־שטרייכט ער:

> ...איך בין נישט אויסן געווען מיט מיין נייעם בוך... צו געבן אַ וויסנשאַפטלעכע, קולטור־היסטאָרישע אַרבעט... און אַז ...איך האָב בלויז געזוכט אין אונדזער אַלטער פּאָעזיע דאָס אייביקע... דאָס, וואָס האָט אויך באַדייט פאַר אונדזער צייט און אונדזער לעבן... און פון דעם סכום פון טויזנטער שירים, קינות און פּיוטים פון מיטלאַלטער, — באַטאָנט ער — האָב איך אויסגעקליבן יענע לי־דער, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער תקופה און וועל־כע האָבן נאָך נישט פאַרלוירן זייער לעבעדיקן אָטעם...

אָט די עסייען זיינע פּיבערן ממש מיט דעם כוח פון געזונטער אַנאַלי־טיק, וואָס זענען בלויז אייגן גרויסע פּאָעטן, וואָס זענען גלייכצייטיק אויך גרויסע ערודיטן, וואָס בלאָנדזשען נישט אין דעם געבוי פון זייער אייגע־נעם ליד און קענען צוליב דעם זיך טאַקע אויך איינלעבן, אויסטייטשן און

אַנאַליזירן די סטרוקטור, תוכן, פאַרנעם און ווערט פון דער דיכטונג פון אַנדערע שעפערישע פּאָעטן.

די איבערדיכטונג פון זיין „העברעיִשע פּאָעזיע" איז גרויס אין דעם פאַרנעם פון איר אויסלייג דערמיט, וואָס זי נעמט אַרום אונדזער דיכטונג פון אַלטע צייטן און מיטלאַלטער, אָנהייבנדיק פון שמעון בן־סירא, וואָס האָט געשאַפן זיין דיכטונג אין אַזאַ ווייטן צייט־אָפּשניט ...מיט 180 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג... ביז דער תקופה פון השכלה, וואָס ווערט דערפירט צום גאַנג פון דעם פּאָעט אהרן קאַמינקאַ.

בעתן לייענען די דערמאָנטע, אגב, צימצומדיקע, קריטיש־ביאָגראַפישע עסייען, גאָפן מיר פּשוט פון י. י. שוואַרצס חריפות, זיינע אויסדרוקפעיִקייטן אין פּראָזע. פון זיין אָפּשאַצונג און אַנאַליז פון די קינסטלערישע ווערק פון זיין בוך „העברעיִשע פּאָעזיע" איז קאָנטיק, אַז אונדזער הייגט־צייטיקע דיכטונג אויף יידיש־לשון — רייך אין שפּראַך, פאַרעם און אינהאַלט — האָט אין י. י. שוואַרצן פאַרלוירן אַ גואל, וואָס צויבערט מיט דער עכטקייט און אָן־פּניותדיקייט פון אַ גרויסן דיכטער, וואָס האָט אויך זיכער געקאָנט זיין אַן עכטער און וואָגיקער ליטעראַטור־קריטיקער.

„טעזן צו אַ וויכוח"

פון מלך ראַוויטש

ס'איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס מלך ראַוויטש, דער אייביקער זוכער און מאָנער פון אַלדאָס בעסטע, שיינע און עטישע אין אונדזער ליטעראַטור און לעבן — האָט אויפגעהויבן די פראַגע: צי ענדיקט זיך די יידישע ליטעראַטור אין דעם מאָוימדיקן כאַאָס פון אונדזער שטורעמדיקער צייט, ווען דאָס האַרץ פון יעדן געוויסנהאַפטיקן מענטש איז איבערגעפולט מיט זאָרג און מורא פאַר אַן אַטאָמישער מלחמה, וואָס איז עלול צו פאַרניכטן אַלץ און אַלעמען; דעם כדור הארץ אַ שטויס טאָן צוריק אין אַן אומענדלעכן תוהו ובוהו. און דעם בחיר היצירה פאַרוואַנדלען אין שטויב.

אין זיין זאָרג פאַר דעם גורל פון אונדזער ליטעראַטור, איז מלך ראַוויטש אַלע מאָל וואָך צו אונדזערע טואונגען, השערות און פּראָגנאָזן.

זייענדיק ווייט פון פחדנות, רעאַגירט ער נישט זעלטן איבער עוולות בין אדם לחברו, ווי, למשל, די אַמאָליקע אָפענע שנאה צו שלום אַשן. און אַלע מאָל שטעלט ער זיך עפנטלעך איין פאַר די געקריוודעטע און באַליידיקטע, וואָס טיילט אים אויס, ווי אַ זעלטענע פערזענלעכקייט מיט אחריות פאַר זיין וואָרט, אין די אַלע פאָרמען פון שרייבן מיט וועלכע ער באַנוצט זיך מיט דער געניטקייט פון אַ מייסטער, אַפילו אויך בעל פה.

וואָס אייגנטלעך וויל איצט מלך ראַוויטש?

נאָך דעם ווי ער רעאַגירט אויף דעם גורל פון אונדזערע אומגעקומע־נע שרייבער, וואָס איז אומפאַרמיידלעך — פרעגט ער ווייטיקדיק: ווער איז געבליבן און ווער קומט דערנאָך?

דער ענטפער איז דאָ אַ זעלבפאַרשטענדלעכער. און דאָ ערשט שווימט אַרויס די פראַגע: צי ענדיקט זיך די יידישע ליטעראַטור?

פאַר אַ געוויסנהאַפטיקן און קאָמפּליצירטן שריפטשטעלער ווי מלך ראַוויטש, וואָס האָט זיך אַליין אין לויף פון צענדליקער יאָרן פאַרגעשטאַל־טיקט ווי אַ מיטבויער און געשטאַלט אין אונדזער קאָלירפולער ליטעראַטור, איז שוין די עצם פראַגע אַליין גענוג טראַגיש. אים איז שווער צו פאַר־לייקענען, „אַז עס ענדיקט זיך אַ גרויס, אפשר טאַקע דאָס גרעסטע קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור, איז אָן ספק אים אַ סך שווערער פון זיך אַרויסצוטויכן דעם אָנזאָג אויף אַ מער פּאָזיטיוון און העלערן מאָרגן פאַר איר. בויט ער דאָ אויף אַ צאָל „טעזן צו אַ וויכוח".

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז „דער חוט השדרה פון אַ ליטעראַ־טור איז אַן אידעאָלאָגיע, און די יידישע ליטעראַטור האָט נישט נאָר אַן אידעאָלאָגיע און נייערט אַן אידעאָלאָגיע איינגעהילט אין אַ מיטאָס". און דאָ האָט אין אים אויפגעהעלט די טעזע, אַז נאָר דעמאָלט ווען מען וועט קאָנען זאָגן ...אַז עס ענדיקט זיך די אידעאָלאָגיע איינגעהילט אין אַ מי־טאָס — ענדיקט זיך די יידישע ליטעראַטור...

דערוויל, דאַנקען גאָט, האַלט עס נאָך נישט דערביי.

אַני הקטן האַלט נישט, אַז עס ענדיקט זיך לעת עתה די יידישע ליטע־ראַטור, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זי באַנייט זיך טאָג־טעגלעך, לויט דער אויטענטישער אינפאָרמאַציע און באַגרינדונג פון אונדזער אומדער־מידלעכן און באַגאַבטן שומר פון אונדזערע ליטעראַרישע ווערטן, איסר גאָלדבערג, וואָס באַטאָנט: „דער יידישער שאַפונגס־קוואַל לעבט. יעדן

חודש דערשיינען אויף דער וועלט אַ 10—12 נייע יידישע ביכער. די לעצטע דריי יאָר זענען דערשינען 350 ביכער". און אַז עס פונקציאָנירן יידישע פאַרלאַגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, ישראל און מעקסיקע (זע: „וועגן יידישן בוך" פון איסר גאָלדבערג, אין „פאָרויס", נאָוועמבער־דעצעמבער, 1964, מעקסיקע). אָפּגעזען דערפון, וואָס עס קומט נישט צו קיין גרויסער אָנוווקס פון יונגע ליטעראַרישע כוחות, ווען מיר זאָלן אָפילו בלויז נעמען אין באַטראַכט דעם באַשיידענעם ליטעראַרישן נאָכוווקס פון דעם פאַראַרעמטן, היינטצייטיקן פוילן, ישראל און אַפילו אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

אַוודאי איז ראַוויטש גערעכט, ווען ער זאָגט: „עס ענדיקט זיך אַ קאַפּיטל און עס הייבט זיך אפשר אָן נאָך אַ גרעסערעס".

אינעם גאַנג פון לעבן, וואָס איז דורכויס דינאַמיש איז אַלע מאָל אַזוי געוועזן און עס קען גאָר אפשר אַנדערש נישט זיין. און אויב ער גיט צו, אַז אונדזער ליטעראַטור „גייט איצט אַריבער אין אַן אוניווערסאַל קאַפּיטל", זענען דאָך אַוודאי פאַראַן די טרייב־כוחות, וואָס פירן איר דערצו. און דאָרט ווו אַזעלכע טרייב־כוחות פונקציאָנירן, איז שוין במילא אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון אַ טאָטאַלן אונטערגאַנג.

וואָסער די פליכט פון דעם קומענדיקן דור יידישע שרייבער זאָל נישט זיין וועט זיך דער עיקרשט באַקומען אַ קאָלאָסאַלער כינוס, פון וואָס מלך ראַוויטש חלומט אַזוי — מיט אַן אַן ספּקדיקן צוגאָב פון ניי־שאַפונג, אין הסכם מיט דער כאַראַקטעריסטישער עקשנות פון אונדזער עם קשי עורף, וואָס האָט אַפילו באַוויזן איבערצולעבן דעם זאַאַ'אַגישן ה ט'עריזם, וואָס האָט געפונען אַזאַ שאַרפן אויסדרוק אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור אויף יידיש־קודש.

צוליב דער עכטקייט פון ראַוויטשס אומרו בנוגע דעם גורל פון אונדזער ליטעראַטור, פאַרכפּלט מיט זיין גלויבן און בטחון, דערפירט ער זיין מחשבה צו דער לאָגיק פון דער סינטעזע, אַז „די יידישע ליטעראַטור ענדיקט זיך נישט, זי שליסט בלויז אָפּ אַ תקופה פון אַ ליטעראַטור של מטה, די תקופה פון צייטווייליקייט, און גייט אַריבער אין דער תקופה של מעלה", וואָס דערמאָנט אַגב אין די אילוזיעס און מאָנונגען פון ב. ריווקין ז"ל.

בכלל איז די וועלט, ווי באַוווסט, אין דער בחינה פון אַ גלגל החוזר

איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ תקופה של מעלה זאָל זיך צו־מאָל אויך אומקערן צוריק, צו אַ באַניטער תקופה של מטה.

מיר ידן, ווי אַ דינאַמיש פאָלק מיט די ביטערסטע דערפאַרונגען אויף די פאַרבלוטיקסטע וועגן פון דער געשיכטע, אויף אַלע געביטן פון לעבן — זענען קיין מאָל נישט גרייט און איילן זיך סתם נישט אונטערצוגעבן דעם יאוש און דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. ווי אַ מוסטערהאַפטער בײַשפּיל מעג דאָ דינען דער הערצישער ווידערשטאַנד פון דעם וואַרשעווער געטאָ. אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען לשם אַרגומענט ראַוויטשס השערה, אַז אונדזער ליטעראַטור שליסט אָפּ אַ תקופה של מטה, כאָטש איך האַלט, אַז מיר זע־נען נאָך ווייט־ווייט דערפון, — נעמען מיר אָן זיין פּראָגנאָז פון אַ תקופה של מעלה. און מיט אַ ריינעם געוויסן מעגן מיר האָפן און גלויבן, אַז אויך דער גורל פון אונדזער ליטעראַטור וועט זיך אויך שפּעטער אומביטן פון אַ תקופה של מעלה צו אַ דורכויס באַנייטער תקופה של מטה, אין אַ וועלט פון שלום, פרייהייט, יושר און שיינקייט.

די קיניגין וואָס טראָגט אַ קרוין פון יסורים

(ריקודה פּאָטאַש — לידער)

אין דעם גאַנג באַרג־אַרויף פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש־לשון, וואָס האָט זיך אַזוי קאַלירפול אַנטוויקלט אין אונדזער יאָרהונדערט, האָבן די דיכטער אונדזערע אין דער גאָרער צעשפּרייטקייט, איבער אַ סך לענדער און קאָנטינענטן, אַריינגעבראַכט גאָר אַ סך געגנטלעכע קאָלאָריטן פון די מקומות, אין וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבן, ליידן און שאַפן.

דער ארץ־ישראל־קאָלאָריט אין אונדזער דיכטונג, באַזונדערס גאָר לעצטנס — איז דעריבער ווייט נישט הינטערשטעליק לגבי דעם קאָלאָריט פון אַנדערע לענדער. ער פאַרנעמט אַ גאָר אָנגעזען אָרט אין דער דיכטונג פון דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער דיכטערין, ריקודה פּאָטאַש.

ישעיהו שפּיגל — דער פּיל־געפּרוּווטער, טיף־ליידנדיקער דיכטער

עסייִסט און דערציילער, וואָס האָט זיך מיט זיינע לידער, דערציילונגען און פּאַרטיפּטע עסייען קונה שם געווען אין אונדזער ליטעראַטור, מיט דער אייגנאַרטיקייט און כּוח פון אַ זעלטן שעפּערישע פּערזענלעכקייט — איז מער ווי גערעכט מיט דער השערה זיינער אין דעם קאָנדענסירטן אַריינפיר זיינעם צו דעם בוך „לידער" פון ריקודה פּאָטאַש, אַז ...דאָס סימבאָליש־עטישע פּונעם ירושלימער פּייזאַזש און דאָס טראַגישע פון איר אייגן לעבן... דאָמינירט איר ליד און אַז אירע לידער אין אַלגעמיין ...זענען אייגנאַרטיק אין זייער געבוי און דרייסט מיט זייערע פּאָעטישע אימאַזשן...

אירע אימאַזשן זענען אָבער נישט נאָר דרייסט, נאָר — דער עיקרשט טאָקע זייער קערנדיק אין דעם אייגנאַרט פון איר לעקסיק, וואָס אָטעמט אַלע מאָל מיט די זעלטנסטע קאָלירן פון ירושלימער פּייזאַזש.

מיר דוכט, אַז דער סוד פון דער עשירות פון איר ליד ליגט אין איר טראַגישער באַציונג צו דעם לעבן, וואָס האָט זי פּערזענלעך פּאַראייניזאַמט אין אַלע אירע שעפּערישע יאָרן פון איר באַשערטקייט דאָ, אויף דער ערד.

שוין דער ערשטער ציקל לידער אירער, „ווינט אויף קלאָווישן", אָטעמט מיט דער מיסטעריע פון טויט, מיט וועלכן עס פּאַרענדיקט זיך אָבער איר בוך לידער" — וואָס האָט טאָטאַל באַהערשט איר מענטאַליטעט ביי אַ גאָר יונגן עלטער, אויף איר אַרויפגעצווונגען ...אַ קרוין פון שווערע נעכט, אַ קרוין פון יסורים... וואָס ...אויסטאָן קען איך זי נישט...

ווי אַ דיכטער אין טאָגן, האָט ריקודה פּאָטאַש געהאַט אַ נייגונג צו באַנייען איר ליד מיט אַן עשירות פון לשון, פאָרעם און סטיל־נייגונגען, ביז צו חידוש. ביי איר האָט זיך עס געקניפּט און געבונדן אויף דעם נאַטירלעכ־סטן אופן, נאָסטאַלגיש און עלעגיש — אין תּוכן, אין דעם נוסח פון אַ תּפילה... צו אַלץ וואָס האָט זי אַרומגערינגלט... לויט דעם טרעפלעכן אויס־דרוק פון ישעיהו שפּיגל, אין זיין דערמאָנטן אַריינפיר צו איר בוך „לידער". זי האָט אַלע מאָל געוויטיקט אויף דעם גורל פון מענטשן, וואָס —

...קומען אויף דער וועלט צו זיין פּאַיאַצן
און צו פּויקן אין די הוילע וועלט־שויבן, ווי טאַצן,
און נאַרן זיך מיט צוגעזאָגטן גליק,
מיר אָרעמע פּאַיאַצן.

און אַלץ צוליב דעם, ווייל זי האָט געוווּסט און פאַרשטאַנען די טראַגיק פון

אונדזער אַלעמענס לעבן, וואָס כאַטש עס איז ...אין טויזנטער פּנימער פאַרבּאָרגן, דערקענט דער טויט דיך אומעטום... צוליב דעם אפשר איר תפילה:

לאָז מיך זיין, באַשעפער,
דאָס וואָס כ'בין געווען
ווען כהאָב דאָס ערשטע מאָל
פון מאַמעס בויך דערזען
דאָס ליכט פון טאָג
און נישט געוווּסט
צו וועלכן קוואַל פון יסורים
איך גיי אויף דער וועלט.

דער קוואַל פון יסורים, זאָל פאַרשטאַנען ווערן, האָט זי קאָנטיק אַלע מאָל באַהערשט, אויף תמיד זיך פאַרחותמט אין אירע נאָכקומענדיקע לידער.

איר „אָדע צו מיין טאַטנס אַכציק יאָר", זאָגט פון דעסטוועגן עדות אויף דעם, אַז —

איך וויל נישט בשום אופן
אויפגעבן מיין איינזאַמען וועג;
וואָס בלישטשעט מיט בעכערלעך טוי
אין מאָרגנגרוי.

כאָטש —

צו אונדז האָט בלויז געהערט דער ווייטיק
מיט זיינע קרומע נעגל,
וואָס האָטביידן געשטאָכן.

אָט די פּאָעמע איז בכלל מערקווירדיק מיט איר אָריגינעלן צוגאַנג צום ירושלימער אין־סוף, אין וועלכן עס —

בלאָנדזשעט מיין טרויער.

מיט דעם גאַנצן רייץ און שיינקייט פון איר תמימותדיק פאַרליבט זיין אין אונדזער ירושלים של מטה.

אירע משפחה־לידער זענען בכלל רירנדיק דערמיט, וואָס זיי זענען

ענלעך צו די האַרציקע תפילות פון אַ טיפּיש יידישער טאָכטער אין אַ מאָ־דערנער געשטאַלט, וואָס האָט אין זיך אויפגעהאַלטן די צניעות פון אַ מאָל, פון די אומפאַרגעסלעכע אימהות אונדזערע — אין דער היינטצייטיקייט פון אונדזער תקופה.

דער רעזאָנאַנס פון אַמאָליקייט, וואָרצלט דאָ אין דעם תחינה־סטיל פון אַ זעלטענער האַרציקייט, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון האַרצן, אין זין פון פאָלקישער עכטקייט.

טו מיר צו וויסן, באַשעפער,
דעם סוף און לענג פון מיינע טעג,
וועל איך וויסן אויפצוהערן מיין ליד.

צי —

אָפן שטייט דער טויער
דער טויער וווּ מיר מוזן גיין.

די הכנעה — די זעלבע ווי ביי אונדזערע מאַמעס. דער אויספיר — אַ ביסל געאַנדערשט, ווייל —

מיר וועלן זיך אומקערן
מיט אַן אות, מיט אַ גרינעם בלאַט;
אפשר אין ניסן־טעג
און אפשר אין שבט!

דאָ איז נישטאָ קיין שמץ פון איראָניע צי חוזק. דער וויטיק פון פאַר־גיין, רעדט דאָ בלויז אין דער הויך, כמעט אַן ווערטער — סימבאָליש. און קומען קומט עס דערפון, ווייל די באָבע אסתר האָט —

...גאָר אויסגעהאָדעוועט אַ פּאָעטעסע אַ יידישע
דערוווייטערט פון אַלע דיינע מנהגים.

זי ווייסט אָבער יאָ צו באַטאָנען, אַז —

געבליבן איז איר פון דיר די פרומקייט
דאָס אָפּהיטן אַ הייליקע שעה...

און ווייטער —

כ'טו תפילה אַ מאָל אין מיין ליד,
כ'צינד אַ מאָל אָן אַ יאָרצייט־פלעמל
פאַר אַלע די וואָס זיינען אויף קידוש־השם געגאַנגען;
די הייליקייט פון דיינע חומשים
איז געוואָרן אויסגעלאָשן אין מיר,
ווייל דער היכל האָט זיך צעבראָכן
אין אומקום פון מיין פאָלק.

אין איר אָנצינדן אַ מאָל אַ יאָרצייט־פלעמל פאַר אַלע די, וואָס זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם, גיט זיך איבער די המשכדיקע צניעות פון אונדזערע פאַרשוועכטע מאַמעס אין גאָר אַ נייעם לבוש — די צערפולע, געלייטערטע משפחה־לידער — די ליריק פון ריקודה פאָטאַש.

און אַז עס שפּילט איר צו דער מזל: זי געבערט אַ קינד — הערט זי מיט אַלע אירע חושים:

דער טרויער
האָט געשריגן:
צו אַזאַ וועלט,
צו אַזאַ גרויל
האָסטו אַ קינד געבוירן?

ס'איז דאָך ניסן!
ווער זאָל וויסן?

אַזוי קריגט די מיסטעריע פון לעבן אַ תיקון אין איר ליד.

ווי אַ היינטצייטיקע דיכטערין, איז זי אַלע מאָל וואָך צו יידישע נויטן. דער אָנווענד פון יידישע סימבאָלן אין איר דיכטונג איז פאַר איר דעריבער זייער כאַראַקטעריסטיש. צוליב דעם די כוונה פון איר געזאַנג אין דעם לבוש פון שיסעלעך חרס:

פון די ערשטע ליימענע שיסעלעך
וואָס האָבן געדינט צו על הנסים ועל הנפלאות
וויל איך פאַרעמען מיין ליד.

כ׳מיין,
אַז די שיסעלעך פון אייל קאָנען דינען
אויך פאַר נייע לאָגלען געווייין
פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַזוי טאַקע פאַרעמט זי אויס אַ צאָל לידער אירע, אין דעם לבוש פון יידישע סימבאָלן. אַפילו אין אָנגעזיכט פון איר קינד, פאַר וועמען זי זינגט טיילוויין אַזוי:

די לבנה גייט שלאָפן,
מיין קינד,
און רויט איז איר פנים פון צאָרן;
איצט ליגט איר קאָפּ אין אַ וואָלקן,
ווי אַ פליט אַנטשלאָפן געוואָרן...

כדי זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע מיטלען פון אויסדרוק, מוז מען נישט אַנדערש ווי זיין באַקרוינט מיט דעם אָרעאָל פון יידישער געשיכטע, יידישן פּאַטאָס, יידישן שטייגער און פאָלקסטימלעכער אָנגעהעריקייט, וואָס מאַכט עס פאַר דיר נאַטירלעך צו טראַכטן און צו שאַפן מיט דעם אָנווענד פון אַזעלכע סימבאָלן וואָס זענען דעם פאָלק אייגן, ליב און טייער.

„די שיסעלעך אייל" פאַרמירן זיך דאָ, ווי דער קאָנסעקווענטער המשך פון איר יידיש טראַכטן.

אָט די לידער זענען אַדורכגעווייקט מיט דעם בלוט און טרערן פון איר גרויס אבלות אויף דעם חורבן אונדזערן, וואָס טאָר פון אונדז נישט פאַרגעסן ווערן.

אָט די לידער אירע לייענען זיך ווי טרויער־מגילות פון אונדזער צייט, וואָס מוזן פון לייענער אַליין אויפגעזוכט און געלייענט ווערן. ציטירן זיי האָט נישט קיין זין. זיי מוזן געלייענט ווערן בלחש, ביחידות און אויך בציבור, ווי פאַרצייטיקע קינות, אין זייער פולער און פאַטאָספולער גאַנצקייט.

ירושלים איז פאַר ריקודה פאַטאַש געווען מער ווי אַ טעמע פאַר לידער.

ירושלים, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן — האָט איר געדינט ווי אַ יידישע וועלט־אויפפאַסונג, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען מיט איר מאַמעס מילך.

ירושלים, זאָל געזאָגט ווערן — האָט איר געדינט ווי אַ דאָמינירנדיקער

פאַקטאָר און כוח פון אינספּיראַציע, ווי אַן אומענדלעכער קוואַל פון שיכ־רות, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעווירקט אויף איר מענטאַליטעט צו אַזאַ גראַד, אַז שלום אַש האָט זי באַטיטלט מיט דעם נאָמען, וואָס האָט איר אגב גוט געפּאַסט — די ירושלימער דיכטערין, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקאַנט און זיך איינגעלעבט אין איר דיכטונג.

שוין אין יאָר 1934, באַלד ביי איר אָנקום און באַזעצן זיך אין ירושלים — האָט זי געזונגען:

כ'בין אָנגעקומען צו דיר, ירושלים,
ווי אַ קעמל אָנגעלאָדן מיט פּיין.
איך האָב דיר געבראַכט צוויי אויגן מיט וויין,
ווי טרויבן צייטיקע — ירושלים.
— — — — — — — —
לאָמיך פון העכסטן באַרג צעשמעטערן מיין טרויער,
אויסלעשן אין מיר די פייערן פון שרעק —
פאַרוואַרפן מיינע הענט, אַרומהאַלדזן דיין מויער,
און האָרכן ווי עס גייען די טרויער־טעג אַוועק.

און אַ ביסל שפּעטער —

קוים ווייס איך נאָר אַווּ דו גייסט,
לבנה פון ירושלים!
גיי איך דיר נאָך און נעם מיט מיין געצעלט,
לבנה פון ירושלים.
— — — — — — —
איך גיי אין די נעכט אַרום מיט מיין ליד,
לבנה פון ירושלים!
ווי דער עפּלבוים מיט ווייסן צוויט
לבנה פון ירושלים.

און נאָך שפּעטער —

ירושלים! ירושלים!
באַרג מיר דעם וואָלקן,

וואָס זעט אויס ווי אַ האַרפע, —
כ'וועל אויפציען די סטרונעס די שאַרפע
און שפּילן זיבן סימפאָניעס־זמירות...
אַזוי שיין קאָן נאָר שפּילן
אַן אוראייניקל פון ירושלים!

און דאָס אוראייניקל פון ירושלים, די דיכטערין ריקודה פּאָטאַש — האָט עס טאַקע אויסגעזונגען אין ווונדערלעך שיינע ירושלים־לידער אונטער די קאָלירפולסטע נעמען, אין אַ פאַרשטענדלעך לשון, אין זעלטן שטימונגס־פולע, אינהאַלטרייכע פרייע פערזן, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט דעם רייץ פון אירע בערג, טאָלן, לבנה־נעכט, פרילינג אין די בערג, אַלטערטימלעכ־קייטן, גאַסן, בעטלער, בערג פון יהודה, די צוויי וואַסער־פידלען, ירדן און כינרת, בוכאַרישע שול, שטאָט־נאַר פון ירושלים, ירושלימער וועטער־נביא, דרייצן טויערן און אַ צאָל אַנדערע אייגנטימלעכקייטן אין לידער, וואָס וועלן תמיד דערמאָנען די פאַראייניזאַמטע דיכטערין פון ירושלים — ריקודה פּאָטאַש.

די לידער א. נ. „די שריפט פון כנען", אָטעמען מיט דער מיסטיק פון דער מזרח־מיטאָלאָגיע.

דאָ ווערט געזונגען פון בבלישע געטער, עשתרות, מעסאָפּאָטאַמישע האַרפע, פון אדם הראשונס שיך און אויך אויף ביבלישע מאָטיוון.

אָט די לידער מוזן אויפגענומען ווערן געפילפול, ביחידות — פון יעדן ליבהאָבער פון דיכטונג, אָן דעם פירוש פון אַ סוביעקטיוון לייענער. צוליב דעם וועל איך דאָ ברענגען אַ מוסטער פון איין גאַנץ ליד. זאָל עס דעם לייענער דינען ווי אַן אָנרעג צו וועלן אַליין אויפזוכן און לייענען אָט די אַלע פראַכטפולע לידער פון ריקודה פּאָטאַש.

בבלישע געטער

זייער מאַמע גאָט
האָט זיי געבוירן
פון בראָנדז און גראַניט.
זייערע פּנימער

האָבן נישט קיין שמייכל,
קיין געוויין.

מיין גאָט
איז געוויקלט אין רצועות
פון יידישן פּיין.
ער גייט שלאָפן
אויף אַ בעט פון פּאַרמעט־אותיות —
ווייל זיי ליגן געשענדט.

בבלישע געטער
קאָנען נישט געבוירן
קיין געוויין.

מיין גאָט איז אַ יתום
צווישן פייער,
שטורעם,
אין קיינעמס לאַנד.

אויף אַ דינעם, איידעלן אופן, ווערט דאָ אַרויסגעהויבן דער יידישער גאָט אין דער פולסטער טראַגיק פון אונדזער גאָט־איבערלעבונג אין דעם האַרץ פון זיין פאָלק, לגבי די בבלישע געטער וואָס קאָנען נישט געבוירן קיין געוויין, ווייל זיי זיינען געבוירן פון בראַנדז און פון גראַניט, וואָס האָט מיט דער גאָט־אויפפאַסונג גאָרנישט נישט קיין שייכות.

די קרוין פון יעדן פּאָעט איז ד י ו ו אָ ר וואָס ער חלומט פאַר זיך אַליין אויס, פאַרוואַנדלט זי אין אַ קולט און פאַרפערלט מיט דעם געזאַנג, ריטעם און אויפזינג פון זיין האַרץ, וואָס געהערט בלויז אים אַליין, אין אַן אויסגוס פון לידער, וואָס דריקן אויך גלייכצייטיק אויס — אויף זיין אופן — די געפילן פון מענטשן אין דעם אויפהאַלט פון דויערהאַפטיקייט.

ריקודה פּאָטאַש האָט איר שטאַרקע וואָר געפונען אין דעם תהילים פון חלומות וואָס פיגורירן אין אירע לירישע לידער א. נ. „ווייסער צווייט פון איינזאַמקייט". און הגם זי זינגט דאָ וועגן זיך, אַז — אין טאָג אַריין גיי איך אַנאַנים, אַנטפּלעקט זי זיך דאָ פאַר אונדז אין דער גאָרער שיינקייט פון איר וואָר — אינטימער איינזאַמקייט.

דאָ, ווי אין די מערסטע פון אירע לידער, פאַרנעמט די בילדלעכקייט פון איר לשון דעם סאַמע אויבנאָן. וואָס די טעמאַטיק פון איר ליד זאָל נישט זיין, געפינט זי אַלעמאָל אַ בילדלעכן אויסדרוק פאַר איר עמאָציאָנעל־בליציקער איבערלעבונג, וואָס זי דערפירט אָפט צו אַ קאָנקרעטן אויפהעל פון אַלעגאָרישער שיינקייט.

ווי אַ ביישפּיל זאָל דאָ דינען איר „באַלאַדע פון אַ שמעטערלינג", אין וועלכער עס פיגורירן דער פרילינג, ווייסע פליגעלעך, רויטע בלומען, קוסטעס, רויטע רויזן... אַ וואָלקן מיט צעבליצטע לאָקן... מאַנדל־בליטן און אַ צאָל אַנדערע עלעמענטן. דער שפּיץ פון דער באַלאַדע באַשטייט אין דעם, וואָס אַ שווערער וואָלקן רירט אָן, שניידט דורך די שטילקייט, שרעקט איבער דעם שמעטערלינג, וואָס צעשניידט זיך אַ פּיסל. דער וואָלקן וויל מיטנעמען דעם שמעטערלינג אין די הימלען —

נאָר אַז ער וויל אַ ווילע דרימלען —\
זאָל ער שלאָפן.\
ער האָט צוגערופן זיבן שטערן,\
אַז זיי זאָלן אים צוקאָפּנס זיצן,\
עס מעג ווי דונערן און בליצן.\
נאָר דער שמעטערלינג האָט קיין זאַך נישט געהערט,\
ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד.

דער סימבאָל פון אומבאַהאָלפנקייט פון אונדזער אייגן לעבן אויף דער ערד.

צו וועלכן ליד דו רירסט זיך נישט צו, ווי למשל דאָס ליד „וואָלקן־שפּיגל", שלאָגסטו זיך אָן אין אָט דער בילדלעכער, סימבאָלישער שיינקייט, אין די סאַמע פאַרביקסטע וואַריאַציעס, וואָס האַלטן דיך געשפּאַנט מיט דער זעלטענער עשירות פון איר מעטאַפאָריק. און, ווי תמיד, נעמען זיי דיך אַרום מיט דעם אומעט פון איר גורל — איר איינזאַמקייט און עלנט אויף דער וועלט, פון וועלכער זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַנטלויפן, ווייל —

נישטאָ קיין באַהעלטעניש פון גורל.

צוליב דעם איר ווייטערדיקע באַטאָנונג, אַז —

מיך הערן מיינע ווענט,
מיין נאַסער מאַנטל פון רעגן,
מיינע רעגן־שיך;
זיי הערן מיין שטאַמל.

ווי אַ פּאַטעטישע מיט אַן אייגענעם פּאַרנעם אין איר ליד, האָט ריקודה פּאָטאַש אויך פאַרמאַגט אַן אויג, האַרץ און געפיל פאַר אַ צווייטן דיכטערס נשמה־איבערלעבונגען.

זי האָט קיינמאָל נישט צוריקגעהאַלטן איר באַגייסטערונג פאַר אַ צווייטן דיכטער.

זי האָט עס געטאָן פּריוואַט — אין באַגייסטערטע בריוו צו אַ צאָל פּען־חברים. און עפנטלעך — אין קאָנדענסירטע איבערבליקן איבער זייערע ביכער.

און איצט, נאָך איר פריצייטיקער פּטירה — האָט זיך עס באַשטעטיקט אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופן, אין אַ צאָל גוט־פּאַרטראַכטע און אויך גוט אויסגעפירטע לידער און פּאָעמעס צו און וועגן אירע באַליבטע דיכטע־רישע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זי באַגייסטערט, אַפילו — באַצויבערט, מיט זייער דיכטונג.

אין די לידער א. נ. „אין מיין פּרדס‟, ווערן אירע דיכטער אַרויסגע־הויבן און אויסגעטיילט ווי שעפערישע פּערזענלעכקייטן, אין דעם שענסטן זין פון וואָרט. און יעדער איינער פון זיי מעג זיך מיט דעם איבערנעמען. אָט די פּאָעמעס און לידער שטעלן מיט זיך פאָר, אַ ביז גאָר אינטערע־סאַנטן עפּיזאָד אין איר שעפעריש לעבן.

פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און כאַראַקטעריסטישע אויפפאַסונג זענען אירע לידער א. נ. „שטעט‟.

אויף איר רייזע קיין אַמעריקע און צוריק, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ צאָל לענדער און שטעט. ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל וואָס זעט אויף אַ מייל, איז זי נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון, און אין איר דיכטונג איבערגעלאָזט קאָנטיקע שפּורן פון איר לופט־רייזע, וואָס פאַלן האַרמאָניש צונויף מיט דעם וויזועלן גאַנג פון איר דיכטונג. צו איר לויב מוז אָבער

געזאָגט ווערן, אַז איר ליד „מיין בענקשאַפט צו ישראל", איז דער נאַטיר־לעכסטער אויפזינג פון איר האַרץ און נשמה, ווייל —

אין ערגעץ זיינען נישט די גראָזן מיינע, נאָר אין ישראל!
אין ערגעץ גייען מיר נישט נאָך אַזעלכע שקדים־ביימער
וואָס כ'האָב אַקאָרשט אויסגעבענקט פאַר מיין ישראל!

דאָ אין דער פרעמד,
זיינען אַלע קונסט־טעמפלען קאַלטע
און הילן מיך נישט איין צומאָל
ווי אין ווינטער — מיין ישראל — — —

גלייכצייטיק זאָל אָבער געזאָגט ווערן, אַז אירע לידער א. ג. „שטעט", פאַרשעמען בכלל נישט איר דיכטונג אין אַלגעמיין.

די גאָר לעצטע סעריע לידער אירע, א. ג. „אַקאָרדן", אָטעמען שוין טיילוויז מיט דעם אָנזאָג אויף דעם אומפאַרמיידלעכן סוף.

דאָ פילט זיך שוין דער גורל פון אַ צעשטערטער נעסט.

אין דעם ליד „דער טויטער ים" זעט זיך שוין אָן, ווי —

דער וואָגן פון חברה־קדישא שטייט תמיד גרייט —
סע שרייט דאָרט מיט ווייסע קעפ,
מיט קראַנקע פיס,
מיט טויבע אויערן,
מיט בלינדע און לאָמע.

דאָ ווערט אויך געזונגען מיט אַ ציטער אין האַרצן פון עפּלבוים אָן עפּל, אַזוי:

ס'רחמנות־סטרונעלע האָט אין מיר געטאָן אַ צאַפּל:
אַזוי וועט מען מיך אויך רופן
ווען מיינע לידער וועלן שטאַרבן,
ווען איך וועל מער נישט זיין.

און איר ליד „אַ רויטער פרימאָרגן“ פאַרענדיקט זי אַזוי:

...כ׳גיי אַ פרעמדע
צו דעם אומבאַקאַנטן פּאַלאַר,
וואָס צייכנט מיין וועג
מיט חרטומים־שריפט.

דאָס זענען אַלץ טרויעריק־פּעסימיסטישע אָנזאָגן אויף דעם אומפאַר־מיידלעכן סוף, וואָס רייסן ממש אויף די אויגן ביי דעם אויפזינג:

מיין מזל גייט שלאָפן,
מיין מזל וואַכט־אויף,
איך טו עס אין מיר פאַרשפּינען.
און אפשר וועט ווער דערהערן מיין קול
אין אַ בלויען שטערן,
וואָס גייט אויף אין באַגינען.

און די סאַמע לעצטע זעונג אירע שניידט זיך איין אין דיין געמיט און זכרון, מיט דעם טרויעריקן אַקאָרד פון האָבן געזען און האָבן געפילט, אַז —

כ׳האָב געזען שטאַרבן אַ שעה.
די זיבן בערג פון יהודה
האָבן זי געטראָגן אויף זייערע קעפּ
מיט אַ גרינעם קרעפּ איינגעדעקט.

די שעה איז געווען מיינע,
טויזנט קרישטאָלענע שויבן האָט זי געהאַט,
און ביי איר צוקאָפּנס מיין קרוין
האָט געלויכטן ווי גרינע פלעמלעך.

די וווּנדערלעכע דיכטער־קרוין פון דער דיכטערין ריקודה פּאָ־טאַש — די משוררת פון ירושלים.

איידעלער קדיש און טרוקן געוויין

(מ. אַליצקי: געקליבענע לידער)

יעדער דיכטער, וואָס איז עכט אין זיין שאַפן איז בטבע אַ זעער.

אַ זעער — וואָס איז ווי אַ דיכטער מיט אַלע זיינע חושים פאַרוואָקסן אין דער צייט אין וועלכער ער לעבט, שאַפט און ווירקט, איז בטבע געגייגט פאָרויס צו גיין און זען די צייט, מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון זיינע פאַ־טענצן. ער באַדאַרף זיין ביכולת זיך אַריינצולעבן אין דעם פאַרהוילענעם מאָרגן וואָס בלויט מיט חזיונות, דורך דעם אופזינג פון זיין דיכטונג אין אַ פאַרשטענדלעך לשון, וואָס איז קאַפּאַבל אויפצוציטערן דיין האַרץ, דיך פאַרשותפן צו זיינע זעונגען מיט דעם רייץ פון זיין סטיל, וואָס מוז דיך פאַרכאַפּן, דיך האַלטן געשפּאַנט און דיך אָנשטעקן מיט דעם פּאַטאָס פון זיינע איבערלעבונגען.

די אַליצקי־משפחה האָט אונדז מזכה געווען מיט אַ געבענטשטן און שעפערישן דריילינג: פּאָעטן מיט אָנזען און חשיבות אין אונדזער דיכ־טונג, וואָס איינער פון זיי איז דער דיכטער און מחבר פונעם בוך „געקלי־בענע לידער" — מ. אַליצקי.

אין זיין פּאָעמע „אַליין", וואָס איז אַוודאי געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון אונדזערע אַטאָמישע דערגרייכונגען, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק מיט זייערע פאַרניכטנדיקע פּאָטענצן, זינגט ער פון אַ טאָג, וואָס ...ניט קומען זאָל ער בעסער... ווען —

...זיין ניט וועלן מער קיין הייזער ביי די ראָגן,
און ניט טראַמוויען וועלן און ניט קיין טעקסיס יאָגן —
זיין וועט אַרום דיר אַ ווייטקייט רונד און לער,
אַ ווייט מיט ליכט־פלעקן, און מיט גאַרניט מער.
און מיאוס וועט זיין דאָס ליכט, די פלעקן גרויס און שיין
און שטיל וועט זיין און ניי. און דו וועסט זיין — אַליין.

דערמיט איז געמיינט צו זאָגן, אַז אַ נייער תוהו ובוהו רוקט זיך אָן אויף אונדז און אונדזער וועלט, מיט אַלע אירע דערגרייכונגען, לויט דעם פאָרויסזען פון דעם פּאָעט מ. אַליצקי, וואָס אין זיין באַגאַבטקייט ווי אַ

דיכטער, באַהערשט ער זיין טעמאַטיק מיט דעם צוגאָב פון אַן אייגענעם פּאַטאָס, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דעם גאַנצן אויסלייג און אויפזינג פון זיינע „געקליבענע לידער".

שוין אין ערשטן ליד זיינעם, „ערשט געקומענע", שלאָגט ער אָן אַ טאָן פון פאַרוווּנדערונג, אומעט און הילפלאָזיקייט מצד אונדזערע אויסגעוואָר־צלטע ברידער־אימיגראַנטן, אין דעם גרויסן מדבר ניו־יאָרק, וואָס —

זיי שטוינען נאָר, וואָס הייזער זיינען גאַנץ,
און וואָס פון טראָטואַר איז ניט גערירט דער שטיין.

ווייל ערגעץ ווו, אין זייער מענטאַליטעט און זכרון, זעען זיי נאָך, און זיי שפּירן מיט אַלע זייערע חושים, אַז —

דאָרט זיינען צווייגן — פלאַקערדיקער שייטער.
דאָרט זיינען טאָלן פול מיט מענטשן־ביינער.

וואָס גייען זיי נאָך ווי שאָטנס, שטומע עדות פון אונדזער חורבן, אין דעם אויפזינג פון אַ טרוקן געוויין, אין די געצוימטע, אַפילו אורבאַניסטישע — צימצומדיקע לידער פון מ. אַליצקי.

נישט אומזיסט זינגט ער אין זיין ליד „אפשר?", נאָך דעם ווי ער קרייצט דורך די גרויסשטאָט אין אַ טעקסי, אַז —

האָסט ניט אַריינגעקוקט אַ הייזקע אין דער שויב,
האָסט ניט אַ נעם געטאָן אַ ביימל ביי אַ בלאַט —
זיין פרייד דערפילן, יונג און גרין און גלאַט.

וואָס האָט זיך פאַר־סך־הכלט צו דער נאָסטאַלגיע פון אַ לאַנג־פאַרשוועכטן און אָפּגעשניטענעם לעבן.

מוסטערהאַפט, שיין און טיף־רירנדיק איז זיין פּאָעמע „אַלטע לבנה", אין דער כמעט נביאישער אויפפאַסונג פון אונדזער באַלד נישט־וויטן לעבן, ווען —

אין ביכער וועלן מענטשן זוכן דיך
אין די לידער פון פאַרגעסענע פּאָעטן.

די טעמאַטיק פון מ. אַליצקיס לידער איז נישט און קען אויך נישט זיין קיין איינהייטלעכע. דערפאַר אָבער איז זי אַ קאָלירפולע, אין דעם אויס־

לייג פון אַ סטיל אין נישט קיין באַנאַלע, איינטאָניקע פאָרמען, וואָס געפי־נען אַן אויסדרוק סיי אין קלאַסישע, געמאָסטענע — און אויך פרייע פערזן. אין דער זעלבפאַרשטענדלעכקייט פון אַ פאַרשטענדלעך לשון, וואָס איז צוגעגנגלעך, אַפילו פאַרכאַפּנדיק — פאַר אַ היינטצייטיקן לייענער און פאַרערער פון אונדזער ווונדערלעכער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

די פינף אָפּטיילן פון זיינע לידער: „אין ניו־יאָרק", „ביי דער ווייסל", „מיט מיינע אייגענע", „שריפה" און „אַש איז געבליבן", זענען זיך אויך נישט סותר אין זייער הינטערגרונט, וואָס פאַרשפּיצט זיך און דערפירט זיי צו דער איינהייטלעכקייט פון אַ פּאַטאָס, מיט דעם רעזאָנאַנס און אײדעלן, דממה־דמהדיקן קדיש און טרוקן געוויין, ווי עס קומט, למשל, צום אויס־דרוק אין דעם פּאַטאָס פון די לידער „ביי דער ווייסל", ווו —

קראַנקע ליגן איינגעדעקט מיט שלאָף. זיי פילן:
קערפּערס זיינען טיף אַריינגעוואַקסן אין דער נאַכט.
יעדער גליד איז ווי אַ וואָרצל פויל און קיל,
און שמעקט מיט ערד און נאַכט.

צוליב דעם, דאָס פאַרצווייפלטע געזאַנג פון ליד „פאַרלעש דאָס ליכט", כדי עס —

...זאָל בעסער פינצטער זיין.
איך וועל אַוועק און דעמאָלט הערן
ווי ס'פאַלט די ערד אין אייביקייט אַריין
באַגלייך מיט אַלע פאַלנדיקע שטערן.

צוליב דעם, אויך די זעונג פון אַ „פאַרנאַכטיקע וועלט", ווען —

צוקאַפּנס וועט ליגן צעקנייטשט מיין שינעל.
די ביקס וועט נאָך וואַרעמלעך זיין.
און גלאַנצן וועט זי, אומבאַוועגלעך און העל,
אין לעצטער, אין רויטלעכער שיין.

רירנדיק ביז גאָר, ווייטיקדיק און אומפאַרגעסלעך זענען מ. אַליצקיס לידער „מיט מיינע אייגענע". דאָ רעדט זיך קודם־כל וועגן דער מאַמען, וואָס ...איך האָב נישט געקענט... דו נעמסט אויף די טראַגיק פון אַט דער

מאַמע־איבערלעבונג. מיט דעם צויבער פון דיכטונג, וואָס ווייטיקט זיך אַריין אין דיין מענטאַליטעט, האַרץ און נשמה אוממיטלבאַר און באַאומרו:קט דיך אויף תמיד, אין שייכות מיט דער אייביקער מאַמע, וואָס באַגלייט דיך ווי אַ שאָטן ביז דיין לעצטן אָטעמצוג.

די פּאָעמע „מיר פאַרשעמען דיך", מיין ברודער שמחה — וויינט זיך אין דיר אַריין מיט דעם ניגון פון על חטא, וואָס ניגונט געוויינלעך אויף אין די זעלטענע מאָמענטן פון השתפכות און חשבון הנפש, אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז.

אַזוי אויך דאָס אָנדענק־ליד „נאָר ער אַליין" — מיין ברודער ברוך, דער יינגסטער פון דעם דריילינג וואָס איז אומגעקומען פאַר דער צייט און אין וועמען מיר האָבן אפשר פאַרלוירן אַ פּאָטענציעלן גרויסן פּאָעט.

די טעמאַטיק פון די לידער „שריפה", איז ווי דער נאָמען ווינקט אָן — חורבן. דאָ אָבער איז בכלל נישט קענטיק קיין היסטערישער אויסגעשריי, וואָס דערגרייכט זעלטן זיין ציל.

דאָ קומען אָבער גלייכצייטיק צום אויסדרוק די טראַגישע איבערלע־בונגען פון אונדזער חורבן אין דער איידלסטער און דינסטער פאָרעם פון דיכטונג, וואָס אַנטלויפט פון באַנאַלן קוויטש און דערגרייכט איר ציל דווקא מיט די איידלסטע מיטלען פון איר יצירה, קול דממה־דקהדיק, אָן קללות — ווי אין דער פּאָעמע „צווישן הימל און ערד", ווו —

שטיל, אָן אַ פלאַקער, געברענט האָט די וויג,
און — זאָגן געקאָנט וואָלט איך — שיין.
זי האָט זיך געהוידעט אַהין און צוריק
מיט ווינדעלעך ווייסע און ריין.

וואָס דער דיכטער פאַרענדיקט אַזוי:

איך וויל בלויז, אַז איר זאָלט עס זען אַליין,
וואָס איך האָב מיט רגעס צוריק:
צווישן הימל און ערד, אין אַ מויער פון שטיין,
ברענט מיט רויטלעכן פייער אַ וויג.

מער קיין פירושים זענען דאָ נישט נייטיק.
קיין טראַגישערס דערפון איז נישטאָ.

אַזוי אויך די אַנדערע לידער, ווי „אין אַ פּאַרלאָזטער שטוב", „אַ באַן", און ענלעכע פון אַט דעם ציקל.

„אַש איז געבליבן", דער לעצטער ציקל לידער אין דעם בוך — איז כמעט אַ המשך פון דעם פריערדיקן — „שריפה".

דאָ, ווי דאָרט — קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס ווייטיק און צער אויף אונדזער חורבן.

דורך שויבן ברענגט דער אָוונט אַש
פון ווייטער היים, וואָס איז אַוועק אין ווייען.
דאָרטן זיינען אַלע...

ער זינגט דאָ אויך פון „דאָס העמד אויף מיר", וואָס קען דאָך צום לייב נישט ווערן איינגן, ווייל —

ס'איז נאָך אַ גוף פאַראַן אין צוגעשיקטן העמד.
איך פיל זיין וואַרעמקייט, איך קאָן זיין אָטעם הערן.
פאַמעלעך ווער איך היימיש אין דער פרעמד —
דאָס העמד אויף מיר קאָן היימיש מיר ניט ווערן.

אַזוי ווערט דאָ בולט אַרויסגעבראַכט דער איידעלער קדיש און טרוקן געוויין פון דעם דיכטער מ. אַליצקי, אָן באַנאַלע אויסגעשרייען — אויף אונדזער גרעסטן חורבן, אין די גאָר שטילע, איידל אויסגעפורעמטע לידער פון זיין נייסטן בוך „געקליבענע לידער".

די מגילה פון טרויער

(משה שולשטיין: ביים פנקס פון לובלין)

אונדזער חורבן־ליטעראַטור, וואָס באַנייט זיך מיט קולטור־היסטאָרישע ווערק, טאָגביכער, כראָניקעס, מעמואַרן און געדענקביכער פון חרובע שטעט און שטעטלעך, האָט אויך געפונען אַ דויערהאַפטיקן אויסדרוק אין ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק, אין דער דיכטונג פון אַ צאָל דיכטער אונדזערע, וואָס זענען יאָ צי נישט געווען אין טרעבלינקע.

דאָס נייסטע בוך פון דעם באַקאַנטן פּאָעט משה שולשטייק, איז דורכויס געשריבן אויף דער פּאַן פון אונדזער חורבן. און געשריבן איז עס מיט טאַ־לאַנט, מיט דעם בלוט פון זיין האַרץ — אין דעם לשון פון אַ דיכטער, וואָס בלאָנדזשעט נישט מער און ער דערגרייכט מיט זיי וואָס ער וויל און ער באַצוועקט מיט זיי: דיך אָנצושטעקן מיט דעם צער פון ז י י ן איבערלעבונג, וואָס צווינגט דיך צו טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך וועגן דער זינלאָזיקייט פון אונדזער דריטן חורבן, לעולם ועד געדענקען און נישט פאַרגעסן, וואָס דער הײַנטצייטיקער עמלק האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן.

שוין דער נאָמען פון דעם בוך: „ביים פנקס פון לובלין", וויטיקט זיך אין דיר אַרײַן מיט דעם אויפלויכט פון אַ היסטאָרישן הינטערגרונט פון אונדזער דריטן און גרעסטן חורבן, וואָס פינצטערט אויף און וויקלט זיך פאַר דיר פונאַנדער מיט דעם רייץ פון אַן אַפּן בוך — אין דעם אויפ־העל פון אַן אייגנאַרטיקער מגילה פון טרויער.

דער דראַמאַטישער „חזיון אין אַ קופּע אַש", ווי דער דיכטער באַנאָמענט זיינע רירנדיק־נאַראַטיווע פּאָעמעס, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם געמיט פון די זעלטענע אָנטיילנעמער פון אַ צאָל גאונים אונדזערע, וואָס האָבן געלעבט אין דעם צייט־אָפּשניט צווישן דעם זעכצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט — געשטאַלטן פון אַמאָל, מיט דעם אומגעריכטן עודף פון די „קינדער פון מאָרגן".

דער רוף אין אַ געבעט־געוויין פון „צוויי בעלי־פנקס":

פון די קברים די פאַרשוועכטע ווערט נתגלה!

— — — — — — — — —

קומט אַרויס פון דאָרט, איר אבות אבותינו...

— — — — — — — — —

לאָמיר איצטער דורכשניידן די צייט ווי מיט אַ זעג
ביז צו אונדזערע פאַרקוילטע שוואַרצע טעג.

ציטערט אויף דיין האַרץ און פירט דיך באַלד אַרײַן אין דעם גיהנום פון אונדזערע טעג, וואָס געפינט באַלד אַ תיקון אין די נאָכפאָלגנדיקע פּאָעמעס פון דעם זעלטן שיין אַרויסגעגעבענעם בוך, מיט די גאָר איינדרוקספולע צייכענונגען אין שוואַרץ־ווייס, פון דעם קינסטלער א. קאַלניק.

„די געשטאַלטן פון אַמאָל", וואָס האָבן פון וויטן אַ בת־קול פאַרנומען

און באַלד טאַקע אויך געקומען, הייסן זיך אויסלעשן... דעם געשימער פון אונדזערע קרוינען... אין פינצטערן שטוינען:

וואָס טוט זיך? די יידן־שטאָט איז גאַר אָן יידן?

און זייער לאַגישער פאַרלאַנג, אין דעם ברען פון זייער פיינלעכער איבער־לעבונג פון פאַרצווייפלונג און פון יאוש — איז:

לייגט נאָך אַמאָל שערבלעך אונדז אויף די אויגן —
נישט דאַרפן דאָס צוזען אין עלנט געבויגן.

דאָס איז אין קורצן דער אויפגעשריי פון דעם חוזה פון לובלין; דער אייזערנער קאָפּ; ר׳ עזריאל הלוי האָראָוויץ, שאול וואַל, דער לעגענדאַרער קעניג פון פוילן; דער מהרש״ל — ר׳ שלמה לוריא, און ר׳ מאיר בן־גדליה — דער מהר״ם פון לובלין, וואָס שלייכן זיך אַרום אין די יידישע גאַסן, ווו —

מען הערט דאָרט ניט מער דעם בעל־תפילה, דעם חזן.
— — — — — — — — —
די פרייד פון יום־טובים — די דאגות פון וואָכן —
און הערן בלויז אונדזערע אייגענע קנאָכן.

צוליב דעם דער וויטערדיקער אויפשטורעם:

פאַרדעקט אַלע טייכן מיט כמאַרעס ווי שפּיגלען!
און שבעה זיך זעצט אַלע בערג אַלע היגלען!
איר האָט אונדז גערופן — צו וואָס און צו ווועמען?
אויף חיבוט הקבר? אונדז פלאָגן? פאַרשעמען?
ווו איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל?
ווו איז אונדזער היים — אונדזער אם בישראל?

די „בעלי־פנקס“ געפינען די שטאָט, די געליבטע, געשעצטע, בלויז —

...אין די בלעטער פון ספרים
מיט פענצטער פאַרלאָשענע, שוואַרץ־אויסגעזעצטע.
די הייזער צעפלינדערט, פון רויכן דערוואָרגן...

זיי רופן אַלעמען צום ספר, צום פנקס. און אין דעם געזאַנג פון אונדזער טראַגישער תקופה, אין גאַר רירנדיקע פּאָעמעס, באַקומט זיך אַ בילד פון שונא, וואָס —

ער וויל פון דיר גאָרנישט — דיין נפש בלויז וויל ער.

„די בעלי־פּנקס" פּאַרפעלן נישט צו פאַרצייכענען אַלע מיתות־משונהס מיט וועלכע אונדזערע קדושים זענען אומגעקומען, אַפילו ווי —

אַ קינד פון אַ מאַמען צעשיידט איז, צעריסן
און ס'קינד אויך אַליין ווערט צעריסן אויף העלפט.

אָט די אַלע איבערלעבונגען באַקומען זיך אין קרעפטיק־אויסגעהאַמערטע פערזן, וואָס זיינען רירנדיק אין תוכן און דורכויס קינסטלעריש אויסגעפירט.

„די קינדער פון מאָרגן", וויינען און מאָנען:

פּאַמעלעך, קיין וואָרט נישט, קיין אות נישט פאַרהיפּערט —
מיר דאַרפן אַלץ וויסן! מיר מוזן אַלץ וויסן!

די מגילה פון טרויער, כאָטש פאַרקערפּערט אין אַ דינעם בוך, און דאָס באַטראַכט איך פאַר אַ גאַר גרויסע מעלה — וויקלט זיך ווייטער פונאַנדער אויף דעם פלאַטער פון פיק. „די בעלי־פּנקס" זענען ממשיך זייער איכה־געזאַנג אויף זייער שטייגער אַזוי:

עצבות און פרייד,
ווינט פון די פאַלעס,
שיין פון לעגענדע —
אַלץ גייט צו ענדע,
אַלץ גייט צו ענדע —
דאָ, אויף די פּוילישע
וועגן פאַרגייט
מיין טויזנט־יאָריקער,
ביטערער, צרה'קער
גלאָררייכער גלות.

און —

אַלץ איז פאַרביי,
אַלץ איז פאַרביי.

פון דעם גאַנצן הו־האַ, קאָשמאַרישן געיעג צום אומקום, טיילט זיך דאָ אויס אַזאַ אומפאַרגעסלעך בילד:

מיטן פאַרגעלטן
צויטיקן טלית
האָט זיך אַ זקן
ס'פּנים פאַרשטעלט —
מער ניט צו דאַרפן זי
זען אַט די וועלט...

די פאַרשאָלטענע וועלט פון רציחה, אין דעם פּראָצעס פון אומשולדיקן אומקום.

דאָס האַרצרייסנדיקע געזאַנג פון אומקום דערגרייכט זיין קלימאַקס אין דעם, וואָס עס —

שטייט דער וואַגאָן —
לעבן און טויט
שטייען באַנאַנד.
דאָ איז די ראַמפּע,
דאָ איז דער ראַנד!
דאָ קומט מען אָן, —
דאָ קומט מען אום.
דאָ קומט מען,
דאָ קומט
מען,
דאָ
קומט
מען אָן...

אין דעם טויטן־לאַגער פון דעם פינצטערן היטלעריזם.

„די געשטאַלטן פון אַמאָל‟ זענען פאַרצווייפלט און צעבראָכן. זייער פאַרוואורף און געבעט פון האַרצן איז:

וואָס האָט איר געוועקט אונדז? לאָזט גיין אונדז פון דאַנען!
— — — — — — — — — —
פאַר בושה לאָזט נאָך אַ מאָל היינט אונדז באַגראָבן!

און ווייטער —

קום, נביא, צום עמק הבכא צו שוועבן.
צי וועסטו אויך ס'אַש, ווי די ביינער באַלעבן?

און —

מיר קענען נישט זיין דאָ די פוסטקייט צו הערן.
צוריק ווילן מיר אין דער רו אַריין קערן.

דער העכסטער גראַד פון פאַרצווייפלונג קריגט אַזוי אַרום אַ תיקון, אין די קינסטלערישע ווערטן פון משה שולשטיינס דיכטונג.

אַזוי זעט מען און עס באַשטעטיקט זיך, אַז „די קינדער פון מאָרגן‟ האָבן ווי זקנים דאָס קלאָגליד באַנומען. זיי רידן, למשל, פון לערנען וועגן דעם אַמאָל אין די ביכער —

ווען אַלץ וועט אין כתבים שוין ווערן אַמאַליק —
געדענק וואָס אַ מאָל האָט געטאָן דיר עמלק!

און דער פינאַל פון דער מגילה פון טרויער איז:

מיר טראָגן די שטאָט, ווי אין זאַמדן צעגליט
האָט משה געטראָגן דעם משכן אין וואַנדער;
מיר טראָגן זי טריי, ווי אַ ספר פון פייער,
די מויערן־שטיקער, ווי לוחות ווי נייע.
— — — — — — —
אַז שטיין זאָל זי פאַרכטיק און דויערדיק־בלייביק
אין קדשי־קדשים פון אונדזער זכרון
פון יאָרן ביז יאָרן,
פון אייביק ביז אייביק,
ונאמר אמן.

דאָס איז אין קורצן דער זין, תוכן און פּאַרנעם פון דעם בוך „ביים פּנקס פון לובלין", וואָס דער דיכטער משה שולשטיין האָט פאַר אונדז אויסגעוויטיקט, — אַ טרויער־מגילה, אין רייפע פּאָעמעס, וואָס וועלן אונדז אַלע מאָל דינען ווי אַ דירעקטער אָנרעג צו געדענקען און נישט פאַרגעסן, וואָס דער היינטצייטיקער עמלק האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן, אין דעם סאַמע ברען פון די גרעסטע און בעסטע דערגרייכונגען פון דעם אַזוי גערופענעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ע ס י י ע ן

אין דעם היכל פון שירה

אין דעם היכל פון שירה גייט אַרום די יצירה אין אדם הראשונס קליידער.

איר אויסזען בייט זיך תמיד, אין האַרמאָניע מיט די קאַפּריזן פון איר השתפכות הנפש, אין דער פאַרמירונג פון אַ שיינקייט, וואָס רייסט דיך מיט מיט דעם רייץ פון איר אַנטפּלעקונג.

זי רופט אין דיר אַלע מאָל אַרויס די אילוזיע פון אַ זעונג ביז שכרות און פאַרגעסונג, אין דיין אייגענער עקזיסטענץ.

דער וואָס איז זוכה זיך צו באַוועגן אין דעם היכל פון נגינה, איז אָן יעדן ספק אַ דיכטער.

אַ דיכטער איז דער, וואָס איז גורם אין דיר, מיט דעם כוח פון דעם ריטעם פון זיין לשון און סטיל, די אַנטפּלעקונג פון זיין האַרץ, געפיל און נשמה, אין דעם אויפזינג פון אַ ליד, וואָס איז אין זיך כולל דעם אַרומנעם פון אַן עכטער איבערלעבונג, אין דעם אויסלייג פון אַ בילדלעכקייט, וואָס אָטעמט מיט דער פשטות און דער זעונג פון אַן אילוזיע, אין דער פאַר־וואַנדלונג פון אַ רעאַליטעט, וואָס איז זעלבפאַרשטענדלעך.

דער היכל פון נגינה, וואָס איז פערמאַנענט אין זיין אויפהאַלט, איב־דיווידועל, אין דער אַנטפּלעקונג פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט, איז דורכויס דינאַמיש אין זיין כאַראַקטער און איז גלייכצייטיק אויך — ווי אַלץ וואָס לעבט — אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון אַנטוויקלונג. היינט — אַנ־דערש ווי נעכטן. און מאָרגן — נישט זעלטן, דאָס פאַרקערטע פון היינט.

דער היכל פון נגינה איז אַלע מאָל באַלויכטן און פיבערט תמיד מיט דעם ברען פון התלהבות, ענלעך צו דעם דאָרנבוש אין מדבר, וואָס ברענט און ברענט זיך קיין מאָל נישט אויס.

דער סוד פון דיכטונג

דער סוד פון דיכטונג כישופט מיט דעם רייץ פון אַנטפּלעקונג.
די דיכטונג, וואָס איז פאַרשוועסטערט צו דער מעשה בראשית, שאַפט איבער די יצירה קוואַליטאַטיוו, אין איר אייגענער פאָרעם און לשון, וואָס פאַרוואַנדלט זיך גופא אין אַן אַקט פון יצירה, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און ווייסט נישט פון קיין סוף.
די שיינקייט פון דער גאָרער וועלט האָט בלויז דאַן אַ ווערט, ווען זי קריגט אַ רעזאָנאַנס און אַ תיקון אין די אַנטפּלעקערישע אַקטן פון יצירה פון דער דיכטונג, אין דעם מויל און מעשי ידי אדם, אין וועמענס זכות זי לעבט דינאַמיש, ווי אַן אייגענע און אייגנאַרטיקע יצירה, און זי ווערט אַזוי אַרום איבערגעענטפערט פון דור צו דור, ווי אַ דויערהאַפטיקער ווערט, וואָס איז בכוח בייצושטיין דעם נסיון פון דער אומאויפהערלעכער צייט, די מיסטעריע פון לעבן.

דיכטער און דיכטונג

די פראַגע ווער איז אַ דיכטער און וואָס איז דיכטונג בכלל, איז אַלט ווי די וועלט.
פון וועלכן קוקווינקל דו זאָלסט נישט באַטראַכטן אָט די דאָזיקע פראַגן, איז אַלץ שווער צו מאַכן זיי קלאָר פאַר זיך און פאַר יענעם, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַלע מאָל שווימען אַרויף נייע צוגאָבן, ווי אַ פועל־יוצא פון דיינע ספקות, אומזיכערקייט און דעם אויפהעל פון פאַרכאַפּנדיקע ווי־זיעס, וואָס באַאומרויִקן דיך און שטויסן דיך צו פּאָטענציעלע עמפינדלעכ־קייטן, וואָס זוכן אַ תיקון פאַר דיין פאַראינטערעסירונג אין אָט די פראַגן, וואָס זענען אַן אינטעגראַלער פאַקטאָר אין דיין עמאָציאָנעלן אויפברויז, אין שייכות מיט דיין אַקטיוון אָנטייל אין דער יצירה פון עכטער דיכטונג.
צו געפינען אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף אָט די פראַגן, איז במילא פּראָב־לעמאַטיש און שווער, קיין מאָל נישט אויסשעפּנדיק, אָבער ביז גאָר איינ־טערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר זיך אַליין און אויך פאַר יענעם.

זאָל דאָ באַלד געזאָגט ווערן, אַז אַ דיכטער מוז נישט דווקא זיין דער, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט שרייבן קורצע אָדער לאַנגע שורות, מיט צי אָן גראַמען. אמתע דיכטונג וואָרצלט נישט בלויז אין לשון פון דעם בחיר היצירה, נאָר אויך אין אַ סך אַנדערע אָקטן פון יצירה: אין דער פלאַסטיק, מוזיק, סקולפּטור און בכלל אין דעם ריטעם פון זעערישער אַנטפּלעקונג, וואָס איז גורם אַן עמאָציאָנעלע איבערלעבונג אין דעם געמיט פון אַ צווייטן אָביעקט — דעם אויפנעמער און אָפּנעמער פון דורכויס קינסט־לערישע ווערטן.

נישט זעלטן טרעפט, אַז אַ פּשוטער בשר ודם, וואָס קען זיך צומאָל אַפילו נישט באַנוצן מיט אַ פעדער, זאָל אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַקט פון פּאָעטישער יצירה, ווי דער העלד פון אַ דערציילונג פון שלום אַש א. נ. „דער פאַרבאָרגענער בחור", וועמענס תפילה צו גאָט דריקט זיך אויס אויף אַן אומגעריכטן און פּרימיטיוון אופן, — אַ פייף מיטן מויל, — וואָס איז מרעיש עולם און שמידט דיך צו צו זיין איבערלעבונג מיט דער הנאה און באַוווּנדערונג מצד אַ שעפערישן און מיטבאַטייליקטן יחיד, וואָס האָט אַ חוש פאַר פּאָעטישע ווערטן.

אמתע פּאָעטן שרייבן נישט קיין לידער מיט טינט אָדער מיט אַ בלייער.

עכטע דיכטונג ווערט געשריבן, און מוז געשריבן ווערן, מיט דעם בלוט פון דעם האַרצן, אויפן פאָן און דינאַמיק פון אַ געוויסן, וואָס איז קאַפּאַבל דיך, דעם לייענער, אין איין הרף־עין דערהייבן און דערפירן צו דער זעלטנסטער איבערלעבונג פון גאַרער התפשטות הגשמיות.

אַ דיכטער איז בלויז דער, וואָס לעבט אין זיין דיכטונג, אומאָפּהענגיק פון דעם דיכטער, וואָס ווערט אויס דיכטער פון דעם מאָמענט אָן, וואָס עס טוט זיך פון אים אָפּ דער רוח הקודש.

דאָס בלוט און דאָס געמיט פון אַ דיכטער צירקולירט אַלע מאָל אין זיין באַטרעפנדיקער שאַפונג, די דיכטונג זיינע, וואָס פירט אַן אייגן לעבן אין דער ליטעראַטור אָן אים, נאָך דעם ווי זי גייט איבער פון רשות היחיד צו דעם רשות הרבים און לעבט אין דעם זיכרון פון די נאָכקומענדיקע דורות. צוליב דעם, וואָלט איך געזאָגט, איז דער מענטש, דער מחבר פון עכטער און ווערטפולער דיכטונג אַ דיכטער, בלויז אין זיין ליד און נישט אַלע מאָל אין פּראַקטישן לעבן, אין זיין אומגאַנג צווישן מענטשן, ווען דער רוח הקודש פון זיין יצירה האָט זיך שוין פון אים אָפּגעטאָן. דערפאַר

אפשר איז בעסער און ראַטזאַם אַפילו, נישט צו וועלן קענען אַ דיכטער אין זיין פלייש און בלוט. עס איז בלויז אים גוט צו גערעכנט איז זיך מתיחד לעכע און זעלטענע מינוטן, ווען אַ שעפערישער לייענער איז זיך מתיחד מיט דער עכטקייט פון זיין ליד, אויב עס איז טאַקע עכט און רעגט דיך אָן צו אַן ענלעכער איבערלעבונג ווי די פון דעם דיכטער, וואָס פלאַטערט איבער דיר און אין דיר, בשעת דו לייענסט עס.

צוליב דעם אפשר איז פסיכאָלאָגיש אויך מעגלעך תמיד הנאה צו האָבן פון די שעפערישע אַרבעטן פון אַ דיכטער פון נעכטן, וואָס האָט זיך אין היינט אַריינגעוואַקסן מיט דער געוויסנלאָזיקייט פון אומריינע האַנדלונגען (איך האָב דאָ אין זינען עזרא פּאונד, קנוט האַמסון און אַנדערע) און דער־מיט פאַראַטן זיין אייגן ליד, וואָס האָט אין זיינע אַמאָליק־שעפערישע מאָ־מענטן אפשר יאָ געפיבערט מיט דעם ברען פון אַ לעבעדיק געוויסן, האַרץ און נשמה, וואָס האָבן זיך אין זיין איצטיקן גילגול פון אים אין גאַנצן אָפּגעטון.

דיכטונג אין טאָגן

צוליב דעם, וואָס די פונקציע פון דיכטונג געפינט זיך אַלע מאָל אין דער בחינה פון טאָגן, באַנייט זי זיך גלייכצייטיק אַלע מאָל מיט אַ נייעם בראשית.

עכטע דיכטונג איז אַלע מאָל אַנטפּלעקעריש אין דעם זין, וואָס זי איז אַלע מאָל עפּעס מחדש, אומאָפּהענגיק פון די פריערדיקע דערגרייכונגען אין דער דיכטונג בכלל.

אין דער מענטאַליטעט פון יעדן יליד אשה, אָפּגעזען פון זיין אָפּ־שטאַם און יחידישער אַנטוויקלונג — פונקציאָנירן די ריחות און שיינקייט פון דיכטונג, אין אַ רויער, פּרימיטיווער, פאַרהוילענער פאָרעם, וואָס זוכט פאַר זיך אַ תיקון אין אַ קינסטלערישער פאָרעם פון אויסדרוק.

כל זמן אָט די ריחות און שיינקייט פון דיכטונג אַסימילירן זיך נישט מיט־און־אין דעם באַוווּסטזיין פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, זענען זיי קיינעם נישט נוגע און זיי גייען אויך פאַרלוירן אין דער מיסטעריע פון די חבלי לידה, וואָס ווייסן נישט פון קיין אָנהייב און האָבן נישט קיין סוף.

פון דעם מאָמענט אָבער, וואָס די ריחות און שיינקייט פון דיכטונג דערגרייכן אַ באַריר־פּונקט מיט דעם באַוווסטזיין פון אַ ילוד אשה: אַ פּאָעט, וואָס איז קוואַליפיצירט אויפצונעמען און ברענגען צום אויסדרוק זיינע זעונגען, די עמאָציעס זיינע, וואָס זענען אין זיך כולל די ריחות און שיינקייט פון דיכטונג אין דעם לשון פון מענטשן — באַקומען זיי באַלד אַ תיקון אין דער פאָרעם און אין אינהאַלט, וואָס בלויז אַ דאַנק דער עכט־קייט פון זייער איבערלעבונג אין אויסדרוק, פאַרבלייבן זיי אין דעם אוצר און געדעכעניש פון אונדזער קולטור, ווי עדות פון איבערלעבונגען פון דור דורות, אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג און שטרעבונג צו אַלץ נייע און נייערע דערגריי־כונגען, אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם בחיר היצירה — מענטש און וועלט.

אַקט פון יצירה

דער אַקט פון יצירה אין דעם לשון פון מענטשן, איז ווייט נישט אַנ־דערש פון דעם קאָסמישן אַקט פון בראשית, צו וועמענס אורשפּרונג מיר וועלן זיך מן הסתם קיין מאָל נישט דערגרונטעווען.

אין דעם געמיט פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט העלט־אויף די זעונג פון אַ מיסטישער רעאַליטעט, וואָס זוכט און געפינט אַ תיקון אין דעם אַפּקלייב פון דויערהאַפטיקע ווערטן, ווי אַ פרוכטבאַר קערנדל, וואָס אַן אומגעריכטער ווינט לאָזט איבער הינטער זיך, און ער אַליין גייט ערגעץ ווו פאַרלוירן, אויף קיין מאָל נישט צו קומען צוריק.

דאָס קערנדל וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, מערט זיך און געבערט, און ברענגט מיט זיך אַ שפע פון פרוכטבאַרקייט און פרייד אין אַ צעהעלטן דרויסן, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין דער קרוינונג פון אַ ברכה פאַר דעם אומאויפהערלעכן זעט און שיינקייט פון דעם לעבן אויף דער ערד.

דער אַקט פון יצירה איז זעלטן איינמאָליק. אַלע מאָל געפינט ער זיך אין דער בחירה פון בייטן זיינע פאָרמען, לויט די פון־זיך־אַליין באַשאַפענע אומשטענדן. צוליב דעם אַליין מוז ער נישט דווקא אַלע מאָל געפינען אַן אויסדרוק אין דעם מויל פון איין און דעם זעלבן שעפערישן מענטשן,

כאָטש ער איז אַלע מאָל אָנגעוויזן אויף דער אַקטיוקייט פון דעם פּרט — דעם מענטש אין אַלגעמיין.

דער אַקט פון יצירה גיט זיך אַלע מאָל איבער פון מויל צו מויל און פון דור צו דור, ווי אַ המשך פון אַן אָנהייב, אין דעם ווייטסטן, פאַרחלבטן עבר, וואָס פונקציאָנירט אין די האַנדלונגען פון יחידי סגולה, די סאַמע אויסדערוויילטסטע שעפערישע מענטשן, ווען דערגרייכונגען קייטלען זיך אַריין ווי רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון קינסטלערישע ווערטן, וואָס דינען מיט דער צייט, ווי מוסטערן פון הערא׳ק אין דעם באַגרענעצטן שפּאַן פון לעבן אין דעם לעבן פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט — און דינט אונדז אַלע מאָל, ווי אַ דערמאָנונג אין די פּראָצעסן און אומוואַנדלונגען פון דעם מין מענטש בכלל אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף, אויף אַלע געביטן פון קולטור און ציוויליזאַציע.

זין פון דויערהאַפטיקע ווערטן

דער זין און דער ווערט פון ליטעראַטור־ווערטן בכלל, ליגט אין דעם צויבער פון זייער דויערהאַפטיקייט.

דויערהאַפטיקייט איז צוליב דעם דער פּרובירשטיין פון זייער קינסט־לערישן ווערט.

צוליב דעם ווערן קונסטווערק קיין מאָל נישט אַלט. אַלע מאָל זענען זיי גובר דעם שימל און אָנוווּקס פון צייט איבער צייט.

צוליב דעם איז פאַר אַ שעפערישן מענטשן, לייענער — אויב איר ווילט, — אַבסאָלוט נישט נייטיק צו וואַרטן, ווי עס איז זיך צומאָל נוהג אַ פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַטור־קריטיקער — אויף אַ יובל־דאַטע, צי חלילה אַ יאָרצייט — זיך צו באַהעפטן מיט אַ פאַרעלטערטער אויסגאַבע פון אַ טאַלאַנטירטן שריפטשטעלערס אַ ווערק, כדי זיך גופא צו באַגייען מיט אַן אַלטן, צי גאָר נייעם איינדרוק פון אַן אַלט בוך.

ווערטפולע קונסטווערק זענען אַלע מאָל קאַפּאַבל, אין זיך אויפצו־האַלטן די אידענטישקייט פון כאַראַקטעריסטישע צייט־אָפשניטן אין דעם לעבן פון מענטשן, וואָס זענען אפשר אויבנאויף סטאַטיש, אין גרונט גענו־

מען זענען זיי אָבער מער דינאַמיש דערמיט, וואָס אין זיי וויברירן די לייד־נשאַפטן, דערגרייכונגען און אַנטוישונגען פון יענע קאַלירפולע עפּיזאָדן אין לעבן, וואָס זענען צוליב זייער אויפהאַלט אין דער וואָרט־קונסט אַריינגעריגלט געוואָרן אין דער קייט פון דויערהאַפטיקע ווערטן, אין דעם כינוס פון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע.

חלום און וואָר

א

חלום און וואָר — צוויי ווידערשפּרעכנדיקע באַגריפן און פונקציעס, וואָס הויזן אונטער איין דאַך, אין דעם באַוווסטזיין פון איין מענטש.

די שייכות צווישן חלום און וואָר איז סובטעל, נישט קאָנקרעט און קוים באַמערקבאַר.

דער באַריר־פּונקט צווישן חלום און וואָר איז נישט מער ווי איינמאָליק, אין דעם אויפּליו פון אַ קוש, אין דעם לויפיקן אויפבליץ פון זייער אומ־ביִיט, בשעת איינער פון זיי טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר דער פונקציע פון דעם צווייטן.

צווישן חלום און וואָר איז נישטאָ קיין שטח; זיי פונקציאָנירן ביידע אין ווידערשפּרעכנדיקע פּאַרקערטע פאָרמען, בלויז אין שטח פון צייט, אין דער מענטאַליטעט פון אַ מענטשן — יהידיש.

ווען־און־ווו איינער פונקציאָנירט, איז דער צווייטער לגמרי פאַרזינקען אין אַ שלאָף, וואָס איז אויסגעהוילט פון יעדן סימן פון אַקטיווקייט.

צווישן חלום און וואָר איז אַזוי אַרום קיין האַרמאָניע נישטאָ, כאָטש ביידע פונקציאָנירן אין דער מענטאַליטעט פון איין און דעם זעלבן מענ־טשן — דעם בחיר היצירה.

ב

בשעת אַ חלום טאָגט־אויף אין דיין דמיון, אַנדערשט זיך אין דיר דיין אייגענע עקזיסטענץ, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אויף אַן אומגעריכטן אופן אין אַ דורכויס נייער רעאַליטעט, געזען אין דעם שפּיגל פון אַ וויזיע, וואָס

רעגנבויגנט זיך אויס אין דעם אויסלייג פון אַ מיסטעריע, אין דער דער־פאַרונג פון דיין איבערלעבונג.

אין דעם אַנבליק פון אַזאַ איבערלעבונג, ווערט אין דיר אויפגעלייזט דיין וואַכעדיקע עקזיסטענץ, וואָס מעקט זיך אויטאָמאַטיש אויס פון זיך אַליין אין דיין געדעכעניש, און איז אין דיר גורם די פולסטע פאַרוואַנדלונג פון אַ התפשטות הגשמיות, באַפליגלט און דערהייבט דיך צו דער בליצי־קער שיינקייט פון אַ חלום אויף דער וואָר, וואָס בשעת דו לעבסט אים איבער, איז דיר לגמרי פרעמד דיין אמתע עקזיסטענץ, אין דעם נישט־זעלטענעם אויסלייג פון אַ לאַסט אין דער וואַכזאַמקייט פון דיין אייגענעם באַוווסטזיין.

דער איבערגאַנג צוריק פון חלום צו וואָר, איז אויך אַ ספּאָנטאַנער. די אָקאָרשט אומגעריכטע אַנטפּלעקונג פון אַ זעלטענער איבערלעבונג, טוט זיך אָפּ פון דיר מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ.

דער הינטערבאַוווסטזיין, וואָס איז גורם דעם חלום אין דיר, ענטפערט דיך איבער צו דיין צוריק געוווּנענעם באַוווסטזיין מיט דער לייכטקייט פון אַ פעדער און דער שנעלקייט פון אַ בליץ, אין דעם אויסלייג פון אַ קלאָר־קייט, וואָס איז קאָנקרעט, אין דעם לבוש פון אַ זעעוודיקייט, וואָס איז זעלבּ־פאַרשטענדלעך און לאָזט זיך נישט אָפּפרעגן אין דער אָפנבאַרקייט פון ווידער זיין אַ באַוועגלעכער יש ווי פריער, פאַר דעם אויפטאָג פון דיין חלום.

אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט

נישט יעדער מענטש וואָס איז שעפעריש אַקטיוו, איז גלייכצייטיק אויך אינטעלעקטועל אַנטוויקלט געגנוג, מיט זיך פאַרצושטעלן אַ קוואַליפיצירטע, גייסטרייכע פּערזענלעכקייט.

שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די אינטויציע ביי אַ שעפערישן מענטשן שפּאַרט פון אים אַרויס מיט כוח, גבורה, דער גאַרער טרייבקראַפט און דער דינאַמיק פון אַ שפּרודלדיקן קוואַל, טיילט עס אים במילא אויס ווי אַ זעלבּ־שטענדיקע פּערזענלעכקייט אין זיין אייגענער רעכט, מיט דער פּרימיטי־ווער, דערפאַר אָבער — עכטער אויפפאַסונג זיינער פון וועלט־און־מענטש,

אין פנים פון דער באַהעפטונג זיינער מיט זיין טעמאַטיק, וואָס פערלט פון אים אַרויס אוממיטלבאַר, אויף דער פאַן פון אַ דורכויס רויער שיינקייט אין אַ בראשיתדיק געשטאַלט, אַן אַ קינסטלעכער באַפּוצונג, באַפּאַרבונג און רעטאַריק, וואָס איז אים קיין מאָל נישט אייגן, אַלע מאָל פרעמד.

די איינגעבוירענע אינטעליגענץ פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס איז דורכויס פּרימיטיוו, רוי — אויב דו ווילסט — אין די שעפערישע מעשים, פאַרטונקלט אָפּט די קולטורעלסטע מיטלען, מיט וועלכע אַ מענטש מיט פּרעטענזיעס אויף אינטעלעקטואַליזם, פאַרדעקט אָפּט באַוווסטזיניק, זיין אומבאַהאָלפנקייט. אין דעם זיין פון אַ „שעפערישקייט״, וואָס קומט ביי אים אַרויס אומפּרוכטבאַר, רייצט נישט און פאַרכאַפּט נישט דיין פאַנטאַזיע, וואָס באַצוועקט בלויז צו פאַרבלענדן דיינע אויגן, ווי אַן אויפנעמער און פּאָטענציעלער אָפּנעמער פון קונסט־ווערטן בכלל.

אַ רויער טאַלאַנט — אַ מענטש אָן בילדונג, אָן קולטור און אויך אָן אַ נייגונג אַפילו בלויז צו וועלן זיין אינטעלעקטועל, אָן דעם אָנשטעל פון אַ הדרת פנים, — פּרעטענדירט נישט צו זיין געבונדן צו אָנגענומענע טראַדיציעס, וואָס זענען אים, אגב, בכלל פרעמד, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמת אידעאַלע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט דער מיסטעריע און סוד פון יצירה.

מיט דער סטיכיע פון אַ נישט־קלאָרן פאַר אים אונטערבאַוווסטזיין, אַנטפּלעקט זיך דער זשעני פון אַ רויען קינסטלער, אין דעם אויסלייג פון אַ פּרימיטיווער שיינקייט, וואָס פאַרטונקלט נישט זעלטן די מעכאַניש־אַרויפגעצוווּנגענע קונסט פון אַ פּאָפּולערן קינסטלער, מיט דער פּרעטענזיע אויך צו זיין אַן אינטעלעקטואַל, וואָס איז זעלטן עכט אין זיין איבערלעבונג. צוליב דעם אַליין, — נישט אָנגעמבאַר פאַר קיינעם.

העריעדיטעט

העריעדיטעט, בלוט־פאַרוואַנדשאַפט און משפּחה־אייגנשאַפטן ביי מענטשן, איז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי עס זעט אויס צו זיין אויבנאויף.

העריעדיטעט, ווי אַ פאַקטאָר, וואָס פונקציאָנירט אינעם לעבן פון מענטשן, פירט, אַזוי צו זאָגן, אַן אייגענע בלוט־ווירטשאַפט, בוכהאַלטעריע —

אויב איר ווילט, — וואָס ליגט זיך צומאָל אויס דווקא אין אַן עקסטרעם פאַרקערטן זין, וואָס האַרמאָניזירט נישט מיט די דערוואַרטונגען און קאָל־קולירטע אויסרעכענונגען פון די באַטרעפנדיקע משפחה־מענטשן אין די משונהדיקסטע אַקציעס פון אַ דורכויס זייטיקן, פרעמדן שטראָם, צו אַלע־מענס אַנטוישונג, חידוש און איבעראַשונג.

אַ קינד, למשל, ווערט געבוירן ביי אַנשטענדיקע עלטערן, ווי אַ גע־זונטער רינג אין אַ קייט פון דורות, וואָס פירט אַ באַשיידן, עטיש לעבן, אָן די פגימות פון פסיכישע דעפעקטן.

די עלטערן באַמיִען זיך און דערציִען זייער קינד אין האַרמאָניע מיט די בעסטע טראַדיציעס פון זייער משפחה.

דאָס קינד ווידער ווייזט אַרויס קאָנקרעטע סימנים פון זיין נאָרמאַל. עס אַנטוויקלט זיך צו זיין פעיִק אויף גאָר אַ סך געביטן פון לעבן.

אויבנאויף זעט אַלץ אויס צו זיין נאָרמאַל. די עלטערן פרייען זיך און מיינען, אַז עס איז זייער און זייער געראָטן.

די צייט טוט זיך דערווייל אירס און לייגט איר חותם אויף דעם באַ־טרעפנדיקן קינד, וואָס בייט זיך שטופנווייז אין האַרמאָניע מיט די אומפאַר־מיידלעכע געזעצן פון אַנטוויקלונג.

איידער דו קוקסט זיך אַרום, שטעלט זיך דאָס קינד אויף די אייגענע פיס און באַמיט זיך אַפילו, וואָס פריִער צו ווערן זעלבשטענדיק און אומ־אָפּהענגיק פון דער השגחה פון זיינע עלטערן.

דו ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי, נאָר פּלוצעם קומט פאָר אין דעם לעבן פון קינד אַ באַאומרויִקנדיקע פּסיכישע ענדערונג צום ערגערן, פּאַראַ־לעל צו זיין פיזישער אַנטוויקלונג. דער אומבייט פון זיין מענטאַליטעט וואַרפט אָן אַ שרעק אויף דער גאַנצער משפחה און דו דערפילסט מיט אַ מאָל, ווי אַ וואַנט וואַלט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דיר און דעם קינד, אַ וואַנט פון אַ שטופנווייזער אָפּגעפרעמדקייט.

דו פרעגסט זיך אַליין: וואָס איז דאָ געשען מיט דיין קינד?

דער איינציקער ענטפער איז: דער איינפלוס פון דער גאַס!

די האַנדלונגען פונעם קינד פאַרערגערן זיך פון טאָג צו טאָג, ביז צו פאַרשעמונג. זיי פאַלן ביסלעכווייז אַריין אין דער עקסטרעמער וווּלגאַרי־טעט, דער היפּוך פון אַלע געירשנטע, טראַדיציאָנעל־עטישע משפחה־

אייגנשאַפטן, וואָס דו אַליין האָסט איבערגענומען פון דיינע פריערדיקע דורות.

און די צייט טוט זיך אירס: זי לייגט איר חותם אויף דעם באַטרעפנ־דיקן קינד, וועמענס פסיכיק און מענטאַליטעט האַלט זיך אין איין באַנייען, צו דער איבעררעאַשונג פון זיינע נאָענטסטע משפחה־מענטשן, וואָס אַנטוויקלען זיך אין אים אין גאַנצן.

מיט אַ מאָל ווערט דאָס קינד אַ דערוואַקסענער מענטש און ער פאַר־ראַט זיך אַליין... ער ווידערשפעניקט דיך און ווידערשפרעכט דיך, אויף אַלע געביטן פון לעבן, ביז צו אַן איבערגאַנג לתרבות רעה.

דו גאַפסט פון שטוינונג, צער און פאַרדרוס.

דו פרעגסט זיך ווידער און אָבער אַ מאָל: פון וואַנען קומט עס?

דער ענטפער איז פאַר דיר לפנים פאַרהוילן, און פאַרהוילן איז ער פאַר דיר דערפאַר, ווייל דער שטראָם פון הערעדיטעט, וואָס פליסט אין דיינע אָדערן, האָט זיך אויף דעם וועג פון דיין אייגענער אַנטוויקלונג, אומ־באַוווּסטזיניק אויסגעגליטשט אויף אַ זייטיקן אומוועג, צוליב דעם — מיטגעריסן געוואָרן פון אַן אומהיימלעכן, דעסטרוקטיוון עלעמענט פון אומריינקייט, וואָס האָט זיך אין לויף פון יאָרן אַסימילירט מיט די געבלוטן פון דיין משפחה, וואָס האָבן זיך ערשט איצט אידענטיפיצירט אין די אייגנ־שאַפטן פון דיין אייגן בלוט און פלייש — דיין קינד, וואָס האָט זיך אויס־געגליטשט, אַראָפּ פון נאָרמאַלן וועג פון דיין משפחה־המשך, צעוויטיקט אין דיר דיין האַרץ און דיין נשמה, וואָס איז צו דעם נישט געווען צוגע־גרייט.

דערפאַר — דיין אַנטוישונג! דיין אייגענער גאַנג באַרג־אַראָפּ, אין דעם בין־השמשות פון דיין לעבן.

מענטש

א

דער באַגריף מענטש איז אַ רעלאַטיווער און קען נישט אַנדערש אָפּ־געשאַצט ווערן ווי אינדיווידועל, בלויז אין די ראַמען פון זיין מענטאַליטעט, אין זיין סביבה, אין דעם אָפּשאַץ פון זיינע האַנדלונגען לגבי זיינע מיט־

מענטשן, ווער און וואָס זיי זאָלן נישט זיין. זיי מוזן אגב טראָגן אַ הומאַניס־טישן כאַראַקטער.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, קען מען זאָגן: נישט יעדער צוויפיסיקער בעל־חי פון אונדזער יאָרהונדערט, איז ווערט אָנגערופן צו ווערן מיט דעם נאָמען מענטש, אין פולסטן זין פון וואָרט.

צוליב דעם איז אַן עטישער מענטש פון אונדזערע טעג, ממש געצוווּנגען אָפּצושאַצן זיין מיטמענטש, לויט זיינע האַנדלונגען, אין שייכות צו זיין אייגענעם מין: דעם מענטש אין געשטאַלט פון זיין באַשעפער.

אַן אמתער מענטש לאָזט זיך דעריבער נישט דערקענען בלויז בכיסו, בכוסו, בכעסו, נאָר אין זיין וואָכעדיקן אומגאַנג מיט מענטשן. דער עיקרשט אָבער — אין זיין איבערלעבונג אין אַן עת צרה, אַן איבערגאַנגס־צייט אין דעם לעבן, וואָס איז כמעט ווי הפקר און דעריבער אויסגעשטעלט אויף גאָר אַ סך נסיונות.

ווען אַ גוי, למשל, אַ זעלטענער אויסנאָם פון די גאָר ווינציקע חסידי אומות העולם, האָט אין דער פינצטערער תקופה פון היטלערישן גיהנום איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן און געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ יידישן מענטשן, זאָגן מיר: דער איז אַ מענטש!

ווען אַן אַנדערער גוי ווידער, האָט צוליב פּראַקטיש־אויסגערעכנטע טעמים פאַרמסרט אַ יידן צו די חיהשע דייטשן, און גורם געווען זיין באַלדיקן פיינלעכן טויט, ווען ער, דער גוי, האָט אַפילו קיין דירעקטן אָנטייל נישט גענומען אין אַזאַ עקזעקוציע — זאָגן מיר: דער איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ חיה בדמות אדם!

די מענטשליכקייט פון אַ מענטש וואַקסט אַרויס און אַנטוויקלט זיך צו זיין וואָס זי איז, אין דער אומגעבונג און סביבה פון אַן איינגעשטעלטן נוסח אין לעבן פון מענטשן.

סביבה, נוסח און שטייגער, זענען אָבער אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן געזעץ פון אַנטוויקלונג, ווי אַלץ וואָס לעבט, וואָס איז נישט סטאַטיש, נאָר אַבסאָלוט דינאַמיש.

אין אַ צייט פון סאָציאַלן איבערברוך צווישן מענטשן, טרעפט אָבער, ווי אין די דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט — אַז דער לעבנס־שטראָם פון דער געזעלשאַפט ווערט סטיכיש אַזוי פונאַנדערגעברויזט, אַז דער מענטש ווערט אין גאַנצן כאַאָטיש און ער פאַרלירט צו מאָל אין

גאַנצן זייַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג צוליב דעם, וואָס דער חושך פון אור־וואַלד און די חיה אין אים, רוקט זיך אַרויס צו דעם פֿאָדערגרונט פון זיינע אורליידנשאַפטן, און אַלע סימנים פון אָנשטענדיקייט טוען זיך פון אים אָפּ, מיט דער מיסטעריע פון אַ פינצטערן און בייזן חלום.

דער „מענטש" אין אונדזער צייט — דער דייטש! — האָט אין יענע יאָרן, אין זיך גופא פאַרגוואַלדיקט דעם צלם אלקים; זיך געלאָזט באַהערשן פון דער אור־חיה אין זיך, און מיט דער גאָרער גרויזאַמקייט פון זיין הפקרות, דורך דער אַנווענדונג פון היינטצייטיקע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, אָפּן, חוצפּהדיק, ציניש און אָן רחמנות פאַרניכטעט מיליאָנען לעבנס, נישט שוינענדיק דערביי קיין זקנים, פרויען און קינדער.

אָפּגעזען דערפון, וואָס ביאָלאָגיש, פיזיאָלאָגיש און פסיכיש, געהערן זיי צו אונדזער מין, מוזן מיר זיי אָבער משפּטן לויט זייערע הינטישע האַנדלונגען: זיי אָוועקשטעלן מחוץ למחנה פון אונדזער ציוויליזאַציע און זיי קלאַסיפיצירן, נישט ווי מענטשן, נאָר — ווי חיות; דער אָפּפאַל פון דער גאָרער מענטשהייט — וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, ווי אַ גילגול, אין דעם פערטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס בלענדט ממש מיט די העכסטע דערגרייכונגען פון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע.

ב

נאָך אַ סך גילגולים, אין משך פון אומצאָליקע יאָרן און יאָרן, האָט דער מענטש, ווי אַן אוניקום — אַ יחיד, צוזאַמען מיט אַלץ וואָס לעבט, אַנטוויקלט זיך, שאַפט און טיילט שפּעטער דעם גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט — דעם טויט, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון האָבן געווען־און־פאַרבליבן דער בחיר היצירה, אַ דאַנק זיין זעלבסטבאַוווסטזיין און העכערער אינטעליגענץ לגבי אַלע אַנדערע באַשעפענישן — און דראַנג צו ווערן פאַר־שטיין און באַהערשן זיין אייגענעם עגאָ, פּאַראַלעל צו זיין טיף־און־פאַר־טיפטן אַריינדרינגן און פאַרזוך, אויפצודעקן אויך די מיסטעריע פון דעם אוניווערס.

ווי אַ יש, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם תוהו פון אַיִן, ווערט ער מיט אימפּעט געיאָגט און געטראָגן פון אַ מיסטישן אומרו, צו אַלץ נייע־און־נייערע, אַמביציעזע דערגרייכונגען.

ווען אים, דעם מענטשן, — די קרוין פֿון דער יצירה — דאַכט זיך, אַז ער איז שוין אויף דער שוועל פֿון זיין העכסטער אַנטוויקלונג, פֿאַלט ער אומגעריכט צוריק אַריין אין דעם זעלבן תוהו פֿון אומבאַוווסטזיין, טאָטאַלער פֿאַרגליווערטקייט — פֿון וועלכער ער איז מיט מי אַרויסגעוואַקסן.

נאָך זיין טאָטאַלער פֿאַרגליווערטקייט אין דעם פּראָצעס פֿון איבער־גאַנג, פֿאַרבלייבט דער מענטש בלויז אומשטערבלעך אין דעם באַוווסטזיין פֿון די, וואָס זענען שוין דאָ, קומען און פֿאַרבלייבן, ווי ער — דאָ, בלויז ציטווייליק אַהינטער אים, דערצו אויך בלויז אין יענע זעלטענע מאָמענ־טן, ווען זיי באַניצן זיך מיט די פֿון אים גופֿא באַשאַפֿענע קולטור־אוצרות און ווערטן, פֿון יעדן מין און פֿון יעדן כאַראַקטער — די קינסטלערישע ליטעראַטור אַריינגערעכנט.

ג

דער מענטש, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, איז אפֿשר ענלעך אין זיינע פּאָטענצן צו דעם קוואַל פֿון יצירה, ווי אַ מין בכלל, זיכער אָבער נישט ווי אַ פּרט, וואָס איז פֿון תמיד אָן פֿאַרמשפּט צו אַ טאָטאַלן אונטערגאַנג.

אין דעם פּראָצעס פֿון זיין אַנטוויקלונג האָט דער מענטש גאָר אַ סך דערגרייכט אין זיין געיעג צו באַנעמען, פֿאַרשטיין און אויסטייטשן דעם מהות פֿון דעם אוניווערס.

מיט אַלע זיינע חושים האָט דער מענטש זיך באַמיט און אַריינגעדרונגען אין די סודות פֿון דער נאַטור.

מיט אַ זעלטענער גבורה האָט ער פֿון דעם דומם אַרויסגעריסן פּאָ־טענציעל פֿאַרבאָרגענע כוחות, זיי געשטעלט אין דינסט פֿון זיינע נויטן, און דאָך פֿאַרבליבן אומבאַהאָלפֿן לגבי זיין אייגענעם דויער ווי אַ פּרט, וואָס ביי דעם העכסטן שפּיץ פֿון זיינע אומצאָליקע דערגרייכונגען, איז ער גופֿא געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן דעם געזעץ פֿון אומפֿאַרמיידלעכקייט — טאָטאַלן אונטערגאַנג.

דער קאַמף פֿאַר זיין אייגענעם קיום הייבט זיך אָן ביי דעם ילוד אשה — דעם מענטש, — אין אַ מטושטשן צושטאַנד אין דעם פּראָצעס פֿון ווערן, אין דעם עמבריאָן פֿון דער געבערמוטער.

אין אַלע ווייטערדיקע פֿאַזן פֿון זיין אַנטוויקלונג, ביי זיין אומאויפֿ־

הערלעכן גאַנג באַרג־אַרויף, צו אַלץ העכערע און העכערע דערגרייכונגען, באַוועגט זיך דער מענטש אין דעם שאָטן פון זיין אומפאַרמיידלעכן סוף, וואָס ער לויערט איבער אים און אין אים, און ער קוקט צו אים אַרויף פון די טיפענישן פון זיין אייגענעם אינגעווייד, וואָס געפינט זיך גופא אין אַן אייביקן פּראָצעס פון שטופנוויזן אומבייט, קאָנקרעטע ענדערונגען — פּסי־כישע און פיזיאָלאָגישע, וואָס שטויסן זיך אַרויס איינע פון דער אַנדערער, אין אומגעריכטע אומוואַנדלונגען מיט קאָנקרעטע סימנים פון פּאָטענציעל העכערע דערגרייכונגען און דערפירן סוף־כל־סוף דעם מענטש, דעם פּרט — צו דעם פינאַל פון זיין לעבן: טויט, כאָטש דער מענטש, ווי אַ מין, געדייעט און פונקציאָנירט ווייטער, ווי אַ דאָמינירנדיקער כוח און פּאָזי־טיווער אַטריבוט פון דעם לעבן אין אַלגעמיין.

דער מענטש האַלט אָן די דינאַמיק פון זיין עקזיסטענץ ווי אַ פענאָמען אין די ראַמען פון דעם אוניווערס, וואָס איז אַלע מאָל באַהערשט פון אַ טענדענץ צו ווידערגעבורט אין דעם שפּיל און רייץ פון עליות און ירידות, וואָס ווייסן קיין מאָל נישט פון קיין אָנהייב און אויך נישט פון קיין סוף.

אומשטערבלעכקייט

אין דעם גאַנג און אומרו אין דיין לעבן אויף דער ערד, טויכט צומאָל אויף אין דיין זכרון דאָס געשטאַלט פון אַ לאַנג־פאַרגעסענעם נאָענטן מענטש, אַ שוכן עפר.

אין דער באַטרעפנדיקער מינוט פון אָט דער זעונג און איבערלעבונג דיינער, ביסטו באַהערשט פון אַ זעקסטן חוש, וואָס פונקציאָנירט אין־און־מיט־דיר, אין אַ דורכויס געענדערטער רעאַליטעט.

דער שוכן עפר געשטאַלטיקט זיך אין דיין געמיט, האַרץ און נשמה, אין אַ לעבעדיקן וועזן, אומאָפּהענגיק פון דיין באַוווּסטזיין, אַז ער איז שוין לאַנג, זייער לאַנג נישטאָ.

און דאָס וואָס איז מעגלעך אין פאַקטישן לעבן, איז נאָך מער גילטיק אין דער ליטעראַטור.

אַ שעפערישער שריפטשטעלער לאָזט איבער הינטער זיך ווערק, וואָס אָטעמען מיט דעם פאַרנעם פון דויערהאַפטע ווערטן. אָט די ווערק זיינע,

שטויבן זיך אויף פּאַליצעס אין ביכער, וואָס פירן אַן אייגן לעבן, לפנים — אַפילו אומאָפּהענגיק פון זייער מחבר.

אַזוי גייט ווי אַ לעבעדיקער מענטש פון איצטיקן, צי פון אַ שפּעטער־דיקן דור, רירט זיך אָבער צו זיי צו, נעמט זיי אויף מיט דעם ברען, דינאַ־מיק און רייץ פון זיין נשמה, לעבט־אויף דער מחבר אין דער מענטאַליטעט און באַוווסטזיין פון דעם לייענער.

אין אָט דעם זין, איז דער מחבר — אַ שוכן עפר — אומשטערב־לעך, און ער פירט אַן אומאָפּהענגיק לעבן, לאַנג נאָך דעם, ווי ער טיילט פיזיש דעם גורל פון דעם פּרט, וואָס לעבט און מוז אונטערגיין און מיט דער צייט, אויך פאַרגעסן ווערן.

שיינקייט פון דער וועלט

דאָס שיינקייט פון דער וועלט איז בלויז דאַן נאָר רעאַל, ווען עס שפּיגלט זיך אָפּ און פונקציאָנירט אין דער מענטאַליטעט און אין דעם גע־מיט פון דעם בחיר היצירה — דעם לעבעדיקן מענטשן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם סימבאָל פון יצירה.

דער מענטש איז אַן יעדן ספק דער איינציקער בעל חי, וואָס איז קאַפּאַבל אויפצונעמען און אין זיך אַסימילירן די איינדרוקן פון דער דרוי־סנדיקער וועלט, וואָס ער איז גלייכצייטיק אויך פעיִק אויסצוטייטשן אַפילו אידעאַליזירן, — אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון זיין לשון און אַלע אַנדערע קונסטן, וואָס גיבן זיך אונטער דער פּאַטענץ פון זיין ווילן און הויכער אינטעליגענץ.

בשעת אָבער דאָס לעבן פון דער וועלט איז אין אַלגעמיין דינאַמיש, בייט זיך פענאָמענאַל און איז אייביק, איז דער מענטש, דער פּרט — אויס־געזעצט צו אַ פּערמאַנענטן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער תמימות פון בלינונג און פאַרענדיקט זיך אומפאַרמיידלעך טראַ־גיש, מיט וועלקונג און שטופנווייזן, טאָטאַלן אונטערגאַנג — טויט.

אַ דאַנק דער העכערער אַנטוויקלונג פון דעם מין מענטש, אָפּגעזען דערפון, וואָס ער גופא, ווי אַ פּרט — איז פאַרמשפּט צו שטאַרבן — האָט ער מיט דער הילף פון זיינע אומצאָליקע טאַלאַנטן, געפאַנגען די שיינקייטן

פון דער גאָרער וועלט, אויף תמיד זיי פאַראייביקט. אין לשון — אין דער ליטעראַטור. אין פאַרב, האָלץ, שטיין און בריך — אין דער פּלאַסטיק, וואָס אַפילו זיי ווייזן שוין אויך אַרויס סימנים פון וועלקונג, אַ דאַנק דעם היינט־צייטיקן אַרויספאַל פון די אַטאָמישע עקספּערימענטן אין אונדזער צייט און יאָרהונדערט (די קוראַטאָרן פון אונדזערע מוזייען, זענען שוין זייער באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון זייער דויערהאַפטיקייט), אין קעגנזאַץ צו דער אומזיכערקייט פון זיין אייגענער עקזיסטענץ, אָפּגעזען דערפון, וואָס ער — דער מענטש — נעמט זיך איבער דערמיט, וואָס ער איז באַשאַפן, ווי אים דוכט זיך אויס — אין גאָטס געשטאַלט.

צוליב דעם דער אויספיר: די עקזיסטענץ פון דער שיינקייט פון דער וועלט איז בלויז דאַן נאָר רעאַל, ווען דער מענטש, דער לעבעדיקער מענטש איז אַ יש אויף דעם ערד־קיילעך, אַסימילירט איר אין זיך און פאַראייביקט איר אין דעם געדעכעניש פון זיינע נאָכקומענדיקע דורות, דורך זיינע שעפערישע מעשים, וואָס האַלטן זיך אויף אין זיינע קינסטלערישע דער־גרייכונגען.

אַ נאָמען

די סימבאָלישקייט פון אַ נאָמען, וואָס מוז זיין תוכיק און אויסשעפּנ־דיק, אין שייכות מיט דעם ווערק איבער וועלכן ער קיניגט — ליגט אין דעם תוכן און פאַרנעם פון אַ ווערק, וואָס אָטעמט מיט דעם כוח פון אַ שע־פערישער פערזענלעכקייט.

אַ שעפערישע פערזענלעכקייט ווייסט באַשטימט אין פאָרויס, וואָס זי וויל. זי פירט עס פּלאַנמעסיק אויס, אין הסכם מיט אירע אָנשויונגען און קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע זי באַניצט זיך אין דער אַרכי־טעקטור פון איר בנין, וואָס באַדאַרף, קען און מוז אַריינציִען דעם לייענער, ווי אַ טיילוויַיזן אויפנעמער און מיטשאַפער פון דעם באַטרעפנדיקן ווערק.

דער נאָמען פון אַ ווערק דינט און באַדאַרף דינען, ווי אַ לייכטנדיקער שטערן, וואָס איז אין זיך כולל די גרונט־אייגנשאַפט און פאַרנעם פון דעם באַטרעפנדיקן ווערק, וואָס ציט דיך צו צו זיך ווי אַ מאַגנעט, און האַלט דיך געשפּאַנט מיט דעם רייץ און פאַרנעם פון זיין תוכן — פון טאָוול ביז טאָוול.

ווען די וואָס שווייגן

אין גערויש פון דעם לעבן, וואָס איז אומאויפהערלעך אין דעם גאַנג פון דורות, וואָס קומען און לייזן זיך אויף, אויף נישט צו קומען צוריק, דרייען זיך אַרום אַ צאָל מענטשן, וואָס זענען אויסערלעך גלייך מיט אַלע־מען און — זיי שווייגן דאָך, אין קעגנזאַץ צו יעדן איינעם פון אונדז, וואָס איז נישט קיין בעל־מום, ווי זיי אַליין זענען עס נישט — אויף דער צונג.

נישט זעלטן טרעפט, אַז דאָס אומגליק פון נישט רעדן, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויף דעם פאַררופן — ווערט ביי וועמען פאַראורזאַכט פון אַ באַשטימטן קלאַפּ אין לעבן אין דער פריסטער יוגנט, אָדער שפּעטער. דער כוח פון רעדן ווערט נישט אַטראָפירט, נאָר אַזוי זיך, אין זיך איינגעשלאָפן, ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן געוויסע דערפאַרונגען אין לעבן.

(מיר פערזענלעך איז באַקאַנט אַזאַ פאַל: אין מיין געבורט־שטעטל נאָוואָסעליץ, בעסאַראַביע, ווו אַ יונגע, גערעטענע שיינע פרוי, פון אַן אָנגעזעענער, באַלעבאַטישער משפחה, האָט 25 יאָר פאַרעקשנט געשוויגן, ווען איר מאַן איז געשטאָרבן אין עלטער פון 28 יאָר און זי איבערגע־לאָזט פאַראָבלט מיט עטלעכע קינדער).

אַנדערע ווידער זענען שווייגער פון דער נאַטור. זיי ווילן נישט פאַר־שוועכן די הייליקייט פון לעבן, זייער אייגן אינערלעך לעבן — מיט ווער־טער, ווי אמתע געליבטע אין דער עכטקייט פון זייער ליבשאַפט. אַנדערע מענטשן ווידער ליידן פון אַ טעמפּן, נישט ראַפינירטן באַוווסטזיין. זיי זענען נישט דערוואַקסן גענוג, זייער טראַכטן, בענקען און פילן, אויסצודריקן אין ממשותדיקע ווערטער. און אַנדערע מענטשן זענען סתם פאַרטראַכטע נאַ־טורן, וואָס דינען פאַנאַטיש זייער אייגענעם, תמיד זיך בייטנדיקן איך; זאַפּן אַריין אין זיך אַלץ און גיבן פון זיך גאַרנישט נישט אַרויס.

עס זענען אָבער אויך פאַראַן ראַפינירטע און געזונט־שווייגנדיקע מענטשן, וואָס זיי דערהייבן זייער שווייגן צו אַ קונסט. אָט די דאָזיקע מענטשן, זוכן און געפינען אַ דערלייזונג פאַר זייער שווייגן אין באַשטימטע אָפּצווייגן פון אונדזער קולטור־לעבן, וואָס שפּילן אַ ראָלע אינעם לעבן פון אונדזער געזעלשאַפט, אָן דער מינדסטער באַטייליקונג פון דער צונג. אָט די מענטשן רעפּרעזענטירן מיט זיך די גאַרע שעפערישקייט פון דעם

בחיר היצירה. זיי שוויגן פון זיך אַרויס די קונסט פון מוזיק, דיכטונג, מאָלעריי און אַלע אַנדערע קונסטן, וואָס באַרייכערן אונדזער לעבן אויף אַן אינטענסיוון אופן, דווקא מיט דעם כוח פון שווייגן.

אין אַלגעמיין קאָנען די שווייגנדיקע נאַטורן ביי מענטשן איינגעטיילט ווערן אין דריי קאַטעגאָריעס: פּאַסיווע, מיטלמעסיקע און אַקטיוו־דענקענדיקע, פּיין־פילנדיקע און שווייגנדיקע מענטשן.

די פּאַסיווע זענען פּשוטע, נאַיווע און בדרך כלל — אומוויסנדיקע מענטשן, זייער שווייגן איז אַ פּראָדוקט פון גאָרער אומוויסנהייט. און זייער ראָלע אין לעבן איז אַ זעלבפאַרשטענדלעכע: נישט האָבנדיק אין אַלגעמיין קיין בליק אויפן לעבן, איז זייער באַציִונג, מיט דעם אויסנאַם צו דער וועלט פון מאַטעריעלע ווערטן — צו יענעם, אַזוי גוט ווי צו זייער אייגן לעבן — אַ פלעגמאַטישע. זייער שווייגן איז נאַטירלעך. ס'איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין לויף פון יאָרן זאָל זייער כוח הדיבור אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט ווערן, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין דעם בלי פון זייער יוגנט, זאָלן זיי געוועזן באַזיצן די פולסטע קראַפט פון רעדן, איז עס אָבער אין לויף פון יאָרן, אַ דאַנק זייער פלעגמאַטישקייט — כמעט ווי אין גאַנצן אַטראָפירט געוואָרן און, ווי אַ דירעקטער פּועל־יוצא דערפון — זענען זיי געוואָרן שטאַמלער, וואָס רויטלען זיך און זיי ווערן באַגאָסן מיט דעם שווייס פון בושה, ווען זיי קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן אין געזעלשאַפט, ווו עס פאָדערט זיך אָפּט זייער מיטבאַטייליקונג אין אַ שמועס, אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

אַזאַ מין שווייגער רופט ביי אונדז אַרויס אַ געפיל פון מיטלייד. קיין אינטערעס צו זיך — זיכער נישט.

דער מיטלמעסיקער שווייגער איז שוין פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. ער איז שוין צומאָל יאָ אינטערעסאַנט, איבערהויפּט ווען ער באַזיצט אַ ביסל לעבנס־חכמה, וואָס דאָס איז מערסטנטייל דער פאַל מיט אים און דרך אגב — דער גאַנצער עסענץ און זין פון זיין באַוווסטזיניק שווייגן.

אָט דער דאָזיקער שווייגער איז אָבער ווייט פון צו זיין אַ ברויזנדיקע נאַטור מיט שטורעמדיקע פאַרלאַנגען. אָפּטמאָל, דערנידעריקט ער זיך גופא אין אונדזערע אויגן, מיט זיינע עגאָיסטישע האַנדלונגען, וואָס זענען אויך אַ פּראָדוקט פון זיין קורצזיכטיקייט און נישט־אויסגעקלאָרטער וועלט־אַנשויונג. ער איז אָבער אין אַלגעמיין אַ מענטש מיט אויסגעשפּראָכענע,

עגאָיִסטישע פּאַרלאַנגען. און ווי געמיין און לעכערלעך ער זעט נישט אויס אין אונדזערע אויגן, ווען ער דאָך, מיט אַן אומבאַדייטנדיקער באַמערקונג זײַנער, אָדער האַנדלונג, אַרויסרופן אין אונדז דעם איינדרוק פון אַ מיטל־מעסיקן שווייגער, וואָס שוויגט באַוווסטזיניק און ער רעדט אויך באַוווסט־זיניק, פון צייט צו צייט. זיין אַרט שוויגן איז אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענעם שכל, מיט וועלכן ער באַווייזט וויניקסטנס צו רעגאַגירן איבער זיין אייגענעם ווילן. אַלע מאָל, ווען אָט דער טיפּ פון אַ שווייגער, מיט זיין שווייגן אַזוי גוט ווי מיט זיין רעדן — זיך צופּאַסן צו אַלץ, ווען און ווו ער געפינט עס פּאַר נייטיק. צוליב דעם דערוועקט ער אין אונדז אַ נייגעריקייט, צו וויסן וואָס ער באַצוועקט מיט זיין שווייגן, וואָס ווערט ביי אים פון צייט צו צייט באַגלייט פון אַ זעלבסטצופרידענעם, אָפט — ציניש שמייכל, מיט אַן אומגעריכטער פראַגע צי גאָר אַ וויץ.

בשעת אָבער דער פּאַסיווער שווייגער דערוועקט אין אונדז זעלטן אַ געפיל פון אינטערעס צו זיך, דער מיטלמעסיקער — אַן אומבאַדייטנדיקן אינטערעס, רופט אָבער דער דריטער און דער לעצטער שווייגער, דער אַק־טיוו־דענקענדיקער און פיין־פילנדיקער — אין אונדז אַרויס אַ ים מיט געפילן, געדאַנקען און באַגייסטערונג, באַוווּנדערונג און פאַרערונג מיט דער מינדסטער רעגונג פון אירגענד וועלכן נערוו זיינעם, מיט זיין שטאָלץ פאַרטראַכטן גאַנג, טרוימעריש־בליצנדיקע אויגן, אַפילו — נערוועזקייט.

דער אַקטיוו־דענקענדיקער און טיף־פילנדיקער שווייגער — ער איז מערסטנטייל אַ ברויזנדיקע נאַטור מיט שטורמישע פּאַרלאַנגען. ער איז אויך — נישט זעלטן — אַ פּעסימיסט, וועמענס שווייגן איז אַ פּראָדוקט פון אַ גוט דורכגעטראַכטער וועלט־אַנשויונג, וואָס דריקט אויס מיט זיין שווייגן אַ פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער וועלט פון דעם אומאויפהערלעכן לעבן, וואָס בייט זיך אין זיין דינאַמיק, וועמענס ליכט־שטראַלן שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין געמיט, וואָס ברויזט תמיד אין דעם ליכט פון זיין באַוווסטזיין און פיבערט ממש, אין דעם בלוט און אין דער תפיסה פון זיינע רמ״ח אברים.

דער אַקטיוו־דענקענדיקער שווייגער איז אָן יעדן ספק, אַ טרוימער — אַ זעער. אַלע מאָל געפינט ער זיין מאָמענטאַל גליק אין דער וועלט פון רעיונות. זיין נשמה לעבט אַלע מאָל און אָטעמט אין יענע הויכע וועלטן,

וואָס זיין אייגענע פאַנטאַזיע מאָלט פאַר אים אויס. און אין דעם ליכט פון איר קאָלירפולקייט, לעבט ער זיך אויס.

דער אַקטיוו־דענקענדיקער שווייגער איז פאַר אונדז מערסטנטייל אַ סוד, אַ קאָמפּליצירטער. ער איז אַלע מאָל נאַטירלעך אין זיין אומעט און אומנאַטירלעך אין זיין פרייד.

נישט יעדער איינער איז מסוגל אים צו פאַרשטיין.

פון דער נאַטור אַ שטימונגס־מענטש, רופן זיינע האַנדלונגען אין אונדז אַרויס אַן אינטערעס צו אים. אומאָפּהענגיק פון זיין ראָל אין לעבן, ווי קאָמפּליצירט און אומפאַרשטענדלעך ער איז עס פאַר אונדז, אַזוי איז ער עס אויך פאַר זיך אַליין... און אויב ער איז אַ פאַרשטייער פון אַ געוויסן צווייג פון קונסט, וואָס ער איז עס מערסטנטייל — שפּיגלט זיך זיין פּערזענלעכקייט אָפּ אין יענע קינסטלערישע ווערטן, וואָס ער ברענגט פון זיך אַרויס, וואָס געוויסע שטריכן פון זיין אייגן לעבן, ווערן פון אים, באַוווסטזיניק צי נישט — אין זיי פאַרקערפּערט און צוגעאייגנט.

אויב ער איז אַ פּאָעט, איז זיין ליריק פאַר אונדז אַלע מאָל אינטערעסאַנטער פון די אַנדערע שאַפונגען זיינע. איז ער אַ מאָלער — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין די קונסט־בילדער זיינע, וואָס זענען ענלעך צו זיין אייגענעם, שטומען נשמה־געזאַנג. איז ער אַ פשוטער בשר ודם, און דאָס איז אויך מעגלעך צו זיין פאַר אַ שווייגער, אָן די מינדסטע קוואַליפיקאַציעס פון זיין אַ קינסטלער — איז ער פאַר אונדז דער עיקרשט אינטערעסאַנט, ווען ער איז אַליין — מיט זיך אַליין — אומגעשטערט פון דער אַרומיקער וועלט, ווען ער פילט נישט אויף זיך די פרעגנדיקע בליקן פון נייגיריקע מענטשן, אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, ווען ער פאַרגעסט זיך ווו ער איז און ער באַמיט זיך אויסשליסלעך איינצולעבן, אין דעם זין, צי דער זינלאָזיקייט פון זיין אייגענעם באַשאַף.

אין אַלגעמיין גענומען, רופט אין אונדז אַרויס רעספּעקט און פאַרערונג, דער דריטער און לעצטער שווייגער, וואָס איז, ווי געזאָגט, אַן אויפגערעגטער מענטש, אין וועמענס ליכט פון זיינע אויגן, עס שפּיגלט זיך אָפּ דער צער און די טראַגיק פון אונדזער לעבן, וואָס בליט און וואָס וועלקט, און איז פון תמיד אַן פאַרמשפּט צו טאָטאַלן אונטערגאַנג.

די אויגן פון אַ נשמה

די אויגן פון אַ נשמה זענען דאָס געזאַנג פון כל עצמותי תאמרנה. צוליב אָט דער אייגנשאַפט אַליין זענען זיי אַלע מאָל זעבאַר און תמיד פילבאַר אין דער דערהויבנקייט פון זייער איבערלעבונג, וואָס איז אַלע מאָל אקטועל אין דעם אָנווענד פון זייער צויבער אויף יעדן אָביעקט.

די אויגן פון אַ נשמה זענען אַלע מאָל וואַכזאַם צו דער אַנטפּלעקונג פון דיין לעבן, וואָס געדענקט נישט זיין אָנהייב און ווייסט נישט פון פאָרויס דעם אויסגאַנג פון זיין סוף...

די אויגן פון אַ נשמה קענען נישט זיין, און זיי זענען טאַקע אויך נישט, קיין פלישיקע...

די אויגן פון אַ נשמה, זוניקן זיך אַרויס פון דעם געמיט פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש, וועמענס איבערלעבונגען זענען באַפליגלט מיט דעם רייץ פון זעונגען קלאָרע, וואָס לאָזן זיך קיינמאָל נישט אָנכאַפּן ביי דער האַנט, און אָטעמען אַלע מאָל מיט דער פרייד און פּאַטענץ פון יצירה.

אויף דער עלטער

דער שכל ביי אַ מענטשן קומט אויף דער עלטער.

אין דעם שפּיגל פון אָפּגעגאַנגענע יאָרן, זעט זיך דער מענטש אַליין אין די לעכערלעכע סיטואַציעס און האַנדלונגען, אין רעטראָספּעקט.

צוליב דעם, וואָס קיין וועג אויף צוריק איז נישט בנמצא, פּלייסט זיך דער מענטש אויף דער עלטער, צו פאַרגיטיקן זיינע חטאת נעורים, מיט דער הילף און דעם אָנווענד פון זיך, פון־אים־אַליין אַנטפּלעקטער און דער־וואָרבענער לעבנס־חכמה, אויף דער פּאַן פון אַ דערפאַרונג, וואָס חזרט זיך מער נישט איבער אין דעם שאַפן פון זיין ביז איצטיק לעבן.

די איינגעשטילטע און איינגעשטעלטע לײדנשאַפטן ביי אַ מענטשן אויף דער עלטער, פאַלן פון אים שטופנווייז אָפּ און דערפירן זיינע האַנדלונגען צו דער קרוינונג פון אַ לאָגיק, וואָס האַרמאָניזירט מיט זיין עלטער.

יאוש

דער יאוש אין דעם געמיט פון אַ מענטשן, וואָרצלט אין דעם באַוווסט־זיין פון דער אני־הגבר־שטימונג פון דעם באַטרעפנדיקן יחיד, ווען זיין חשבון־הנפש איז אַ דורכויס פעסימיסטישער און געווינט די אויבערהאַנט איבער זיינער אַן אינטענסיווער איבערלעבונג, וואָס שטעלט זיין לעבן אין געפאַר; איז קאַפּאַבל צו פאַרטונקלען די קלאָרקייט פון זיין באַוווסטזיין, אַפילו בלויז אויף איין סעקונדע — און אין אים גורם זיין דעם אַקט פון מאבד עצמו לדעת.

דער איבערגאַנג פון קלאָרקייט צו אומקלאָרקייט אין דעם געמיט פון אַ מענטשן, איז ווי דער איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס בשעת אין דער נאַטור קומט עס פאָר בהדרגהדיק, אויף אַ הינטערגרונט פון אַ שטילן אויסלייג פון זיך בייטנדיקע קאָלירן — ברעכט עס אין דעם געמיט פון אַ מענטש אַלע מאָל אויס ספּאָנטאַן, ווי אַ שטורעם, מיט דער אומגעריכטקייט פון אַ פייער, וואָס שעדיקט אים מאָמענטאַל, און דערפירט אים, נישט זעלטן, צו דער טראַגיק פון טאָטאַלער פאַרניכטונג, אָדער — אין בעסטן פאַל, צו אַ כראָנישער פאַרקריפּלונג.

דער יאוש ביי אַ מענטש, כאָטש אויבנאויפיק, ווי געזאָגט, איז אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך אויף דער פּאָן פון אַ טראַגישער איבערלעבונג, איז אין גרונט גענומען אַ פועל־יוצא פון מער ווי איין איבערלעבונג, און איז אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן געזעץ פון אַנטוויקלונג, ווי עס איז אין דער נאַטור פון זאַכן אין אַלגעמיין, וואָס האָבן ערגעץ ווו אַן אָנהייב און זיי דערגרייכן דעם קלימאַקס פון זייער אַנטוויקלונג אין משך פון יאָרן. צוליב דעם לאָזט זיך דער יאוש ביי אַ מענטש אויך דערקענען ביי דעם קלימאַקס פון זיין אַנטוויקלונג, און איז בדרך כלל נישט ביי אַלעמען גלייך אין דער פאָרעם פון זיין אויסברוך.

פאַקטיש, איז דער יאוש ביי אַ מענטש אַ כראָנישע קראַנקייט, וואָס בייט זיך לויט דעם אָנרעג פון די זיך בייטנדיקע אומשטענדן, וואָס קען יאָ און נישט פאַרבלייבן פּערמאַנענט.

ביי אַ מענטש מיט כאַראַקטער און עגאָיסטישע נייגונגען אין לעבן, איז דער איבערגאַנג פון יאוש צו אַ פּאָזיטיון צוגאַנג צום לעבן, בלויז צייט־ווייליק קריטיש. ביי אַ פחדן אָבער, אַ פלעגמאַט אָן אַ געזונטן חוש השדרה,

איז דער יאוש אַליאַרמירנדיק — דער באַלדיקער אָנזאָג פון אַ פּאַטאַלן און זיכערן אונטערגאַנג, וואָס איז כמעט ווי אומפאַרמיידלעך.

בטחון

דער מענטש, דער פּרט, וואָס באַוועגט זיך ווי אַ רינג אין דער מיסטעריעזער קייט פון לעבן, וואָס איז דינאַמיש און אימפּולסיוו, איז אויסגעזעצט צו דעם גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט — טאָטאַלן אונטערגאַנג. ער איז אָן יעדן ספק געגייגט צו קולטיווירן אין זיך זיינע אַלע פּאָטענצן, מיט דער הילף פון די ביז איצטיקע, אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען פון זיינע פאָרגייער — די פריִערדיקע דורות.

דאָס לעבן פון אַ יחיד בייט זיך אַלע מאָל, אין דעם לויף פון זיין אַנטוויקלונג.

אין דעם פּראָצעס פון זיין טראַנספאָרמאַציע, די אומבייטונגען זיינע — ווערט דער מענטש באַהערשט פון אומצאָליקע אַמביציעס, וואָס רייצן זיינע אינסטינקטן, שטויסן אים גלייכצייטיק ווי אַ וואַסערשטראָם פאָרויס און צוריק, זענען אין אים אָפּט גורם באַשטימטע עליות און אויך ירידות.

אַ דאַנק דער פאַרשידנאַרטיקייט און דיספּאָזיציע פון יעדן יחיד באַזונדער, זענען נאַטירלעך די אויפנעם־פעִיקייטן אויך ביי יעדן איינעם אַנדערש.

דער מער קולטורעל אַנטוויקלטער מענטש, למשל, ווערט צומאָל אפילו געשטאַרקט פון אַן אומגעריכטן אָנפאַל פון ספקות אין אים, בנוגע באַשטימטע פּראָבלעמען, בשעת דער ווינציקער קולטורעל אַנטוויקלטער מענטש, לאָזט באַלד אָפּ די לייצעס און גיט זיך אונטער דער גאָרער פאַרצווייפלונג, אין ענלעכע סיטואַציעס.

צוליב דעם איז דאָס געפיל פון בטחון אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון מענטש צווישן צוויי עקסטרעמען גלייכצייטיק: ביי דעם הויך־אַנטוויקלטן, ווי אויך ביי דעם פּשוטן פאָלקסמענטש, דעם אַזוי־גערופענעם שאינו יודע לשאול — מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס בשעת דער לעצטער פאַרלאָזט זיך אין זיין תמימות — אויף גאָט, שטיצט זיך דער

ערשטער אויסשליסלעך אויף זיינע שכלדיקע השגות און איינפאַלן, וואָס דינען אים ווי אַן עמוד־האש אויף די מיסטעריעזע וועגן, — לאַבירינטן פון דעם לעבן.

בטחון איז אַזוי אַרום אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון אַ מענטש, ווען מענס לעבן איז בכלל באַגרענעצט צו אַ שפאַן פון יאָרן, אויף דער פאַן פון איבערלעבונגען און קאָנקרעטע אַקציעס, וואָס אויב זיי ווערן פון עמעצן פאַרפיקסירט אין שעפעריש־קינסטלערישע מעשים טובים — קונסטווערק פון יעדער דעסקריפּציע — פאַרבלייבן זיי אין דעם זכרון פון די נאָכקומענדיקע דורות, ווי אַ דערמאָנונג אין די, וואָס האָבן זיי אויסגע־וויטיקט אויף אייגנאַרטיקע לוחות.

שטיללעבן

אויף אַ טיש האָט זיך געאיינזאַמט אַ וואַזע, געטראַכט, געחלומט און געבענקט נאָך דער צערטלעכקייט פון אַ פּרויען־האַנט, וואָס זאָל איר מזכּה זיין און באַזינען מיט בלומען, אין ריינעם, קאַלטן וואַסער.

די וואַזע איז געווען איידל פאַרמירט, געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַ קינסטלער־האַנט, באַמאָלן מיט בלומען.

ביי טאָג האָט זי זיך געבאָדן אין זון און געדולדיק געוואַרט אויף דעם אָנקום פון דעם אָוונט און געהאָפט, אַז עמעצער וועט איר באַשיינען מיט בלומען.

ביינאַכט איז זי ווידער געשטאַנען אַן אַנטוישטע, מעלאַנכאָליש געוואַרט אין לבנה־שיין — אויף בלומען.

אַלע טאָג דאָס זעלבע.

יעדע נאַכט — דאָס זעלבע.

איין מאָל איז געקומען אַן אָוונט און זי ענדלעך איבערראַשט — מיט בלומען.

די אויסגעחלומטע פּרויען־האַנט האָט די וואַזע אַרומגעוואַשן מיט אירע איידעלע הענט, זי אָנגעפילט מיט קאַלט פריש וואַסער, אַריינגע־שטעלט אַ היפּשן בוקעט בלומען אין איר און אַוועקגעשטעלט ביי אַן אָפן פענצטער.

די וואַזע האָט פּלוצעם אַן אַנדער פּנים באַקומען. די אומגעבונג אַרום איר — אין גאַנצן געביטן. דאָס הויז און די וואַזע האָבן געיומטובט מיט פרייד.

שעהן זענען אַוועק און שעהן זענען געקומען. דער געטומל אין הויז האָט זיך ווי פון זיך זעלבסט אָפּגעטון, און די באַלעבאָסטע האָט זיך פאַר־טיפט אין אַן אַרבעט; פאַרגעסן אין דער וואַזע, פאַרגעסן די בלומען...

די וואַזע איז געשטאַנען אַ שטאָלצע אין דעם אָפענעם פענצטער, אין שווייגן — מיט די בלומען.

מיט אַ מאָל האָט זיך אין דעם אָפענעם פענצטער באַוויזן אַ שטיפע־רישער ווינט, ער האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דער וואַזע און די בלומען, און אין איין הרף־עין זי אַרונטערגעוואָרפן פון דעם פענצטער מיט אַ טומל. זי איז צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון דער וואַזע.

נעפּל

די זון האָט זיך פאַרקליבן הינטער די וואָלקנס, די וועלט געלאָזט הינטער זיך, אַליין אויף גאָטס באַראָט.

דער הימל האָט אין אַש זיך פאַרקליידט, אומעט געזייט אויף אַלע וועגן.

די וועלט איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט ווי אַ יתום, אויף דער זון זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ביי קינדער, זיידעס און באָבעס.

— אַוווּ איז די זון, באָבעשי טייערע?

— אַוווּ איז די זון, זיידעניו?

— אַוווּ איז די זון, קינדערלעך טייערע?

גייען באָבעס, זיידעס און קינדער אַרום פאַרזאָרגט און פאַרלוירן. זיי ווייסן נישט דעם באַשייד דערפון.

גייט די וועלט, ווי דער מענטש, אַרום פאַרשלאָפן, רייבט זיך די אויגן אין מיטן טאָג, מיט אַ געגנעץ אָנטקעגן דעם פאַראַשטן הימל און זוכט מיט פאַרנעפּלטע אויגן די זון, וואָס האָט זיך פאַרקליבן הינטער די וואָלקנס, שמייכלט אַרונטער צו דער וועלט פאַרבאָרגן, וואָס גייט אַרום ווי פאַרלוירן אין דעם אומגעריכטן נעפּל.

איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג

דער איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג איז אַנדערש דערמיט, וואָס דער באַגינען סימבאָליזירט מיט זיך דעם אָנהייב פון ווידערגעבורט און באַנייונג מיט אַ בליאַסק אויף טאָג, אין דעם אויפּליז פון דער נאַכט.

צוליב דעם, וואָס יעדער אָנהייב איז שווער, איז דער איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג און, פאַרקערט, — אויך נישט קיין גרינגער.

דער אומבייט פון דער נאַכט אויף טאָג קומט פאָר בהדרגהדיק.

דער אָפּגאַנג פון דער נאַכט בלייכט זיך אַוועק מיט דער הכנעה פון אַן אָפּגעשוואַכטן גוסס, וואָס לייזט זיך אויף אַן דעם שאָטן פון אַ מינדסטן ווידערשטאַנד.

די חבלי־לידה פונעם טאָג זענען אויך נישט קיין ספּאָנטאַנע.

לאַנגזאַם, שטופּנווייז און דממה־דקהדיק, ווי אַ גנב וואָס איז געניט אין זיינע פּאַרדעכטיקטע האַנדלונגען — שלאָגט דער טאָג די נאַכט מיט אַזאַ שטילער, קוים באַמערקבאַרער העלקייט, וואָס בלייכט און פּאַרזוייסט איר פּנים מיט אַ בלענד פון אַ זיך־טאָגנדיקער בלויקייט, אַ הינטערגרונט פון אַ זוניקער צעהעלטקייט, לייזט זי ביסלעכווייז אויף אין דער נעץ פון זיין אייגענעם, פאַרזונטן פּנים, וואָס פאַרשלינגט זי באַלד אין גאַנצן, מיט דעם גרויסצוגיקן אַפּעטיט פון אַ גבר — אַ זכר, וואָס איז ווייט פון צו זיין באַשיידן, אַ בעל רחמים — אין זיין קאָסמישער ליבשאַפט צו באַהערשן דעם גאַרן קיילעך פון דער ערד.

דער וועג צו גאָט

דער וועג צו גאָט פונקציאָנירט בלויז אין דער מענטאַליטעט פון אַ מענטש, וואָס באַהערשט אַלע זיינע חושים, ווייסט וואָס ער וויל און איז אַלע מאָל אומרויִק וועגן דעם גאַנג, זין און די אייביק זיך בייטנדיקע פּראָצעסן פון לעבן, וואָס זענען אים אויס ווי אַן אומענדלעכער פּלאָנטער, געפירט פון אַן אומזעבאַרע האַנט, צו וועלכער ער פילט אַן אייביקע בענקשאַפט, אין דעם מיסטישן אויפּברויז פון זיין נשמה־לעבן, וואָס גאַרט און בענקט מיט אַ זעלטענער תשוקה צו אַנטפּלעקן, פאַר זיך אַליין קלאָר

מאַכן דעם סוד — די דערקענטעניש פון גאָט, וואָס גיט זיך אים, אגב, קיין מאָל נישט איין.

בדרך כלל געפינט דער מענטש דעם וועג צו גאָט בלויז אין זיין באַוווסטזיין, אַ דאַנק דער טרייבקראַפט און דעם כוח פון זיין הינטערבאַוווסטזיין, אָפט מאָל נישט וויסנדיק אַליין, ווי אַזוי ער קומט צו דעם אימפּולס פון אָט דער איבערלעבונג זיינער.

דער מענטש, וואָס איז בטבע אַ פענאָמען אין דעם אויסשפּרייט און אויפלויכט פון דעם אוניווערס, אין דעם זין, וואָס ער איז ביכולת צו באַהערשן און קאָנטראָלירן זיין באַוווסטזיין, אים אַקטיוויזירן מיט דעם כוח פון זיין אייגענעם ווילן, איז בטבע באַהערשט פון אַ פענאָמענאַלן אומרו, וואָס שטויסט אים אַלע מאָל אַרויס פון איין אידעען־קאָמפּלעקס און ברענגט אים באַלד אַריין אין אַ דורכויס נייעם אידעען־קאָמפּלעקס, און שטעלט אים באַלד אַוועק פאַר גאָר נייע נסיונות, וואָס באַשווערן אויף ס'ניי זיין וועג צו גאָט.

דער דאָמינירנדיקער כוח אין דעם עמאָציאָנעלן לעבן פון אַ מענטשן איז דעריבער אָט דער אומרו זיינער, וואָס בייט זיך צוזאַמען מיט אים אין אַן אומאויפהערלעכן געיעג און בענקשאַפט נאָך נייע דערפאַרונגען און נייערע דערגרייכונגען.

צוליב דעם טרעפט נישט זעלטן, אַז דער מענטש זאָל פאַרלייקענען היינט דאָס, וואָס וואָס ער האָט מיט נישט ווינציק מי דערגרייכט, אַפילו פאַרגעטערט — ערשט נעכטן.

אין אָט דעם שפּיל פון קאָנטראַסטן, דריקט זיך אויס דער רייץ און שיינקייט פון דעם עמאָציאָנעלן לעבן פון אַ מענטש.

זאָל אָבער אויך געדענקט ווערן, אַז די דערגרייכונגען זיינע פון נעכטן, ווי גרויס אָדער קליין זיי זאָלן נישט זיין און וואָס פאַר אַ פאַרעם זיי זאָלן נישט אָננעמען, דינען אים אַלצאיינס ווי קאָנקרעטע און וואָגיקע שטאַפּלען אין זיין אייגענער אַנטוויקלונג, וואָס פירן אים, אָן יעדן ספק, צו דעם זיבּלעכן באַדייט און כאַראַקטעריסטיק פון זיין עצם עקזיסטענץ.

די פּסיכיק פון דעם מענטשן בייט זיך ביי אים אין לויף פון יאָרן, צוזאַמען מיט זיין פיזישן געבוי, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט די בלינדע געזעצן פון דער נאַטור. בשעת אָבער זיין קערפּער דעגענערירט שטופנווייז, לויט דעם נישט־געשריבענעם געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט

— טאָטאַלן אונטערגאַנג — אַנטוויקלען זיך זיינע חושים אין דעם אויפבליץ פון דורכויס נייע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, צו דער פּרעציזקייט פון די איידלסטע פּאָטענצן, דריקן זיך בטבע אויס אין אַ בענקשאַפט צו באַנע־מען דעם זין פון דעם לעבן, אין אַ גאַר ליידנשאַפטלעכן באַגער, צו אַנט־פּלעקן די סודות פון דער נאַטור אין דער דערקענטעניש פון גאָט. דאָס פּלעמלט אין זיין באַוווסטזיין מיט דעם ברען פון אַ נר תמיד — דעם גאַרן רייץ פון זיינע זיך אַליץ בייטנדיקע באַגריפן, זעוונגען און אילוזיעס, וואָס שלאָגן זיך ווי פונקען אַרויס פון זיין צעהעלטן געמיט, אין אַ פּראָצעס פון אומאויפהערלעכן ענדערן זיך גופא, אין דער אָפּשפּיגלונג פון זיין מענטאַ־ליטעט.

דער וועג צו גאָט איז פאַרמדברט אין אַ ים פון ספקות, וואָס סטימולירן דעם מענטש צו אַן אומאויפהערלעכן געיעג נאָך נייע אַנטפּלעקונגען, אין זיין בענקשאַפט און גאַרונג נאָך גאָט־דערקענטעניש.

אין זיין באַמיונג דאָס צו דערגרייכן, פאַרשטאַרקט זיך זיין אַמביציע און די עקשנות זיינע; ער ווערט קיין מאָל נישט מיד צו באַנייען זיין טיפן אינטערעס, זיך איינצולעבן אין דער מיסטעריע — די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דעם אוניווערס, כאָטש ער גופא, ווי אַ פּרט — איז אַבסאָלוט אויסגע־זעצט צו טאָטאַלן אונטערגאַנג.

מיט דעם כוח פון זיין דינאַמיק ווי אַ מין, דורך דער באַמיונג פון דעם פּרט — וואָס דינט אים ווי דער אָפּגלאַנץ פון דער קרוין פון דער יצירה, איז ער אַזוי אַרום עפּעס מחדש אין זיין בענקשאַפט און געיעג אין וועג צו גאָט.

ליטעראַטור־קריטיק

ליטעראַטור־קריטיק

די ליטעראַטור־קריטיק, ווי איך פאַרשטיי און באַנעם, טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע ליטעראַטור־פאַרמען דערמיט, וואָס זי באַדינט דאָס וואָרט־שאַפן דורך אינטויציע און ערודיציע. דאָס גיט דער ליטעראַטור־קריטיק איר אייגענעם כאַראַקטער און קרוינט זי ווי אַ זעלבשטענדיקן און דאָמינירנדיקן פאַקטאָר אין דער מלוכה פון דער וואָרט־קונסט.

די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור־קריטיק זענען ווייט פון צו זיין איינפאַך. די מיטלען אירע — זייער קאָמפּליצירטע.

די דעפיניציעס פון ליטעראַטור־קריטיק זענען גרויס אין צאָל און נישט דאָ איז דער פּלאַץ אין זיי זיך פונאַנדערצוקלייבן.

אין זיין קאַמף פאַר אַן אייגן אָרט אין דעם ליטעראַטור־וואַלד, אַפילו אין זיין אידעאַליסטישן צוגאַנג צו אַנאַליזירן ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערטן זענען, לויט מיין מיינונג, פאַר דעם ליטעראַטור־קריטיקער אָפן צוויי וועגן: א) דער וועג פון אַ דאָגמאַטיקער און 2) דער וועג פון פרייער ליטעראַטור־קריטיק.

דער דאָגמאַטישער ליטעראַטור־קריטיקער אָפּעריִרט מיט אַ וויסנ־שאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, וואָס אַנדערע, נישט ער, חלילה! — האָבן עס פאַר אים צוגעגרייט און מיט וועלכע ער באַניצט זיך אויטאָמאַטיש, אָן דעם רייץ, חן, און אָן דעם צוגאָב פון אַן אייגענער, איך וואָלט געזאָגט — דיכטערישער וויזיע.

צוליב דעם היצט זיך דער דאָגמאַטישער ליטעראַטור־קריטיקער גאַנץ אָפט, צוליב אַ קוצו של יוד, אין דער אַרבעט פון אַ דיכטער. און טאַקע צוליב דעם אַליין, האָט ער קיין מאָל נישט קיין כוח, זיין אייגן וואָרט צו דערפירן צו דער מדרגה פון אַן אייגנאַרטיקער, שעפערישער עבודה. אַ דאַנק אָט דעם צוגאַנג זיינעם, וואָס זעט אויס צו זיין פאַרעלטערט אין די אויגן פון אַ צאָל שרייבער און לייענער, איז מען אים מבטל און מ׳באַציט זיך צו אים גופא קריטיש, דער עיקר'שט — זייער קריגעריש.

דער פרייער ליטעראַטור־קריטיקער איז אַ וואַנדערער אין דעם וואַלד פון דער ליטעראַטור.

אים, דעם פרייען ליטעראַטור־קריטיקער, אינטערעסירן נישט קיין טעאָרעטיש־באַגרינדעטע פאָרמען, קיין אַנגעוויזענער נוסח און טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער פּראָזאָדיע.

דער פרייער ליטעראַטור־קריטיקער רעכנט זיך מער פון אַלץ מיט דעם נאַטירלעכן גאַנג, פלוס און אַנטוויקלונג, דער אוממיטלבאַרקייט, לאָמיר זאָגן — פון אַ דיכטערס איבערלעבונג, לשון און פאָרעם, וואָס ער, דער פרייער ליטעראַטור־קריטיקער — באַאַרבעט, דורך דעם אַנווענד פון זיין אייגענער אינטויִציע און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג לגבי די ווערק, וואָס ער באַמיט זיך צו אַנאַליזירן און אָפּשאַצן. ער באַזועלט זיי דאָ גלייכצייטיק מיט זיין אייגענער וויזיע און פאַרשותּפט זיך צו די פון אים קריטיקירטע ווערק ווי אַ מיטשאַפער, וואָס באַגייסטערט זיך מיט יענעמס ווערק און דערגרייכונגען.

אָט די באַמיִונג מצד דעם פרייען ליטעראַטור־קריטיקער, טיילט אים גופא אויס ווי אַ מיטשעפערישע פּערזענלעכקייט אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער ליטעראַטור.

אין אָט דעם זין איז די פרייע ליטעראַטור־קריטיק מער זעלבשטענדיק פון דער דאָגמאַטישער. צוליב דעם טאַקע איז זי, אָן יעדן ספק, פאַרקרובט צו דער היינטצייטיקער עסייִסטיק, וואָס איז אין איר כאַראַקטער דורכויס עמאָציאָנעל און אויך מער צוגענגלעך פאַר דעם אָפּנעמער און לייענער פון ליטעראַרישע ווערק.

די עסייִסטיק ווידער, און איך באַטראַכט זיך ווי אַן עסייִסט — איז, דוכט מיר, אַ סינטעז פון דיכטונג און קריטיק, וואָס איז איר מער צום האַרצן פון דער דאָגמאַטישער ליטעראַטור־קריטיק.

די עסייִסטיק — זאָל געדענקט ווערן — אָפּערירט, פּונקט ווי דער דיכטער, אויסשליסלעך און בלויז מיט עמאָציעס. צוליב דעם אפשר פונקציאָנירט די עסייִסטיק בדרך כלל, אין דעם מויל פון באַגאַבטע פּאָעטן, ווי, למשל, יעקבֿ גלאַטשטיין, ישעיהו שפּיגל, אברהם טאַבאַטשניק און אַ צאָל אַנדערע פּאָעטן־עסייִסטן, וואָס באַנוצן זיך מיט איר ווי מיט אַ צווייטן מעדיום פון זעלבסטעקספּרעסיע, אין שייכות מיט זייער באַציִונג צו ליטעראַטור־ווערטן און קונסט אין אַלגעמיין.

אמתע עסייִסטיק, ווי אמתע דיכטונג, איז דעריבער קאַפּאַבל אין זיך צו אַסימילירן דעם אויפזינג פון דיכטונג אין פּראָזע, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו עכטער דיכטונג אין פּולע, ברייטע שורות, אָן גראַמען. אָבער, מיט דעם זעלטענעם עודף פון אַ ריטמיש לשון, וואָס איז בלויז אייגן דער דיכטונג פון אַן עכטן פּאָעט, וואָס איז נישט זעלטן פאַרצווײַלינגט צו אַ טאַלאַנטפולן עסייִסט, אָדער, פאַרקערט, פאַר וועמען יעדער אָביעקט אָן אויסנאַם, קען און דינט אים ווי אַ טעמע, וואָס לאָזט זיך פון אים באַאַר־בעטן מיט דעם כוח פון זײַנע וויזיעס, עמאָציעס און אויך קינסטלעריש־עסטעטישע אָנשויונגען.

דער אמת איז, אַז וואָס שייך מיין וויניקייט, האָב איך זיך אַלע מאָל געוווּרט, באַוווּסטזיניק אויסגעמיטן אַרויפצוצי:ען אויף זיך דאָס פּאַפּירענע קריינדל פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער. צוליב דעם טאַקע האָב איך מיין ערשט בוך עסייען אָנגערופן: „אימפּרעסיעס פון אַ לייענער".

מיין ערשטער אַרויספאָר אויף אָט דעם געביט, האָט זיך ביי מיר באַ־קומען ביי זייער אַ יונגן עלטער. און געשען איז עס אַ דאַנק דעם מאָדנעם אויפנעם פון גלייכגילט, — כמעט הכחשה — פון דעם ערשטן לידער־בוך פון דעם פּאָעט י. י. סיגאַל ז"ל, וואָס זענען געווען געשריבן אין דעם סטיל און אויסלייג פון אומגעוויינלעך ברייטע פּערזן, וואָס זענען ביים סוף פון צווייטן צענדליק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט, דאָ אין אַמעריקע, ביי אונדז נישט געווען אָנגענומען.

מיט מיין גאַנצער יוגנטלעכער געוואַגטקייט, וואָס איך האָב דאַן פאַר־מאָגט, האָב איך עפנטלעך אויפגעפאָדערט ש. ניגערן און אַנדערע באַקאַנטע קריטיקער און רעצענזענטן פון יענער צייט, זיך אומצוקוקן אויף דער דיכ־טונג פון דעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגן און אומבאַקאַנטן י. י. סיגאַל, אין וועמען אַני הקטן האָבן שוין דאַן אינטויִטיוו געשפּירט דעם אויפקום פון אַ גרויסן פּאָעט, וואָס האָט זיך גאָר אין גיכן אַזוי דעמאָנסטראַטיוו באַ־שטעטיקט.

אָט דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט מיט דער מערכה פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, באַזונדערס אין שייכות מיט אומבאַקאַנטע אָנהייבער־פּאָעטן, וועמען קיינער פון זיי האָט נישט מקרב געווען מיט אַ טראַפעלע דערמוטיקונג, איז געווען און פאַרבליבן דער כוח און די טרייבקראַפט, וואָס האָט אין מיר גורם געווען זיך צו פאַרנעמען מיט עסייִסטיק.

צוליב דעם האָט זיך ביי מיר באַקומען אַזאַ שפּע פון עסייען־ביכער, מערסטנטייל וועגן די אומבאַקאַנטסטע דיכטער אונדזערע איבער דער גאָרער וועלט, וואָס אַ טייל פון זיי פאַרנעמען שוין לאַנג גאָר אַן אָנגעזען אָרט אין אונדזער קאַלירפולער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

מיין יאָ־זאָגן האָט חלילה קיינעם נישט פאַרשאַדט. אין קעגנטייל, אומ־דירעקט האָט עס גאָר אַרויסגערופן דעם אינטערעס פון אַ צאָל באַגאַבטע ליטעראַטור און דיכטער־עסייִסטן, זיך צו פאַראינטערעסירן און אַרויס־צוהייבן אַ צאָל אָנהייבער־פּאָעטן, ווען איך האָב דער ערשטער, מיט אַ סך ליבשאַפט און פאַרערונג אַרויסגעבראַכט פאַר אונדזער עפנטלעכקייט, און דערגאַנצן דאָס, וואָס איך האָב אין זיי פאַרזען.

אין דעם באַשטייט דער געווינס פון מיינע באַשיידענע, קריטיש־עסייִס־טישע ליטעראַטור־אַרבעטן.

די פונקציע פון דער ליטעראַטור־קריטיק איז ווייט פון צו זיין איינ־זייטיק. און כאָטש איר קאַרדינאַלע אויפגאַבע איז, דער אַנאַליז און דער אויסטייטש פון דורכויס ליטעראַרישע ווערטן אין אַלגעמיין, איז זי פון דעסטוועגן אין זיך כולל אַ היפּש ביסל אַנדערע קולטור־ווערטן און פּראָב־לעמען: מענטש־דערקענטעניש אין אַלגעמיין, היסטאָריש־רעלאַטיווע טע־מאַטיק און אָפּשאַץ פון פאַרדינסטפולע פּערזענלעכקייטן אין אַקטן פון יצירה; מוזיק, רעליגיע, חסידות און פּלאַסטישע קונסטווערטן, וואָס גיט צו אַ ספּעציפישן חן און כאַראַקטער איר פאָרעם פון אויסדרוק, ווי אַ צו־גאָב צו אירע אָריגינעלע אויפגאַבן: ליטעראַטור־קריטיק. אויף דעם זאָגן עדות די עסייִסטיש־קריטישע אַרבעטן פון אַ צאָל דיכטער־עסייִסטן, באַ־זונדערס די אַרבעטן פון באַגאַבטע און אויסגעשפּראָכענע ליטעראַטור־קריטיקער און עסייִסטן, ווי, לאָמיר זאָגן, אַ שלמה ביקל, ביי אונדז אין לאַנד.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער עסיי פון שלמה ביקל אַ. נ. „דער מאָלער רובין", אין „די גאָלדענע קייט", נומער 56, אין וועלכן דער אָפּשאַץ און אַנאַליז פון די יוגנטלעכע ליטע־ראַרישע פּרווון פון דעם קינסטלער רובין, שפּיגלען זיך חנעוודיק אָפּ אין דעם פאָרטיפטן, געראָטענעם עסיי וועגן זיינע פּלאַסטישע דערגרייכונגען, וואָס דערגאַנצן אַזוי אָרום די כאַראַקטעריסטיק פון דער אַזוי אויך קאָמ־פּליצירטער פּערזענלעכקייט רובין.

פון דעם איז צו זען, אַז אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער און דיכטער־עסייִסטן זענען ווייט נישט הינטערשטעליק אין זייערע אָנשויונגען און אויסדרוק־מיטלען לגבי אַנדערע קונסט־ווערטן, וואָס דינען זיי ווי צוגאָב־טעמעס אין פּנים פון זייערע ליטעראַטור־אַרבעטן אין אַלגעמיין.

אַ דאַנק אָט די רעלאַטיווע אייגנשאַפטן פון דער ליטעראַטור־קריטיק, טיילט זי זיך אויס ווי אַ זעלבשטענדיקע פאָרעם פון קונסט, כאָטש זי באַזירט טיילווייז אירע אַרבעטן אויף דעם דירעקטן אָנרעג פון ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק פון אַנדערע מחברים.

רעצענזיע און ליטעראַטור־קריטיק

א

צוליב דעם כאַאָס, וואָס עס הערשט אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז נישט קיין אָרגאַניזירטע, טיילווייז אויך צוליב דעם, וואָס אַ גרעסערע צאָל טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער ווערן נישט צוגעלאָזן צום עפנטלעכן אויסדרוק אין אונדזערע גוט־איינגעפונדעוועטע אויסגאַבן — צייטונגען און זשורנאַלן — איז אונדזער ליטעראַטור־קריטיק שטאַרק פאַרוואָסערט, אַפילו — פאַרשונדעוועט געוואָרן (שונד מיינט: איבערטרייבונג און אויך — אונטערשאַצונג — י. ב.).

אַ גאַרנישט־זאָגנדיקע און גאָרנישט־מיינענדיקע רעצענזיע, למשל, ווערט ביי אונדז פאַרביטן אויף קריטיק, אָן דער מינדסטער באַרעכטיקונג דערפאַר.

די רעצענזיע, — אַ פּאָפּולערע פאָרעם פון שרייבן וועגן ביכער — טראָגט דעריבער דעם כאַראַקטער פון מיסאינטערפּרעטאַציע, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן.

די אָריגינעלע אויפגאַבע און טענדענץ פון דער רעצענזיע באַדאַרף, לויט מיין באַשיידענער אויפפאַסונג, זיין: אין אַ קורץ־געפאַסטער פאַרצייכענונג פון אַ כמעט ביבליאָגראַפישן כאַראַקטער, אָביעקטיוו איבערגעבן דעם תוכן און כאַראַקטער פון אַ בוך, אין אַ קלאָרער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווי עס איז פון דעם באַטרעפנדיקן שרייבער אויפגעפאַסט און אויסגעפירט.

דער רעצענזענט איז אַבסאָלוט נישט מחויב זיך אַריינצומישן מיט זיין מבינות אין דעם געבוי און קינסטלערישן ווערט פון אַ ווערק. באַזונדערס אַזאַ רעצענזענט, וואָס איז נישט זעלטן אויך נישט קאָמפּעטענט גענוג, פּעיִק און צוגעגרייט צו אַנאַליזירן, קריטיש באַלייכטן און פֿאַר זיך גופא אַנטפּלעקן, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע ווערטן פון דעם באַטרעפנדיקן ווערק.

אַזאַ עובדא געהערט אויסשליסלעך דעם ליטעראַטור־קריטיקער מיט אַ סך וויסן, רייכער אינטויִציע און פריער פון אַלץ, קענער פון לשון מיט וועלכן ער אָפּערירט, כדי קלאָר צו מאַכן אַ ווערק פֿאַר זיך גופא, דער עיקרשט — פֿאַר דעם לייענער וואָס נייטיקט זיך אין אַזאַ אויפקלערונג און אויסטייטש, נישט ווי עס טוט עס דער נישט־באַרופענער רעצענזענט מיט פֿאַלשע פּרעטענזיעס, דערצו נאָך אין די ראַמען פון אַן איבערגעאײַלטער אַרבעט, אין דעם סדום־בעטל פון אַן אויבנאויפיקער רעצענזיע.

ב

פריִער פון אַלץ מוז אַ ליטעראַטור־קריטיקער פֿאַרמאָגן אַ געזונטע וועלט־אָנשויונג, אַ קלאָרע פֿאַרשטענדעניש פון עטיש־עסטעטישע ווערטן.

דער ליטעראַטור־קריטיקער מוז זיין באַהערשט פון אַ כוח, זיינע אָנשויונגען, ידיעות און אימפּרעסיעס אָנצווענדן אין דעם אַנאַליז פון אַ ליטעראַריש ווערק, אין אַ לשון און סטיל פון קלאָרקייט, וואָס זאָל זיין בכוח צו באַווירקן דעם לייענער; אים דערהייבן צו דער קלאָרקייט פון זיין לאָגיק און אים אויך אינספּירירן, אָנצונעמען זיין קריטיק, איר אין זיך אַסימילירן צו אַזאַ גראַד, וואָס זאָל אים דינען ווי אַן אָנרעג אויפצונעמען דאָס פון אים אַליין געלייענטע ווערק אין אַזאַ זין, אַז ער, דער לייענער, זאָל פון איצט אָן און ווייטער פשוט זיין געצוווּנגען, פרייוויליק נאָכצופאָלגן דעם באַטרעפנדיקן שרייבער אין זיין ווייטערדיקן גאַנג אין דער ליטעראַטור, גלייכצייטיק אויך — דעם ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס ער האָט פֿאַר אים קלאָר געמאַכט די סודות און די מיסטעריעזע וועגן פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, אַ שרייבער — וועמענס אַ ווערק איז קאַפּאַבל אים אַרויסצוהייבן איבער דעם וואָכעדיקן אַרום און צו פֿאַריומטובן זיין לעבן אויף דער ערד.

דאָס באַדאַרף זיין דער באַרוף און כוח פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אין קעגנזאַץ צו דער פלאַכקייט פון אַ רעצענזענט מיט פאַלשע פּרעטענזיעס צו זיין אַ קריטיקער, וואָס ער איז עס בפירוש נישט, אונטער קיין שום אויסריידן.

מעשה און דערציילונג

מעשה און דערציילונג, ביידע זענען אָפּצווייגן פון איין בוים — די ליטעראַטור.

די ליטעראַטור איז שטאַמיק און פרוכטיק, קאָלירפול און אַנטפּלעקע־ריש שיין, אין איר געבוי און אויסשפּרייט פון אירע צווייגן, וואָס יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט זיין אייגנאַרט, אין דער פאָרמירונג פון זיינע בלעטער און אין דער אַנדערשקייט פון זיינע פּירות.

די דערציילונג האָט אירע וואָרצלען אין די פּאָטענצן פון אַ שריפט־שטעלער, וואָס מיר רופן: בעלעטריסט, אָדער גאָר פּשוט: דערציילער.

די מעשה, כאָטש ענלעך אין אירע אויסדרוק־מיטלען צו דער דערציי־לונג, ווייל דער עיקרשט — אויך דערציילט, ציט איר יניקה פון אַ קאָ־לעקטיווער, אַנאָנימער יצירה: די זיך בייטנדיקע לעגענדע, אין מויל פון פאָלק, דערצו — בעל פּה. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה פון אַנטוויקלונג — אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

די מעשה, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין די טיפענישן פון פאָלקלאָר, איז צוליב דעם קאָלירפול אין אירע סטיליסטישע נייגונגען, וואָס גיבן איר צו דעם חן פון פאָלקס־תמימות, רייץ פון ראָמאַנטיזם, אויף דער פּאַן פון אַ דינאַמיק און מיסטישן אויפבליץ, וואָס ווייסט צומאָל נישט פון קיין אָפּ־שטעל אין דער פאָרמירונג פון איר פאַנטאַסטיש־מיסטישן תוכן.

די דערציילונג אָפּערירט אָפּט מיט דער פאַרקליידונג פון רעאַלע פאַקטן.

די מעשה אָפּערירט מיט די אָנגעזאַמלטע אוצרות אין דעם געדעכעניש פון פאָלק; עשירות פון לעגענדעס, וואָס זענען דינאַמיש, בייטן זיך און פּאַסן זיך צו צו דעם אומבייט פון תקופות און דורות און האַלטן גלייכצייי־טיק אָן דעם אַראָמאַט פון איר אָריגינעלן אָפּשטאַם, אין דער מענטאַליטעט

פון איר פּרימיטיווער אַנטפּלעקונג, וואָס איז אָפּט אין זיך כולל סימבאָליש־בילדלעכע און נאַיווע, פילאָזאָפיש־עטישע אַנשווינגען, וואָס געפינען נישט זעלטן אַ דעטאַליזירטן תיקון אין די שפּעטערדיקע, טעאָרעטיש־געלייטערטע אַרבעטן פון היסטאָריקער, פילאָזאָפן און קינסטלער.

זאָגער און זינגער

דער זינגער און דער זאָגער זענען ווי צווי באַזונדערע שטראָמען, וואָס גיסן זיך איבער און פאַרגיסן זיך אין זייער סטיכישן געברויז, אין דער רחבות פון איין און דעם זעלבן אומרו פון אַ טייך — די ליטעראַטור.

אין דער היינטצייטיקער דיכטונג, געפינען זיך דער זינגער און דער זאָגער נישט זעלטן אין דער בחינה פון אַ סיאַמער צווילינג, וואָס זענען אומצעטיילבאַר.

אין ביידע פאַלן, אין דער דיכטונג ווי אין דעם פּאַקטישן לעבן, מוזן זיי אַרבעטן האַרמאָניש, אויב זיי ווילן עפּעס דערגרייכן.

קיינעם פון זיי איז אין אַזאַ פאַל נישט דערלויבט איבערצוכאַפּן די מאָס און זיך לאָזן פאַרפירן פון אייגענע תשוקות, אַריבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן, סיידן זיי ווילן אָנהאַלטן דעם סטאַזש פון זעלבשטענדיקייט. איינער — ווי אַ זינגער און דער צווייטער — ווי אַ זאָגער.

דער זאָגער איז פריי ווי אַ פויגל. אים איז דערלויבט זיך צו באַוועגן ווי ער וויל, אין זיינע ראַמען פון אויסדרוק.

דער זינגער ווידער איז אַנדערש אין דעם זין, וואָס ער איז אַבסאָלוט פאַרפליכטעט זיך צו באַנוצן מיט באַשטימטע אויסדרוק־פאָרמען, צו וועלכע ער איז געבונדן, ווען ער באַנוצט זיך אַפילו מיט דעם פרייען פערז, וואָס האָט אַגב זיינע אייגענע, כאָטש נישט געשריבענע, באַשטימטע געזעצן, אין דעם אויסלייג פון אַ ריטעם, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבייטן אויף דעם אויסלייג פון אַ לשון, אין דעם מויל פון אַ זאָגער.

באַגעגענען זיי זיך אָבער פּנים אל פּנים, ווי צווי שטראָמען אין איין טייך, געפינען זיי באַלד אַ געמיינשאַפטלעכן אינטערעס. זיי לאָזן זיך באַאיינפלוסן איינער פון דעם אַנדערן, און טויכן באַלד ווידער אויף, ווי אַ סינטעז אין דעם גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אין אַל־

געמיק, איבערהויפּט אין דער דיכטונג, צו וועלכער זיי זענען ביידע פאַר־בריִדערט, ווי אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער ליטעראַטור.

די ליטעראַטור האָט אַ זיכרון

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס באַוועגט זיך אַלע מאָל מיט דעם אימפּולס און דראַנג פון באַנייונג, אין הסכם מיט די חידושים און אינאָוואַציעס, וואָס יעדער דור ברענגט מיט זיך און פון זיך אַרויס.

בשעת די באַלד אומצאָליקע דורות, וואָס באַשאַפן און פלעגן זייערע חידושים און אינאָוואַציעס אין דער ליטעראַטור, טיילן דעם גורל פון אומ־פאַרמיידלעכקייט, ווי אַלץ וואָס לעבט; זיי שטויבן זיך אַוועק אין טאָטאַ־לער פאַרגעסנקייט, פאַרבלייבן אָבער זייערע שעפערישע ליטעראַטור־ווערטן אין דער ליטעראַטור, ווי אייביקע דערמאָנונגען אין די פרייד־און־ליידן, ירידות און דערגרייכונגען פון די פאַרגאַנגענע דורות, ווי דאָמינירנדיקע פאַקטאָרן אין דער קולטור־וועלט, אויף וועלכע מיר קוקן זיך אָפּט אַרום מיט שטוינונג און מיט גאַפונג, טיילן פון זיך אַרויס די דויערהאַפטיקע, אויב נישט אייביקע ווערטן זייערע, וואָס דינען אונדז ווי מוסטערן אין דעם פּראָצעס פון באַנייונג און פאַרויסגיין פון די נאָכקומענדיקע ליטעראַטור־ווערטן, אין זין פון פאָרעם, תוכן, לשון און אַלץ, וואָס קומט דערמיט.

צוליב דעם, וואָס די ליטעראַטור פון אַ פאָלק פונקציאָנירט ווי אַ לע־בעדיקער אָרגאַניזם, איז זי שטאַרק ענלעך צו דעם לעבן בכלל, וואָס איז דינאַמיש אין דעם אומענדלעכן פּראָצעס פון שעפערישקייט, אַנטוויקלונג און פאַרמערונג. צוליב דעם פאַרמאָגט די ליטעראַטור אויך אַ זיכרון, וואָס אירע נאָכקומענדיקע דורות ווערן קיין מאָל נישט מיד און זיי באַמִיען זיך, פון צייט צו צייט, אויפצולעבן און באַלעבן יענע דויערהאַפטיקע ווערטן אירע, וואָס שטויבן זיך ווי אוצרות אין די ביכער פון לאַנג־פאַרגעסענע שוכני עפר, שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַ מאָל געשפּילט אַ באַדייטנדיקע און דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם לעבן און אין דער ליטעראַטור פון זייער פאָלק.

אין גלות ביי זיך אַליין

אונדזער היינטצייטיקע ליטעראַטור אויף יידיש־לשון איז אין גלות ביי זיך אַליין, אַ דאַנק דעם דעפעטיזם און פעסימיסטישע שטימונגען פון אַ גרויסער צאָל יידיש־שרייבער, בנוגע דער צוקונפט פון יידיש־לשון.

די סיבות פון אַט דער איינשטעלונג זענען פאַרוואָרצלט אין אונדזער דריטן חורבן, וואָס האָט גורם געווען דעם אומקום פון אַ גרויסער צאָל שריפטשטעלער אונדזערע, צוזאַמען מיט אַן איבערוועגנדיקער צאָל יידיש־ריידער, פאַקטישע און פּאָטענציעלע לייענער; גאַלאָפּירנדיקע אַסימילאַציע אין אונדזער גאָרער צעשפּרייטקייט, דערצו נאָך, אָן די מינדסטע סימנים און האָפענונגען אויף אַ שעפערישן נאָכוווקס.

צוליב דעם, און אַ סך אַנדערע סיבות, האָט אונדזער ליטעראַרישע יצירה, זיך שטופנווייז אַליין דערפירט צו דער בחינה פון אַ היינטצייטיקן, פליִענדיקן טעלער, וואָס ווערט אַרומגעיאָגט אויף די וועגן פון אומקום און האַלט זיך בלויז אויף ניסים, אַ דאַנק דער זעלטענער עקשנות פון אונ־דזערע לעצטע מאָהיקאַנער: אַ צאָל טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער, אָן דער מינדסטער פּערספּעקטיוו אויף אַ בלויען אָנזאָג אויף אַ מאָרגן, וואָס לאָזט זיך ליידער, אַפילו סימבאָליש, נישט דערקענען.

אונטער דעם דרוק און דער השפעה פון אַט דער סיטואַציע, ליידן אַ סך פון אונדזערע שריפטשטעלער און אויך די באַגרענעצטע צאָל לייענער אונדזערע, פון אונדזער היינטצייטיקער מחלה: אונטערגאַנג, וואָס מוז אונדז זיין פרעמד, אָפּשטויסנדיק און דערווידער.

די שרייבער אונדזערע — פּאָעטן, עסייִסטן און נאָוועליסטן, וואָס טויכן אויף ווי שעפערישע פּערזענלעכקייטן פון די טיפענישן פון זייערע קינסטלערישע עבודות, זענען פון דעסטוועגן שעפעריש געענוג, אַז אונ־דזערע ליטעראַטור־קריטיקער און עסייִסטן זאָלן זיך מיט זיי פאַרנעמען דווקא אין לויבן, ווי מיין ווייניקייט טוט עס טיילווייז אויף אַ באַשיידענעם אופן — אַ דאַנק זייערע שעפערישע מעשים טובים לטובת דעם נוצן פון אונדזער פאָלק, לשון און ליטעראַטור, וואָס וועלן האָפנטלעך, פריער צי שפּעטער — קריגן אַ תיקון אין דעם מויל און אין דער מענטאַליטעט פון אונדזערע נאָכקומענדיקע דורות.

דער גראַפאָמאַן

דו ביסט ווי אַ קינד
וואָס לערנט זיך גיין.
צום ליד דו ביסט בלינד,
דו קענסט עס נישט זען...

דיין לשון איז פראָסט —
געראָטן אין דיר...
די ווערטער — דו פאַרסט,
אַן זין פון אַ שיר.

דו ווייסט נישט דעם מיין
פון ריטעם און סטיל,
ס'איז פרעמד דיר דער ווין
פון ליד, וואָס איז שפיל.

דו קלעטערסט אומזיסט
דעם באַרג הויך אַרויף,
דיין מי איז בלויז מיסט
אין זינלאָזן לויף...

די וועלט הינטער דיר
איז פול מיט געזאַנג,
נאָר דו ביסט אין איר
אויף גראַמען בלויז קראַנק...

דו ווייסט נישט דעם סוד
פון ליד וואָס איז שיין,
ביסט שיכור ווי לוט,
קענסט ווייטער נישט גיין...

דער עסייאיסט

דו זעסט אים אין טאָגן,
אין אייביקן פלאַם.
זיין אומרו איז ענלעך
צו דעם פון דעם ים.

דעם לעבן אַנטקעגן
מיט ווירדע, מיט לויב,
און קיינמאָל ער בלייבט נישט
צו וועמען דאָ טויב...

זיין זעונג — אַ קלאָרע
און טיפע דערצו.
זיין וועלט איז אַ וואָרע,
זי ווייסט נישט פון רו.

זיין טעמע זיך וואָרצלט
אין אַלץ וואָס איז שיין,
אַ טרוימער פון יושר
פאַר גרויס און פאַר קליין.

ער טראָגט זיך אויף כוואַליעס
מיט אימפעט און רייץ
פון דמיון. ער חלומט
פון אחרית, פון קץ.

דער לעבן פאַר אים איז
אַ פלאַנטער, וואָס קלאָר
ער טוט אים באַשיידן,
באַלייכטן די וואָר

ער זוכט און געפינט אויך
אין אַלעם אַ טרייסט.
דער סוד פון זיין כוח —
אין דעם וואָס ער ווייסט.

מיט אמת, מיט זיינעם —
וואָס פיבערט, וואָס שרייט
און גיט אים אַ תיקון
אויף תמיד, אין צייט.

ס'איז אַלץ וואָס אין לעבן
אַ טעמע פאַר אים,
אין אַלעם געפינט ער
אַן אָנשפּאַר, אַ זין...

זיין לשון איז תמיד
פאַרשטענדלעך און קלאָר.
זיין אמת פון האַרצן —
אַ ברכה ביז גאָר

ער טיילט זיך מיט אַלעם
וואָס נאָר ער פאַרמאָגט:
זיין ליבשאַפט, זיין וויסן
אַ שטאָלצער ער טראָגט

פאַר דעם וואָס ער משפט,
שאַצט אָפּ זיין טאַלאַנט
מיט ליבשאַפט, פאַרערונג
און קלאָרן פאַרשטאַנד.

שרייבער און לייענער

דער שרייבער און לייענער — אינאײנעם פֿאַרצווילינגט,
זיי וווינען שוין פֿון תמיד אונטער איין דאַך.
און כאָטש זיי באַקעמפֿן זיך איינער דעם צווייטן,
געניסן זיי איינער פֿון צווייטן אַ סך.

וואָס איינער דערגרייכט ניט אין סטיל און אין לשון,
דער צווייטער דערגאַנצט באַלד אויף אייגענער שפּראַך.
ער קלערט־אויף מיט שכל דעם טעקסט פֿון דעם ערשטן,
אַז בײדע געווינען דערפֿון גאָר אַ סך.

דער שרייבער איז תמיד אַן עקשן אַ גרויסער,
זיין אומרו פּירט אָפּט פֿון זיין וועג אים אַראָפּ...
דער לייענער איז אַנדערש, איז סטאַיש, איז לאָגיש,
ער ברענגט אים צוריק אין זיין אייגענער שטוב...

ער עפֿנט די פֿענצטער פֿונאַנדער אַן טומל,
אין ליכט פֿון דעם טאָג איז ער מסביר דאָס ווערק
פֿון שרייבער, וואָס לאָזט זיך פֿונדעסטוועגן טײַטשן —
און בײדע געאָרעמט שוין שפּאַנען אַוועק

געאײניקט באַרויִקט ניט וועלט פֿון דמיונות
וואָס בליען מיט שטאָלץ זיך פֿונאַנדער און דרייסט,
אַז בײדע געניסן פֿון אַלץ וואָס זיי שאַפֿן,
געפֿינען אין אַלץ וואָס זיי טוען אַ טרייסט.

דער קלאַסיקער

ער גייט אין שפּאַן פון אייגענעם גאַנג,
אַ מוסטער פאַר זיך און פאַר יענעם!
ער אָטעמט בלויז מיט אייגן געזאַנג,
וואָס דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט שעמען.

זיין וואָרט איז געמאָסטן, שיין און קלוג,
פון אייגענעם קוואַל בלויז גענומען.
עס שפּיגלט אַרויס פון ריינסטן קרוג,
איז גוט און געשמאַק פאַר דעם גומען.

ער גייט פאָרויס די זעונג זיינע
מיט דער קלאָרקייט פון קלוגן געדאַנק,
וואָס לייגט זיך אויס אין פערזן פיינע
נ׳אַ סטיל און לשון וואָס דויערט לאַנג.

זיין האַרץ איז אַ נעסט פון געפילן
וואָס פידלט אויף איידעלע סטרונעס.
מיט לידער בלויז ער טוט זיך שפּילן
אָן זייטיקע, שלעכטע כוונות.

זיין לעבן — אַ טייך איז אַ שטילער,
וואָס כוואַליעט מיט רייץ פון דער ווייטן.
זיין חלום — בלויז לידער, דאָס וויל ער
אויף גאָלד־שטיק אַפילו נישט בייטן.

קריטיקער פון ליד

ער שטייט פאַר דעם וווּנדער פון ליד אַ פאַרגאַפטער,
ער זוכט מיט עקשנות פאַר דעם אַ באַשייד.
ער קלייבט זיינע ווערטער ווי פערל, מיט פאַרזיכט,
וואָס זענען אים גורם אַ ביסעלע פרייד.

זיין בליק איז אַ שאַרפער, פאַרשפּיצט און עקסרעיאיש,
ער גראָבט מיט אים טיפער און זינלעך, מיט קראַפט.
אים ערגערט דער שעטנז, אים לאָקט די המצאה
פון דיכטער, זיין זעונג פון וועלכער ער גאַפט.

ער איז ווי אַ טויכער, וואָס מיידט אויס געפאַרן
בשעת ער באַוועגט זיך אין טיף פון דעם ים.
אים קימערט נישט קיינער וואָס קומט אים אַנטקעגן,
ער זוכט בלויז דעם עצם פון ליד, נישט דעם גראַם.

און וואָס ער געפינט דאָרט אין בילד, אין סימבאָלן,
אין לשון, אין סטיל אויך, געלייטערט און שיין,
עס גייט פון זיין אויג נישט לגמרי פאַרלוירן,
באַזינגט עס מיט ליבשאַפט, מיט אייגענעם חן,

וואָס צויבערט מיט קלאָרקייט, פאַרערונג, יצירה
פון דעם וואָס פאַרשותפט זיך באַלד צו דעם ליד
פון דיכטער, וואָס אָטעמט מיט עכטקייט פון שירה,
דערהייבט אים און לייטערט זיין אייגן געמיט.

לירישער דיכטער

דער לעבן זוכט אין אים אַ תיקון,
געפינט עס אין זיין האַרץ און בלוט,
וואָס זינגט פון אים אַרויס מיט אימפּעט
און סטימולירט אין אים זיין מוט

צו זוכן און אויך צו געפינען
אַ זין פאַר דעם וואָס וואַקסט, וואָס בליט;
דעם מענטש וואָס האָט פאַר אַלץ אַ זינען,
די וועלט וואָס לעבט ביי אים אין ליד.

ער ברענגט צו זיך אַראָפּ דעם הימל
וואָס ער באַהעפט דאָ צו דער ערד,
געפינט אַ זין אין ברויט מיט קימל
וואָס זעטיקט דאָ אים און זי נערט.

ער חלומט אויס די וועלט מיט שכל,
ער שאַפט איר איבער אויף דאָס ניי —
ער איז געוואָגט אין זיין אַקטיוו זיין,
ער גלייבט אַז אַלץ איז טאָן כדאי.

ער גייט דאָ אַלץ אַרום פאַרחלומט,
ער בויט, ער שאַפט וואָס אים געפעלט.
געראָט אים נישט צומאָל זיין שאַפונג,
באַשאַפט ער באַלד אַ נייע וועלט...

ער פוצט איר אויס אין נייע קליידער.
ער גיט איר צו אַ ניי קאָליר.
ער בויט איר איבער דאָ כסדר
און פרייט זיך באַלד שוין דאָ מיט איר.

דער דערציילער

ער האָט ליב זיך צו שפּילן
מיט קאָלירן אַלערליי,
ער טיילט אָפּט די געפילן
פון פרייד, פון לייד און פון וויי.

ער איז אַלעמאָל להוט
און איז נייגעריק צו זען
וואָס עס טוט זיך ביי יענעם,
און וואָס ביי דעם איז געשען...

מיט אַלע זיינע העלדן
וואָס ער מאָלט, וואָס ער באַשרייבט,
ווי אַ סאַרוועך טיילט כיבוד
און דעם שיריים ער קלייבט...

ער איז תמיד מסוגל
אַלץ אָנצוטאָן אין אַ קלייד.
און ווו נאָר ער געפינט זיך,
איז ער קיינמאָל נישט שפּעט...

ער זעט זיך אָפּט אינמיטן
פון זיין אייגענעם יאַריד,
איז אַלעמענס מחותן,
צי ער וויל יאָ צי ניט...

זיין עובדה איז אַנטפּלעקן
וואָס עס טוט זיך ביי יענעם.
אויב נייטיק איז ער גרייט אויך
מיט לידער זיך פאַרנעמען...

ער זעט זיך אָפּט אין שפּיגל
פון די העלדן וואָס ער מאָלט,
עס ליגט אויף זיי זיין זיגל,
ווי ער האָט עס בלויז געוואָלט.

יחזקאל בראַנשטיין

דער רעאַליסט

דער לעבן פאַר אים — אַן אָפענער בוך
וואָס לייענט זיך אין אים אַליין אַריין.
געניסט ער פון אַלץ: זיין ברויט און זיין וויין,
ער קוויקט זיך אַפילו מיט זיין גערוך...

ער גייט דאָ אַרום מיט זיכערן טראָט
ער געפינט אַלעמאָל דאָס וואָס ער וויל.
פאַר אים איז עס אַלץ אַ זיכערע שפיל,
אַ זיכערע שפיל — כמעט אַ געבאָט...

אַלץ ליגט פאַר אים ווי אויף אַ טיש געגרייט,
עס פאַלט אים כמעט ווי אַריין אין מויל...
צוליב דעם איז אים תמיד גוט און וווּיל
און ער נעמט אַלץ אויף, ווי עס שטייט און גייט.

דער הימל, די ערד, דעם גאַנצן אַרום! —
די וועלדער, די טייכן, אַלץ וואָס עס לעבט
חלומט ער איבער אין מעשהס פאַרוועבט,
וואָס גיבן זיך איבער מיט תמימות שטום.

דעם מאַן און די פרוי — פון אייביק אַ פאָר —
ער כישופט צונויף אַהינטער איין דאַך.
ער אַרבעט גאַנץ שווער, געדולדיק אַ סך —
ביז ענדלעך עס בלייבט נישט פון זיי קיין שפּור.

ער מאָלט די נאַטור אין רויען געשטאַלט.
ער באַמיט זיך נישט ענדערן גאָרנישט.
ער ווייסט וואָס ער קען, וואָס ער טאָר נישט,
גייט ער אין שפּאַן ווי אַ העלד ביז ער פאַלט...

דער ראָמאַנטיקער

די וועלט ווי זי איז, איז אים פרעמד און נישט אייגן,
בויט ער איר איבער און ער קומט איר אַנטקעגן
אין אייגענעם נוסח, קאָלירפולע בלומען —
מיט אייגענעם כוח פון אייגענע זאָמען.

דעם טאָג פוצט ער אויס אין פאַרביקע בגדים.
די נאַכט פוצט ער אויס אין העלע קאָלירן.
דעם מענטש וואָס איז אייביקער אומרו פון אַלעם —
אויף וועגן, אויף נייע ער טוט אים פירן.

ער הייבט אים אַרויס פון די טיפן פון נידער,
ער פירט אים מיט פרייד אַרויס פון דער וואָך,
מיט כוח פון זינגען ראָמאַנטישע לידער
וואָס בעטן זיך זינגען אַלץ מערער און נאָך...

ער שפרייט פאַר אים אויס אַ טעפּיך אַ גרינעם,
ער ווייזט אים אַ וועג צום זוניקן לאַנד.
ער טוט אים אויף גיך אויף זיין זייט געווינען,
און שוין — ער איז גרייט, אין וועג שוין ער שפּאַנט

מיט ריזיקע טריט, פאָרויס און אַלץ ווייטער
אין מאָרגן וואָס בליט אין חלום זיך אויס.
אַ ווילדער ער טאַנצט אַרום אַ פאַרשייטער,
אים דוכט אַז דערמיט אַליין איז ער גרויס.

מענטשן וואס איך האב געקענט

יעקב אַסטאָר

אין די פּעדאַנטישע קרייזן פון אונדזער אַזוי גערופענער פאָלקס־אינ־טעליגענץ, באַזונדערס צווישן די פּירערס אונדזערע, מערקט זיך אַלע מאָל אַ בטלנישע, לייכטזיניק־איראָנישע באַציִונג צו אונדזערע היימישע פאָלקס־מענטשן, וואָס מיר זענען בדרך כלל סתם מבטל און שטעמפּלען זיי מיט ביטול, מיט דעם נאָמען : עמך.

דער אמת איז, אַז די, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען — עמך, זענען נישט נאָר דאָס זאַלץ און וואַסער פון אונדזער גע־זעלשאַפט, נאָר נישט זעלטן געפינען זיך גאָר, דווקא צווישן זיי, די איידל־סטע מענטשן מיט כאַראַקטער, וויזיע, גוטסקייט, ערלעכקייט, געוויסנ־האַפטן איינשטעל אין לעבן, מיט אַ היפשער דאָזע איינגעבוירענער אינטע־ליגענץ. דערצו נאָך אָן פּרעטענזיעס אויף יחוס עצמו, וואָס לאָזן זיך אי־דענטיפיצירן מיט השתפכות הנפש, אין זייער באַציִונג צום פּרט און אויך צום כלל, ביי גינסטיקע און אויך ביי אומגינסטיקע אומשטענדן, וואָס גרע־נעצן זיך אויך, נישט זעלטן, מיט מסירת־נפש און קרבנות־גרייטקייט מצד זיי, אויף דעם באַשיידנסטן אופן, אַנאָנים. אין קאָנטראַסט צו יענע פּעדאַנטן אונדזערע, וואָס זענען אַלע מאָל להוט און גרייט איינצוקאַסירן אַ ביסל כבוד פאַר זיך, צי זיי האָבן עס יאָ, אָדער נישט פאַרדינט.

ווי אַ ביישפּיל פון אַזאַ, כמו נאָמענלאָזן און עכטן פאָלקסמענטש, וואָס ווערט ביי אונדז טאָטאַל איגנאָרירט, צומאָל אַפילו — פאַרשעמט, און קיין מאָל נישט אָפּגעשאַצט — אָט דער פאָרטרעט פון אַן אומפאַרגעסלעכן חבר — אַסטאָר.

אויף מיין וועג צום חבר אַסטאָר, צו וועמען מיינער אַן אינטימער חבר האָט מיך צוגעשיקט זיך באַקענען ...מיט אַ גוטן, איידעלן און אינטערעסאַנטן ייד און מענטש... האָט מיך די דרום־קאַליפאָרניער סעפּטעמבער־זון גע־וואַרעמט מיט חסד.

דער פּאַרקער אויף די גאַסן האָט געטומלט מיט די זיך־יאָגנדיקע אויטאָס. איבער מיר האָט זיך געבלויט אַ זעלטן לויטערער און פרידלעכער הימל.

ביים אַריינקומען אין דער אַפּטייק, וואָס דער חבר אַסטאַר האָט אַליין באַדינט, האָט מיך באַלד באַגעגנט אַ מיטלוווקסיקער ייד מיט אַ צעשמייכלט אָבער אויסגעבלייכט פּנים, וואָס האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און מיך באַלד אָנגערופן ביי מיין נאָמען.

— דער חבר האַרעליק האָט אייך אַוודאי אָנגעזאָגט וועגן מיין קומען, — האָב איך אים באַלד אַ זאָג געטאָן, ווי נאָר מיר האָבן זיך קעגנזייטיק זייער וואַרעם באַגריסט.

— וואָס איז שייך אָנגעזאָגט — האָט ער זיך אויף ס'ניי צעשמייכלט — איר האָט מיך שוין נישט איין מאָל אַנטוישט, ממש אָפּגענאַרט מיט אייער נישט־קומען צו מיר.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ זשוואַוועער ייד און מיך ממש פאַרשלונגען מיט זיין גוטסקייט.

נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך צו אָריענטירן אין זיין כמעט פּוסטער קרעטשמע, ווייל קיין צורת פּנים פון אַ קונה האָט זיך כמעט די גאַנצע צייט פון מיין פאַרברענגען מיט אים נישט באַוויזן, — האָט ער מיר שוין אונטערגעטראָגן אַ ביסל היימישן כיבוד און דערביי באַטאָנט:

— שעמט זיך נישט, שעמט זיך נישט! אַז איך אַליין כאַפּ עפּעס איבער אין מויל, מוזט איר מיט מיר מיטהאַלטן.

מיר זענען ביידע געבליבן זיצן הינטער אַן אָפן פענצטערל, צווישן זיינע מעדיקאַמענטן, וואָס האָבן זיך דאָ געשטויבט, דווקא אין שכנהשאַפט מיט אַ היפּשער צאָל ביכער אויף יידיש־לשון.

— נישט אומזיסט פּוסטעוועט אַזוי אייער געשעפט, — האָב איך אַזוי זיך, כלאחר־יד, אַריינגעוואָרפן אַ נישט־טאַקטישע באַמערקונג. — מיין חבר האַרעליק איז טאַקע געווען גערעכט, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט אַ זעלטענער אוהב יידיש און צוליב דעם אפשר, אַזוי דער־פאַלגרייך מיט אייערע געשעפטן, ווי ער — מיט זיינע ספרים...

— און איר אַליין, — איז ער מיר נישט שולדיק געבליבן קיין ענט־פער — זענט אַוודאי אויך נישט קיין סך אַנדערש פון אונדז ביידע. ווער

וויסט, — האָט ער אַ שמייכל געטון — אפשר נאָך אַ גרעסערער שלימזל פון מיר מיט אים צוזאַמענגעגנומען...

מיר האָבן זיך ביידע האַרציק צעלאַכט.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און פאַר מיר האָט זיך אויסגעלייגט — טיילווייז — זיין ביאָגראַפיע: געוווינט אַ סך יאָרן אין ווינדזער, קאַנאַדע, אין די יאָרן פון דער ערשטער מלחמה. דאָרט איז ער אויך געווען אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין — דער אייגנטימער פון אַ ווינקל־אַפטייק, וואָס האָט, ווי איך האָב זיך אַליין אָנגעשטויסן, פונקציאָנירט ווי אַ קרעטשמע פאַר יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן דעמאָלט, צוליב די שטרענגע אימיגראַציע־געזעצן פון ביידע שכנותדיקע לענדער, געמוזט האָבן אַ פאַרבינדלער, כדי צו קענען אַריינקומען און אַרויספאָרן פון קאַנאַדע, ווי משולחים פאַר וועלטלעכע און קולטורעלע צוועקן.

אַזוי זענען זיינע אַפטעק שטאַמגעסט געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר א. קאַראַלניק, שפּעטער אויך חיים גרינבערג און אַ סך אַנדערע שליחים.

אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער גוטסקייט און אינטערעס אין דער שליחות פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן, האָבן זיך די גדולים אונדזערע מיט אים אויף אַזוי פיל פאַרחברט, אַז די מערסטע פון זיי האָבן מיט אים אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ און אים שפּעטער אויך אויפגעזוכט דאָ, אין דרום־קאַליפאָרניע, ווו עס איז אים באַשערט געווען צו פאַרלירן זיין לעבן, פאַר דער צייט, אויף אַן אומגעלומפּערטן אופן.

— מ׳וואָלט געקענט לעבן — האָט אים גאָלדע מאיר, ישראלס אויסערן־מיניסטער, אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן, ווען איר אַדיוטאַנט האָט איבערגעריסן איר שמועס מיט אים — נאָר מען לאָזט נישט. — אויך זי, גאָלדע מאיר, איז געווען פאַרכאַפּט און באַגייסטערט פון זיין צוויבעראַפּטעקער פערזענלעכקייט. און אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דרום־קאַליפאָרניע, האָט זי געפונען פאַר נייטיק אָפּצושפּאָרן עטלעכע מינוט און כאַטש טעלעפאָניש כאַפּן אַ קורצן שמועס מיט „מיין חבר אַסטאָר״.

אַסטאָרס אַפּטייק האָט זיך געפונען אין אַן אָרעמען קוואַרטאַל, ווו ס׳איז אים נישט נאָר שווער געווען צו מאַכן אַ לעבן, נאָר ער איז אָפט אויך אויסגעזעצט געווען אויף טראַגישע איבערלעבונגען פון ווערן אָפּגע־

האַלטן דורך טונקעלע פאַרשוויגען, אונטערוועלט־מענטשן — ביי זיך אין געשעפט.

— ערשט די לעצטע וואָך — דערציילט ער מיר — האָבן זיך דאָ אַריינגעכאַפּט צוויי שחורים מיט שיסערס אין די הענט. מיר און מיין פרוי באַפוילן זיך אַוועקלייגן אויפן דיל מיט די פּנימער אַראָפּ, און אויסגעליידיקט די קאַסע.

— ווי אָפט טרעפן ביי אייך אַזעלכע חתונות?

— דורכשניטלעך כמעט אַלע 5—6 וואָכן. נאָך מער, — דערציילט ער מיר מיט ווייטיק און פאַרדרוס — די אינשורענס־פירמעס ווילן מיך מער נישט פאַרזיכערן פאַר אַזעלכע אָנפאַלן און רויבערייען.

— פאַר וואָס ליקווידירט איר נישט אייער געשעפט?

— ווייל איך קען דערפון נישט פּטור ווערן. דער עיקרשט אויך דערפאַר, ווייל איך בין נאָך אַ גרויסער בעל־חוב אויף דעם. דערצו האָב איך נאָך אַ לאַנגן קאָנטראַקט אויף דער קראָם, פון וועלכער איך קען זיך נישט אַרויסדרייען. איך בין שוין צו אַלט זיך צו פאַרנעמען מיט אַ נייער פּרנסה.

אויך דאָ, אין דרום־קאַליפאָרניע, איז זיין קראָם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קיביצאַרניע — אַ זאַמלפּונקט פאַר כלערליי נודניקעס און ליטעראַרישע שטאַמגעסט, ווי אַמאָל־אַמאָל, אין ווינדזער, קאַנאַדע, צי באַפאַלאָ, נ.י.

און ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט אים דעם ערשטן באַזאָרגט מיט זיינעם אַ ספר, צי ער האָט עס יאָ, אָדער נישט באַדאַרפט.

האָב איך טאַקע דאָ, ביי אים אין קראָם, געפונען אַ צאָל לידער־ביכער, וואָס האָבן מיך קיין מאָל נישט דערגרייכט. אַזוי, למשל, האָב איך ביי אים געפונען מלך כמעלניצקיס בוך לידער, וואָס איך האָב פון דעם פריער נישט געוווּסט און עס באַלד מיט זיך מיטגענומען.

— איר קענט עס האָבן ווי אַ מתנה פון מיר. איך האָב פון זיי מער ווי גענוג.

— ווי קומען זיי צו אייך? — מאַך איך זיך תמעוואַטע.

— ער איז געווען מיינער אַ ידיד. געזאָלט האָב איך זיי פאַרקויפן, — זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל — און באַצאָלט האָב איך טאַקע פאַר זיי... אָבער, ווי איר זעט, זענען זיי ביי מיר פאַרבליבן. דאָס ערגסטע איז, —

האָט ער מיט אויפגעטרערטע אויגן באַטאַנט — וואָס כמעלניצקי איז מער נישטאָ...

צוליב אָט דער אַנגעלייגטער מתנה זיינער, האָב איך אים צוגעזאָגט:

— אויב מיר וועט זיך איינגעבן עפּעס אָנשרייבן וועגן אָט דעם בוך, וועל איך צו אייך ווידער קומען צו גאַסט און פאַר אייך פאַרלייענען מיין געפלאַנטע אַרבעט.

אַזוי איז טאַקע געווען. אַזוי גיך ווי איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט, האָבן מיר זיך אָפּגעזונדערט אין אַ פאַרשטויבטן ווינקל פון זיין פוסטער קרעטשמע, אין אַ פּשוטן מיטוואָך, אין מיטן העלן טאָג, זיך מתיחד געווען מיט די ליטווערטן פון דעם פּאָעט מלך כמעלניצקי, דערביי אַפילו געמאַכט אַ „לחיים" מיט אַ פּראָסטן קאָקאַ־קאָלאַ!

פון דעמאָלט אָן זענען מיר שוין פאַרבליבן אינטימע חברים. מיר פלעגן זיך טעלעפאָניש אַדורכשמועסן יעדן פרימאָרגן. און ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, בין איך געקומען אים באַזוכן, שעהן לאַנג מיט אים פאַרבראַכט אין אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן ליטעראַטור און אויך וועגן די באַגעגענישן זיינע מיט אַ טייל פון אונדזערע פּאָפּולערסטע אינטעלעקטואַלן. פון צייט צו צייט האָט ער מיר אויך געטרויט צו דעפּאָנירן זיין געלט אין אַ דערבייאיקער באַנק, וואָס איך האָב געטון מיט פאַרגעניגן.

די בעסטע קונדן זענען געווען, די באַליבטע היימישע מענטשן זיינע, וואָס ער האָט אַגב געשעיצט מיט אַ ברייטער האַנט, אָפט מאָל איבער זיינע כוחות. ער האָט זיי באַדינט מיט אַזעלכע רעדוצירטע פּרייזן, אַז ס'האָט אים אַליין דערביי קוים געסטאַיעט אויף וואַסער און קאַשע.

אין דעם איז באַשטאַנען זיין צדקה בסתר — די מידה טובה פון אַן עכטן, עטישן און אידעאַליסטישן פאָלקסמענטש, וואָס ער איז געווען.

זיין אַרבעטס־טאָג איז געווען זייער אַ לאַנגער. ווען ס'איז אָבער געווען נייטיק, האָט ער מיט געשוואָלענע פיס אַליין צוגעטראָגן זיינע מעדיקאַמענטן פאַר אונדזערע היימישע חברים, ביי וועלכע ער האָט כמעט גאָרנישט פאַרדינט. אין אַ סך פאַלן, אַפילו אַליין אויסגעשטאַנען די גאַנצע הוצאה, ווי שווער עס איז אויף אים געפאַלן; און ווי אַן אמתער עניו, דערפון קיין מאָל אַפילו נישט גערעדט...

ווי פאַרנומען ער איז נישט געווען, האָט מען אים פון דעסטוועגן

אויסגענוצט געזעלשאַפטלעך, אויף די אומגעלומפּערטסטע אופנים. איז, למשל, געקומען אַ שרייבער מיט היפּש צעבייכלטע, פילאָזאָפישע ביכער, וואָס האָבן דאָ זעלטן געפונען אַ קוואַליפיצירטן לייענער — האָט מען שוין געפונען אַ וועג צו זיין גוטסקייט, אים אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, פנים אל פנים מיט אַ פּראָבלעם פון פינאַנסן — און דער גוטער חבר אַסטאָר איז געווען געצוווּנגען אַרויפצוציען אויף זיך אַ נייעם חוב, כדי נישט צו פאַרשעמען אַ ייִדישן אינטעלעקטואַל, וואָס האָט צומאָל אַפילו נישט געהאַט דאָס איידלקייט מיט אים זיך צו געזעגענען.

אין מיין געוווינהייט צו רעדן מיט אים טעלעפאָניש יעדן פרימאָרגן. האָב איך אים איין מאָל טעלעפאָנירט און אים לידער מער נישט געטראָפן. איך בין באַלד באַהערשט געוואָרן פון אומרו און זאָרג פאַרן גורל פון מיין חבר אַסטאָר. במשך פון טאָג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת אַן אויטאָ־צוזאַמענשטויס, אויפן וועג צו דער אַרבעט, און געפינט זיך אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט מען מיך צום אים לידער נישט צוגעלאָזט. אַ צעוויטיקער בין איך פאַרבליבן אין הויז און תפילה געטון פאַר זיין געזונט. זיין פרוי האָט מיך אַפילו טעלעפאָניש פאַרזיכערט, אַז אים איז בעסער, כאָטש ערנסט קראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

מיין חבר אַסטאָר האָט אַמאָל געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן, וואָס ער האָט מיר אַ פאַררויטלטער צוגעגעבן, ווען איך האָב אים וועגן דעם צוגעדריקט צו דער וואַנט. אין זיין תמימות, האָט ער מיר אַפילו צוגעגעבן, אַז ער האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ ביכל. אין זיינע ספקות און באַשיידנקייט האָט ער אָבער נישט געהאַט דעם מוט מיר עס צו ווייזן, באַטראַכטנדיק עס ווי איינע פון זיינע חטאת נעורים.

די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, זייענדיק מיד און דערשעפּט, אַפילו קראַנק — האָט ער געחלומט פון דערלעבן די צייט, ווען ער וועט קענען געניסן פונעם מלוכהשן עלטער־געזעץ און שטיצע.

— לײדיקגײן וועל איך אָבער קיין מאָל נישט — האָט ער מיך פאַרזיכערט. — איך וועל בלויז פאַרקלענערן מיינע אַרבעטס־שעהן און זיך באַמיִען פאַרטיפן אין דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך ביי מיר טיילווייז אָנגעקליבן אין לויף פון יאָרן.

אַט דער נחת איז אים לידער נישט באַשערט געווען. און דער חלום פון אַן אידעאַליסטישן פאָלקסמענטש איז צערונען געוואָרן אויף דער שוועל פון זיין גאולה.

יצחק האָראָוויץ

אין די צוואַנציקער יאָרן, באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין דרום־קאַלי־פאָרניע, בין איך פלוצעם קראַנק געוואָרן און געבליבן אין בעט היפּשע עטלעכע וואָכן.

געוווינט האָב איך אין אַן אָרעמער וווינונג פון צוויי קליינע צימער־לעך, אין וועלכע איך האָב זיך קוים געקענט באַוועגן.

איין מאָל אַן אָוונט, ווען איך האָב פאַרפירט אַ ראָמאַנטישן פלירט מיט אַ פולער לבנה, וואָס האָט מיך שטאַרק באַאומרויקט אויף מיין קראַנקנבעט, האָט זיך די טיר פון מיין פּאַלאַצל שטיל אַן עפן געטאָן און אַ יונגטלעך פּאָרפאָלק האָט זיך צו מיר אַריינגעשטעלט.

— מיין נאָמען איז יצחק האָראָוויץ — האָט ער זיך אַליין פאָרגע־שטעלט — איך בין אַ ניו־יאָרקער יידישער שרייבער און איך קום איצט פון שיקאַגאָ. איך האָב פאַר אייך אַ סך גרוסן פון קאָלעגן, פוןביידע שטעט. — און דאָס — האָט ער זיך עפּעס מאָדנע געררויטלט — איז מיין פרוי דבורה.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכגעוויקסיקער שיינער יונגערמאַן מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, מיט גאָר קלוגע אויגן. דבורה ווידער האָט געהאַט אַ ליכטיק, מילכדיק פּנים, פולברוסטיק, חנעוודיק און גאָר באַשיידן. ביידע האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט אַ סך ליכט, אַפילו — פרייד, אין מיין קראַנקנצימער. זייערע טרייסטנדיקע רייד האָבן אַרויסגערופן אין מיר אַ געהויבענע שטימונג, וואָס האָט מיך געמוטיקט צו אַ נייעם, אַמביציעזן אָנהייב, אַ דראַנג צו ווערן געזונט.

האָראָוויץ, וואָס האָט בכלל געהאַט אַ פּערלדיק מויל, האָט מיך באַלד פאַראינטריגירט מיט זיין זויבער־געקליבענעם יידישן לשון, וואָס האָט זיך ביי אים ווי אַרויסגעלייענט פון אַ גוט געשריבן בוך.

אין מיין באַוווּנדערונג פאַר זיין לשון, עלעגאַנטער קליידונג און בכלל

פון דער חשיבות פון זיין פערזענלעכקייט און האַלטונג, בין איך ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו אים און זיך שטילערהייט געפרייט, מיט מיין נייער באַקאַנטשאַפט.

און אַז מיר זענען אין עטלעכע וואָכן אַרום געוואָרן שכנים, האָבן מיר זיך גאָר אינטים פאַרחברט. ער האָט פאַר מיר גאַנץ אָפט פאָרגעלייענט זיינע נישט־געדרוקטע עסייען, וואָס האָבן זיך מיר איבערגעגעבן מיט דער עלעגאַנץ פון זיין לשון און סטיל, און מיך אָפט באַגייסטערט. איך האָב אים דערמוטיקט זיי ממשיך צו זיין.

די אַמביציע פון דעם שריפטשטעלער יצחק האָראָוויץ צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער ביי ייִדן, האָט זיך אים לײדער קיין מאָל נישט איינגעגעבן.

אין יענער צייט און אפשר איצט אויך, האָט קיינער פון אונדזערע אויפקומענדיקע יונגע שריפטשטעלער נישט פאַרשטאַנען, אַז כדי אַ ייִדיש־שרייבער זאָל זיך קענען אויסלעבן בכבוד זיינע באַשערטע יאָרן, איז פאַר אים אַבסאָלוט נייטיק צו האָבן אַ מלאכה אין האַנט, כדי צו קענען פון איר ציען חיונה און האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין מלאכת הקודש, אין די יום־טובדיקע שעהן פון זיין לעבן.

יצחק האָראָוויץ איז געווען איינער פון זיי. צוליב דעם האָט ער גע־ליטן זיין גאַנץ לעבן און אפילו נישט דערגרייכט דעם מינימום פון זיינע שרייבערישע אַמביציעס.

זיין באַמיִונג צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער קאָרעספּאָנדענט פון אַ ניו־יאָרקער טאָג־צייטונג, האָט זיך אים אויך נישט איינגעגעבן, טראָץ דעם, וואָס פון צייט צו צייט איז אים יאָ געלונגען צו פאַרעפנטלעכן אַ צאָל האָליוואָדער סענסאַציע־אַרטיקלען אין „טאָג" און אויך אין „פאָרווערטס", וואָס האָט אים קיין צופיל פּרעסטיזש נישט צוגעגעבן. ווייטער דערפון איז ער נישט אַוועק. איז אים טאַקע מאַטעריעל נישט זייער גוט געווען.

אין יענע יאָרן איז יצחק האָראָוויץ געווען פאַרקאָכט אין די קינסט־לערישע ווערק פון קנוט האַמסון, קאַליל גיבראַן און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, וועמענס שריפטן ער האָט פראַגמענטאַריש איבערגעזעצט אויף אַ זייער געראָטענעם, היינטצייטיקן ייִדיש.

מיט זיין שיינעם אויסזען, איבערגעטריבענער עקסצענטרישקייט און פּערלדיקן לשון, האָט ער שטאַרק אויסגענומען נישט נאָר ביי פרויען, נאָר

טאָקע אויך ביי דער היגער אינטעליגענץ, באַזונדערס ביי דער פּראָפע־סיאָנעלער אינטעליגענץ. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ בן־בית אין זייער רייכע הייזער, און גאַנץ אָפט דאָרט אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן וועגן די ווערק פון די דערמאָנטע באַליבטע שרייבער זיינע, פאַר אַ באַ־גרענעצטן עולם, וואָס האָט אים אַלע מאָל אויפגענומען מיט גרויס חשיבות און באַגייסטערונג.

מיט דער צייט האָט זיך אונדזער ישוב גענומען אויסברייטערן און עס האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אַ צאָל אַמביציעזע, יונגע, אָנהייבער־שרייבער. די מערסטע פון זיי, האָבן אָנגעהויבן אַרויפקוקן צו יצחק האָראָ־וויצן ווי צו אַ שרייבער פון דער מעטראָפּאָליע מיט אַ נאָמען און שרייבע־רישע דערפאַרונג. האָראָוויץ אַליין ווידער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אַמביציע דאָ אַרויסצוגעבן אַ וואָכנשריפט מיטן ציל צו באַדינען דעם ישוב, העלפן אַנטוויקלען יונגע טאַלאַנטן און אפשר אויך ציִען דערפון חיונה. אַז עס האָט זיך אים ליידער נישט איינגעגעבן, האָט ער אויסגענוצט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן און אַרויסגעגעבן אַן איינמאָליקע ליטע־ראַרישע אויסגאַבע — די ערשטע קאָלעקטיווע זאַמלונג ביים פּאַסיפיק א. נ. „מערב״, וואָס איז געווען זיין איינציק־וויכטיקער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער אויפטו.

פון דער נאַטור אַ באַהעם, געבענטשט מיט אַ נאַטירלעכער שיינקייט, אַ צוויבערהאַפטע פּערזענלעכקייט, איז ער אַלע מאָל געווען אַרומגערינגלט פון יוגנטלעכע, זאָרגלאָזע מענטשן, כמעט חסידים זיינע, וואָס זענען אָפט מיטגעריסן געוואָרן פון זיינע אייגענע, נאָך יוגנטלעכע איינפאַלן און די־נאַמישער אַקטיווקייט.

אין יענער בלי־צייט, ווען די מערסטע פון אונדז זענען נאָך אַלץ גע־ווען יונג, זאָרגלאָז, זינגעוודיק און ראָמאַנטיש, אָרעם און געוואַגט, פלעגן מיר זיך גרופּעסווייז אַרויסלאָזן אויף די רחבותדיקע קאַליפאָרניער, דאָן נאָך שטויביקע וועגן, און „היטשהייקן״ איבער בערג און טאָלן, אַן אַ זין און אַן אַ צוועק, מיט יצחק האָראָוויץ בראש, וואָס האָט אַלע מאָל ליב געהאַט צו גיין פאָרויס און ווילדגעריש אויסשפּילן אויף אַן אייגן געמאַכטן פייפעלע, די ראָמאַנטישסטע רומענישע דוינעס און סתם יידישע ניגונים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט און באַוווּנדערט זיינע צוהערער.

נישט איין מאָל זענען מיר פאַרבליבן איבערנעכטיקן אונטערוועגנס,

אין אַ פאַרוואָרלאָזטער חורבה, אין אַ שטורעמדיקער נאַכט, אין ווינט און רעגן, זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, פאַריאָגט די נעציקייט און דעם הונגער מיט אונדזערע פרײלעכע געזאַנגען, ביז דער הימל האָט אויף ס'ניי אויפגעבלויט און אונדז ווידער אַרויסגעפירט אויף די וועגן.

מיט אַ צייט שפּעטער בין איך געוואָרן אַ באַצאָלטער רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנבלאַט. צוליב עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער סיבה און אַ דאַנק מיין יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט, האָב איך פאַרטשעפּעט מיין חבר האָראָוויץ אין מיינעם אַ פעליעטאָן. ווען ער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, האָט ער זיך, צו מיין ווייטיק, מיט מיר נישט געזעגנט.

אין 1933 האָבן מיר, ווי צוויי הענער, זיך באַגעגנט אויף דער צווייטער עוועניו אין ניו־יאָרק.

— איך וואָלט איך אײַגנטלעך נישט באַדאַרפט אָפּגעבן קיין „שלום", — האָט ער מיר אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַ גערעכטן פאַרוואורף. און גערעכט איז ער געווען! עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און איך בין שוין געווען אַ גאַסט אין זיין ציכטיקער דירה, וווּ ער האָט פאַר מיר ווידער פאַרגעלייגט זיינע נישט־געדרוקטע עסייען.

אַזוי האָבן זיך אונדזערע יוגנטלעכע איבערלעבונגען אומגעריכט באַנייט, אין אַ ווייטערן צייט־אַפּשניט, נאָך מיט מער ליבשאַפט ווי פריִער.

איך האָב זיך באַלד אומגעקערט קיין דרום־קאַליפאָרניע. צווישן אונדז האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטע און אינטימע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיינע טעג.

דער לערער בלאָשטיין

אונדזער וועלטלעך־יידישע שולע אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט איז נאָך גאָר אַ יונגע, קוים 50 יאָר אַלט.

אין אָט די 50 יאָר האָבן מיר, ווי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק — אײַבערגעלעבט מער ווי איין גיהנום, דאָ אויף דער ערד.

דער איינציקער ליכט־שטראַל אין אונדזער פאַרגוואַלדיקט לעבן אין אָט דעם האַלבן יאָרהונדערט, איז דער נס ישראל, וואָס שטויסט און סטי־

מולירט אונדז צו דורכויס נייע דערגרייכונגען, אין זין פון מלוכהשאַפט און די ווייטסטע באַריר־פּונקטן פון קולטור און ציוויליזאַציע.

ביים אויפקום פון אונדזער וועלטלעך־יידישן שול־וועזן, האָבן מיר אַחוץ דעם פּראָבלעם פון פּאַסיקע לערנביכער אויף ידיש־לשון, אויך געהאַט אַ פּראָבלעם צו געפינען פּאַסיק־געשולטע לערערס, וואָס זענען דאָן בכלל נישט געווען בנמצא.

צוליב דעם, וואָס לערערײ האָט זיך ביי אונדז דאָן בכלל נישט באַצאָלט, האָבן אונדזערע פּאָטענציעלע לערערס געמוזט זיין אמתע אידעאַליסטן, מיט ליבשאַפט צו עם ישראל, לשון יידיש און יידישע קינדער.

מענטשן מיט העכערער אינטעליגענץ, וואָס זענען נישט געווען קיין אידעאַליסטן, האָבן בעסער אויסגעקליבן צו ווערן קאַריעריסטן. און די וואָס האָבן זיך נאָך יאָ פּאַרנומען מיט דער לערער־פּראָפעסיע, האָבן אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ צייטווייליקער פּרנסה, דערביי אַליין געוואָרן תלמידים פון העכערע לערן־אַנשטאַלטן, מיט דער כוונה צו ווערן מיט דער צייט אַ פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט און נישט באַדאַרפן אַלע מאָל זיין אָנגעוויזן אויף דער בידנער פּרנסה פון אַ יידיש־לערער.

אַזוי, למשל, איז דער ערשטער פּרינציפּאַל פון דער וויניפּעגער פּרץ־שול, דער זייער באַגאַבטער ח׳ י. העסטרין, געוואָרן מיט דער צייט אַן אַדוואָקאַט. אַנדערע — דאָקטוירים. און אויב זיי האָבן לגמרי נישט פּאַרראַטן די וועלטלעך יידישע שול, ווייל אַ סך פון זיי האָבן אין זייערע קאַריערע־יאָרן פון דעסטוועגן געשטיצט די שולן, נישט אָפּגעפרעמדט זיך אין גאַנצן פון זיי, האָבן זיי אָבער פאַרט דערגרייכט זייערע אַמביציעזע פּראָפעסיעס אויפן חשבון פון אונדזערע יידיש־וועלטלעכע דערציִונג־אינסטיטוציעס, ווי אָרעם זיי זענען נעבעך פון זיי קאָמפּענסירט געוואָרן...

צום שבח פון דער יידישער ליטעראַטור אין אונדזערע מקומות, מעג דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַ צאָל יידישע שרייבער זענען ביזן הייטיקן טאָג פאַרבליבן אַקטיוו־מיטבאַטייליקטע בויער און לערער פון אונדזערע קינדער־שולן. ווי אַ ביישפּיל זאָל דאָ דערמאָנט ווערן: י. י. סיגאַל, ל. כאַנוקאָוו, ה. גאָלד און זיי צו לענגערע יאָרן — יעקב זיפּער, א. טאַבאַטשניק, מעינקע קאַץ, שלום שטערן און אַ סך אַנדערע.

דעם לערער בלאָשטיין האָב איך באַגעגנט אין וויניפּעג, ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן.

אַ מיטלוווקסיקער מענטש מיט אַ הדרת־פּנים פון אַ קנאי, זייער באַריי־דעוודיק און ביז גאָר אינטערעסאַנט, האָט ער מיט זיין פרומען צוגאַנג צו זיין באַרוף דערמאָנט אַן אמתן מלמד, אַ פּאַרצייטיקן, וואָס נעמט זייער ערנסט דעם ענין לערערײ און דערציִונג.

מיט דער התמדה פון אַן אמתן און זעלטענעם פּעדאַגאָג, האָט ער פּאָטענציעל זיך איינגעלעבט אין די פּראָבלעמען פון יעדן קינד באַזונדער, אַן אויסנאַם.

דאָס וואָס ער האָט צומאָל נישט באַוויזן צו דערגרייכן אין קלאַס־צי־מער, האָט ער אויף דעם משונהדיקסטן און ראַציאָנעלסטן אופן דערגרייכט און אויך דערגאַנצט — פּריוואַט, מיט יעדן תלמיד צי תלמידה זיינע — אין דער היים.

צוליב אָט דער אייגנשאַפט זיינער, אונטער קיינע אומשטענדן נישט צו פּאַרנאַכלעסיקן זיינעם אַ תלמיד — האָט זיין אַרבעטסטאָג ווי אַ לערער, קיין מאָל נישט געווּסט פון קיין אָנהייב און אויך נישט געהאַט קיין סוף.

שטענדיק איז ער געווען פּאַרנומען מיט דעם צי יענעם קינד, אויב נישט אין קלאַס־צימער — איז אין דער היים.

און האָט אַמאָל אַ קינד נישט באַוויזן זיך אין קלאַס, האָט ער שוין אים באַזוכט אין זיין היים. אויפן חשבון פון זיין געזונט און צייט. איז דאָס קינד חלילה נישט געזונט געווען — האָט ער אים און די עלטערן געע־טרייסט מיט דער גוטסקייט פון זיין האַרץ און נשמה. איז דאָס קינד סתם געווען ווילד און פּאַרשייט, פּשוט נישט געוואָלט קומען אין שולע, האָט ער שוין געפונען אַ וועג ווי אַזוי עס צוריקצוברענגען. דערביי האָט ער אויך קיין מאָל נישט פּאַרפעלט, די עלטערן זיינע, באַזונדערס די מאַמע, אַרויפצור־ברענגען אויפן דרך הישר, ווי אַזוי צו גיין אַרום דעם קינד אין הויז, אויס־איבן אויף אים אַ בעסערן איינפלוס, ער זאָל וועלן גיין אין שולע און זיך לערנען יידיש און אַלץ וואָס קומט דערמיט. אין דעם זין האָט דער לערער בלאָשטיין טיילווייז באַלעבט אַן אַמאָליקן יידישן מנהג — דעם אַמאָליקן בין הזמנים ביי יידן, באַזוכנדיק די עלטערן פון די קינדער מער ווי איין מאָל אַ יאָר, אין אונדזער נייער וועלט.

דער לערער בלאָשטיין איז געווען אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט פון מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. אויף דעם זאָגן עדות אַ צאָל ביכער זיינע אויף אָט

דעם געביט, וואָס ער האָט מיט גרויס התמדה פאַרפאַסט און איבערגעלאָזט ווי אַ דענקמאָל הינטער זיך.

זיין יידישקייט איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער עשירות פון יידיש־וויסן, וואָס איז ביי אים אַלע מאָל געקומען צום אויסדרוק אין זיין טאָג־טעגלעכער עבודת הקודש אין זיינע קלאַס־צימערן, טיילווייז אויך אין דער לאָקאַלער פרעסע און דער עיקרשט, אין זיין אײדעלן קאָנטאַקט מיט זיינע מיטמענטשן, פריוואַט און אויך געזעלשאַפטלעך.

אין זיין אידעאַליזם איז דער לערער בלאָשטיין אַלע מאָל געווען אויס־געהאַלטן. ער האָט בוכשטעבלעך געווייכט פונעם קאַריעריזם ביי אַ צאָל פאַך־חברים, וואָס האָבן בלויז אויסגענוצט זייערע צייטווייליקע לערער־אַקטיוויטעטן, ווי אַ פאַרגאַנג און מיטל צו שפּעטערדיקע קאַריערעס.

די טיפּיש־יידישע און הומאַניסטישע אָנשויונגען זיינע, האָבן דעם לערער בלאָשטיין פאַרהיט פון געשטרויכלט צו ווערן פון דער מכה ליג־קיזם במשך זיין גאַנץ לעבן.

און דווקא דערפאַר, וואָס דער לערער בלאָשטיין איז געווען און פאַר־בליבן אַ טיפּיש יידישער רודף־שלומניק, איז ער — ווי איראָניש עס זאָל נישט אויסזען — היפּשע עטלעכע יאָר געווען דער הויפּט־לערער — פּרינ־ציפּאַל — פון אַ לינקער שולע, אין דעם „פּריוואַטיטס־טעמפּל" אין וויניפּעג, ווו ער האָט זייער אַ סך געליטן צוליב זיין באַמיִונג אויפצוהאַלטן דעם גייסט פון אַ נאַציאָנאַלער יידישער דערציִונג. סוף כל סוף האָט ביי דעם גוטן לערער און מענטש בלאָשטיין, געפּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט פאַר אַ מער „פּראָגרעסיוון" לערער, אין די אויגן פון זיין לינקער פאַרוואַלטונג.

די מערכה פון אַ לערער ביי יידן אין אונדזערע מקומות, איז קיין מאָל נישט געווען קיין גוטע, אין זין פון פרנסה, און זיכער אויך נישט אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די לערערס און פאַרוואַלטערס פון אונדזע־רע שולן.

וואָס מער אידעאַליסט איינער איז געווען, אַלץ מער האָט ער געליטן פון, נישט זעלטן, אומקאָמפּעטענטע פאַרוואַלטערס, וואָס האָבן בטבע זיך ליב צו מישן אין דערציִונגס־פּראָבלעמען, וואָס זענען אָפט פאַר זיי לגמרי פרעמד.

צוליב דעם איז פּשוט צום שטוינען, וואָס אַרום דעם לערער בלאָ־שטיין, האָבן זיך ביי זיין לעבן שוין געשאַפן לעגענדעס.

אין עדמאָנטען האָב איך אין די דרייסיקער יאָרן געטראָפן אַ גאַר פיינע קינדער־שולע מיט אַ האַלב־טיטולירטן און זייער באַגאַבטן לערער. פון דעסטוועגן איז אַ צאָל שול־טוער זייער נישט צופרידן געווען פון אים.

— פאַר וואָס? — האָב איך מיט שטוינונג געפרעגט.

— ווייל דאָרט — איז געווען דער איינשטימיקער ענטפער — ווו בלאָשטיין איז פריִער געווען לערער, קען אים קיינער נישט פאַרבייטן.

אויף אַזוי פיל האָט מען געהאַלטן און מיט חסידישער התלהבות באַ־וווּנדערט דעם לערער בלאָשטיין, אין די שול־קרייזן פון אַ צאָל שטעט, ווו ער איז אַמאָל געווען לערער.

די בעסטע מבינים און אָפּשאַצער פון אַ לערער, וואָס איז עכט אין זיינע באַציִונגען צו קינדער, זענען אפשר די קינדער אַליין.

צופעליק בין איך אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען די שולע פון „פרייהייטס־טעמפל" אין וויניפעג, בשעת אַ הפסקה אין די לימודים. דער שול־הויף האָט פּשוט געפיבערט מיט רייץ און פרייד פון די קינדער. דאָס אינטערע־סאַנטסטע דערביי איז אָבער געווען, וואָס אַרום דעם לערער בלאָשטיין, וואָס איז אַ צעשמייכלטער געשטאַנען אין מיטן הויף מיט אַ גלאָק אין האַנט, האָבן די מערסטע קינדער זיך ממש געקלעפּט צו אים מיט ליב־שאַפט, אָנגעהאָנגען זייערע בלישטשענדיקע אייגעלעך אויף אים. אַנדערע קינדער האָבן אים אַפילו געצויגן ביי די פּאָלעס און געמורמלט: „חבר בלאָשטיין, לערער בלאָשטיין" — און נישט אָפּגעטראָטן פון אים, ביז זיי האָבן צוריק אַריינמאַרשירט אין די קלאַס־צימערן.

דעם לערער בלאָשטיינס געוויסנהאַפטער איינשטעל פאַר זיינע פרינ־ציפּן, האָט אַרויסגערופן רעספּעקט אַפילו ביי די בלינדסטע פאַנאַטיקער.

און אַלע מאָל, ווען בלאָשטיין איז געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן זיין לערער־פּאָסטן אין אַ שטאָט, האָט מען אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ סך ליב־שאַפט און פאַרערונג. אינטערעסאַנט איז אויך צו געדענקען, אַז ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער אָנגעהאַלטן אַ חברישע קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע אַמאָליקע שול־פאַרוואַלטערס און דער עיקרשט — מיט אַ גרויסער צאָל תלמידים זיינע, וואָס קענען אים נישט פאַרגעסן.

ד״ר נ. ס. זאַלצמאַן

צוליב דעם, וואָס אַלץ אין לעבן בייט זיך, דערצו נאָך זייער אימפּול־סיוו, איז אינטערעסאַנט אַ מאָל אַ טראַכט צו טון אין דער הייך וועגן דעם מהות און מאָראַלישן פּאַרנעם פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ פון היינט, פּאַראַלעל צו דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ פון אַמאָל.

די אַמאָליקע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, דוכט מיר, איז כאָטש טיילווייז, אויב נישט אין גאַנצן — געווען אַן אידעאַליסטישע. אַ מעדיצין־דאָקטאָר, למשל, איז נישט אַלע מאָל און אויסשליסלעך געווען פּאַראינ־טערעסירט דער עיקרשט, אין זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן, וואָס זיין פּראַקטיק האָט אים גורם געווען. אין אַ סך פאַלן איז ער גאָר, אין קעגנ־טייל, געווען אַ מסתפק במועט און אויסשליסלעך פּאַראינטערעסירט אין דעם וווילזיין פון זיין פּאַציענט, וועמען ער האָט זיך, נישט זעלטן, איבער־געגעבן בלב ונפש, אָפּגעזען פון זיין אייגענעם פּראָפיט דערפון.

— איך דערלייג נישט דערצו מיין באַבעס ירושה — האָט מיר אַ מאָל דער היגער ד״ר לעאָ בלעסס ז״ל דערקלערט — דערמיט וואָס איך באַ־האַנדל אַ סך פון מיינע פּאַציענטן אָן אָפּצאָל. איך טו עס צוליב פאַלגנדיקע טעמים: ערשטנס, צוליב ריין הומאַניטאַרע צוועקן. צווייטנס, וואָס די מער פאַרמעגלעכע פּאַציענטן מיינע, באַצאָלן מיר, אומדירעקט, אויך פאַר די אָרעמע.

און געדענקען געדענקט זיך מיר, אַז אין זיין גאַנצער צאָלרייכער פּראַקטיק, האָט ער כמעט אַלע זיינע פּאַציענטן באַהאַנדלט, די וואָס האָבן יאָ געקענט באַצאָלן, פאַר דעם „הויכן״ אָפּצאָל פון 50 סענט, דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. די לעצטע יאָרן פון זיין גייסטרייכן און קאָלירפולן לעבן, שוין אין די צייטן פון דער אַזוי גערו־פענער פּראָספּעריטי אין אונדזער מדינה — פון איין ביז צוויי דאָלאַר פאַר אַ וויזיט. די אָרעמע פּאַציענטן זיינע, — און די זענען געווען אין דער מערהייט — האָט ער אַפילו באַזאָרגט מיט מעדיצין, וואָס ער פלעגט זיי פאַרשרייבן — פאַר וועלכע ער האָט אַליין באַצאָלט.

היינט איז עקסטרעם אַנדערש.

די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ האָט זיך קאָנטיק מתקנא געווען אין די פּראָפעסיאָנעלע געלטמאַכער, און אויף אַן אומגעלומפּערטן, גאָר

נישט איידעלן אופן, וואָס איז בפירוש אין ווידערשפּרוך צו דער עטיק פון זייערע פּראָפעסיעס, זיך אַ יאָג געטון נאָך מאַטעריעלע רייכטימער, רעקלאַמע, ווילטאָג און לוקסוס. צוליב דעם האָבן זיי זיך אויסגעטון פון יעדער מאָראַלישער פאַרפליכטונג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי זייערע מיטמענטשן, באַהאַנדלען זיי, נישט זעלטן, מיט גראָבקייט און אכזריות — דער פּועל־יוצא פון זייערע מאַטעריעלע אַפּעטיטן. זיי האָבן אַפילו אויך אָפּט דעם טרויעריקן מוט אין גאַנצן צו פאַרנאַכלעסיקן זייערע אָרעמע פּאַציענטן, אויב זיי קענען נישט נאָכקומען זייערע געלט־אַפּעטיטן.

ד״ר נ. ס. זאַלצמאַן איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט — אָן אויגן־דאָקטער. אין די אינטימע קרייזן פון זיינע אומצאָליקע פריינד און פאַרערער, האָט ער זיך גערופן מיט זיין היימיש־קליינשטעטלדיקן נאָמען — נתנקע.

ביים סאַמע אָנהייב פון זיין קאַריערע האָט ער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים פּראַקטיצירט אין זיין פּריוואַטער וווינונג אין שכנות מיט אַן אָפּגעלאָזענעם, אומריינעם גאַראַזש, און בלויז געחלומט פון האָבן אַ מאָל אַן אייגענעם קאַבינעט. זיינע השגות זענען נישט געווען קיין גרויסע.

ביים אָנפאַנג פון זיין פּראַקטיק, האָט ער זיך געשטעלט אַ באַשיידענעם פאַרדינסט. שוין דעמאָלט האָט ער זיינע אָרעמע פּאַציענטן באַהאַנדלט אַן אָן אָפּצאָל. און אַז ער האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען, זיך איינגעשטעלט אַ באַשיידענעם אויפנעם־קאַבינעט, און די פּאָפּולערע פילם־אַקטריסע, נאָרמאַ שירער, וועמענס קאָסאָקע אויגן ער האָט אויסגעגלייכט, איז צו אים אָנגעקומען ווי זיינע אַ פּאַציענטקע, איז ער אַזוי מבולבל געוואָרן, אַז ער האָט פּשוט נישט געוווסט וויפל איר צו רעכענען פאַר דעם וויזיט. ווען ער האָט ענדלעך באַשטימט זיין האָנאָראַר אין דער הייך פון 35 דאָלאַר, האָט ער אין זיין תמימות נאָך אַלץ געמיינט, אַז ער האָט איר גערעכנט צו פיל...

אַז דער גורל האָט אונדז ביידע צוזאַמענגעפירט, האָבן מיר זיך באַלד אינטים פאַרחברט און ער האָט מיך אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַן אמתער טאַטע, מיט אַ סך איינזעעניש און ליבשאַפט.

ביים באַהאַנדלען אַ קינד פון אונדזער אָרעמקייט, דורך דער אָנווענדונג פון מוסקול־טעראַפּיע, מיט דער הילף פון מעכאַניש־אָפּטישע מיטלען, האָט נתנקע געהאַט די פריידיקע איבערלעבונג פון אַ כהן ביי זיין עבודה, צי גאָר די איבערלעבונג פון אַ פּאָעט אינעם ברען פון זיין יצירה.

דער הויפּט־אינטערעס אָבער פון ד״ר ג. ס. זאַלצמאַן איז געווען זיין לאַנגיאָריקע טעטיקייט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ האָט ער זיך פולשטענדיק אויסגעלעבט, מיטן גאַנצן ברען און פיבער פון זיין נשמה. פאַר אָט דער באַוועגונג האָט ער זיך מקריב געווען ביזן סאַמע לעצטן אָטעמצוג פון זיין רייך און פרוכטבאַר לעבן.

מער ווי יעדער איינער יחיד דאָ אין שטאָט, איז ער געווען אינסטרו־מענטאַל ביים אָרגאַניזירן דעם היגן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות, ווען דער היגער ישוב האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו פאָרמירן און זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס.

מיטן כוח און דער דינאַמיק פון זיין פערזענלעכקייט האָט ער אין אָט דער באַוועגונג אַריינגעצויגן אַ צאָל רייכע אַסימילירטע און האַלב־אַסימי־לירטע, ביז גאָר אָפּגעפרעמדטע ייִדן, און בלויז אַ דאַנק זיין פּערזענ־לעכער באַמיִונג זענען זיי מיט דער צייט אויך געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער כוח, לטובת דעם אויפבוי פון מדינת ישראל.

ווי דער ערשטער, פּריווילעקער, דערפאָלגרייכסטער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירנדיקער חבר פון אָט דער באַוועגונג, האָט ער יאָרנלאַנג פאַרנאַכ־לעסיקט זיין אייגענע פּראַקטיק, אַפילו זיין געזונט — און אין די ערשטע יאָרן פאַרוואַנדלט זיין אייגענעם אָפיס, אין דעם קאַמפּיין־אָפיס פון דער היגער הסתדרות־באַוועגונג.

אַ דאַנק דער אַקטיוויטעט זיינער, האָט ער געהאַט די זכיה צו זיין דער פאָרזיצער פון אַ גאָר גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין היגן פילהאַר־מאָניק, מיטן אָנטייל פון פּראָפ. אַלבערט איינשטיין, און שפּעטער — ביי דער פרײדיקער עטאַבלירונג־פייערונג פון מדינת־ישראל, אין אונדזער זעלטן־שיינעם און רחבותדיקן האָליווּד־באָלל, וואָס האָט אַרויסגערופן גענוג קנאה ביי אַ היפּשער צאָל פאַרטיי־חברים זיינע.

געבענטשט פון דער נאַטור מיט אַ גוטן כאַראַקטער, תמיד מיט לאַכנ־דיקע אויגן, האָט ער זיך אַלע מאָל מקריב געווען לטובת הכלל. זיין צדקה, מתן בסתר, לטובת אַ גרויסער צאָל יחידים — איז אָבער פאַרהוילן אונ־טער טויזנט שלעסער און וועט שוין קיין מאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט. בלויז דער היגער גמילת־חסדים־פאַראיין אַליין, ווייסט צו דערציילן פון זיין אַרכיוו, וויפל שווערע טויזנטער דאָלאַרן נתנקע

זאַלצמאַן האָט אויסגעצאָלט פֿאַר אַ צאָל אומדאַנקבאַרע מענטשן, וועמענס וועקסלען ער האָט אונטערגעשריבן און פֿאַר זיי געטראָגן די אחריות.

אין אָט דעם זין, איז דער פּראָפֿעסיאָנעלער ד״ר ג. ס. זאַלצמאַן געווען אַ יחיד במינו, אַ זעלטענער אויסנאָם צווישן דער היינטיקער פּראָפֿעסיאָנעלער אינטעליגענץ, וואָס האָט, אין איר גײַיִעג נאָך ביליקער רעקלאַמע און מאַטעריעלע רייכטימער, כמעט ווי פֿאַרלוירן דעם צלם אלוקים.

אַ דאַנק זיינע אינטימע פֿאַרבינדונגען מיט די מנהיגים פֿון דער הס־תדרות און איצטיקע רעגירונגס־פֿירער, פֿריִער און נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת ישראל — האָט צו אים נישט איין מאָל אַ ווונק געטון דער רייץ, זיך צו באַזעצן אין מדינת ישראל און אפֿשר גאָר אַליין ווערן איינער פֿון אָפּטע, פּראָפֿעסיאָנעלע שליחים אין גלות. קיין מאָל אָבער און אונטער קיין שום אומשטענדן, האָט ער נישט געוואָלט, און זיכער אויך נישט געקאָנט, מסכים זיין דערצו.

— פֿאַר וואָס נישט ? — האָב איך נישט איין מאָל אים באַלעסטיקט מיט אָט דער נאַרישער פֿראַגע מיינער.

— צוליב דעם פּשוטן טעם — האָט ער אָפֿנהאַרציק געזאָגט — ווייל איך קען דאָ זיין מער נוצלעך פֿאַר דער הסתדרות און מדינת ישראל, ווי דאָרט.

אַזוי האָט ער זיין אויסגעהאַלטנקייט דערפֿירט ביז צו זיין לעצטן אָטעמצוג. און ווייל זיין אידעאַל איז געווען עולה צו זיין קיין ישראל און אין דעם פֿאַרהעלטנישמעסיק קורצן שפּאַן פֿון זיין לעבן האָט ער עס ליידער נישט באַוויזן צו טון, איז זיין לעצטער ווונטש — צו קומען צו קבורה אין דגניה — יאָ מקוים געוואָרן.

באַלד נאָך זיין פּריצייטיקער פּטירה, האָט מען זיין קערפּער אַריבער־געפֿירט קיין דגניה ווו ער איז איינגעזאַמלט געוואָרן אין זיין פֿאָלק מיט דעם געהעריקן כבוד, ווי ער האָט זיך עס כשר פֿאַרדינט.

ראובן לודוויג

אין דעם קאַלטן מערב פון קאַנאַדע, אויף דער שוועל פון מיין דער־וואַכונג ווי אַ פּאָטענציעלער שריפטשטעלער — האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט אין זיך אַ בענקשאַפט נאָך מיין שפּעטערדיקן בן־עיר, חבר און פריינד, דעם פּאָעט ראובן לודוויג.

ביי דעם פילפאַרביקן אויפליכט פונעם צפון־ליכט־ווונדער, האָב איך צום ערשטן מאָל פאַר זיך דערזען און געפילט זיין אומרו, וואָס האָט צו מיר גערעדט דורך זיינע לידער — די לידער פון ראובן לודוויג.

ווען דער גורל האָט מיך שפּעטער מיט אים צונויפגעבראַכט, בין איך אַ פאַרכישופטער געשטאַנען פאַר אים, פאַר ראובן לודוויג.

פון דער נאַטור זייער אַ שטאַלצער יונגערמאַן, מיט צוויי ברענענדיקע אויגן — דער ווידערשפּרוך צו דער איינגעפאַלנקייט פון זיינע באַקן — האָט ער מיך כמעט ווי צוגעשמידט צו זיך מיט זיין פּערזענלעכקייט, מיט זיין שפּילעוודיקן, געזונטן הומאָר און קלוגער האַלטונג.

און אַז איך האָב אים געדריקט די האַנט ביים אַוועקגיין, בין איך גע־ווען באַהערשט פון אַ געפיל, אַז היינט־מאָרגן וועל איך אים ווידער טרעפן און אַלע מאָל ליב האָבן.

אַזוי איז עס אויך געווען.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג צו אים אַרויפקומען אויף דעם בערגל אין זיין באַשיידן דירהלע, וואָס זיין פאָטער, דער תלמיד־חכם, האָט פאַר אים אויפגעבויט, האָט ער, דער חולה מסוכן, אויפגעלויכטן מיט יום־טוב. מיט ליידנשאַפט און ברען גערעדט וועגן אַלץ און אַלעמען, אָבער זעלטן וועגן זיך און וועגן זיין ליד! — פאַר וואָס?

ווייל ראובן לודוויג, אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט צווישן אונדזערע, דאַן נאָך יונגע שריפטשטעלער, האָט אייגנאַרטיק מאָדנע רעאַגירט אויף זיין אייגן לעבן און די ליידן זיינע:

— קראַנק זיין, — פלעגט ער באַטאָנען מיט טעמפּעראַמענט — איז נישט נאָר אַ ווייטאָג און אַן אומגליק, נאָר אויך אַ בושה...

וער נאָך, ווי ער, האָט אַזוי עקשנותדיק פאַרבאָרגן פאַר דער וועלט זיינע פיינלעכסטע יסורים? מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער זיך יעדעס מאָל באַמיט צו דערשטיקן אין זיך אַ הוסט אין יענעמס אַנוועזנהייט. אַז ער

האָט זיין הוסט מער נישט געקענט קאָנטראָלירן, האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין זיין וואַשצימער און ביחידות אויסגעשפּיגן דעם איבערבלייב פון זיינע צעלעכערטע לונגען...

אין די ערגסטע מאָמענטן פון זיין צעבראָכן לעבן, ווען דער שאָטן פון טויט האָט אים מוראדיק פאַרפאָלגט, האָט ער, דער ריז אין הויט־און־ביין, אין געשטאַלט פון אַ מענטש, אַ דיכטער — אויף אַ לצנישן אופן אימי־טירט, איראָניזירט און געחוזקט פון דעם און פון יענעם, וואָס פאַראַדירט אונטערן אויסרייד פון אַ פאַלשער פּרעטענזיע.

פרעמד איז אים געווען דאָס געפיל פון צביעות. און בלוטיק אייגן — דאָס געפיל פון יושר, וואָס האָט אים באַגלייט ביז צום קבר.

אויב ראובן לודוויג האָט זעלטן ווען גערעדט וועגן זיך, האָט ער אָבער גערן געשמעסט וועגן ליטעראַטור און אירע פאַרדינסטפולע שרייבער.

ער איז אויך געווען פון די ווינציקע דיכטער אונדזערע, וואָס ווילן נישט און באַדאַרפן אויך נישט — לויט זיינע אָנשויונגען — זיך באַנוגענען מיט זייערע אייגענע שאַפונגען:

— מיר מוזן זיך לערנען פון אַנדערע שרייבער — די פאַרגייער אונ־דזערע.

ביז די סאַמע לעצטע טעג פון זיין יונג לעבן, האָט ער נאָכגעפאָלגט די אַמעריקאַנישע און יידישע ליטעראַטור. און באַקאַנט איז אים געווען יעדער ניואַנס פון אונדזער ליד אויף יידיש־לשון.

פון אַלעמען האָט ער געוווּסט, און יעדן איינעם מיט אַ פּנים, באַזונדער געדענקט.

און אויב ער האָט נישט געהאַט קיין גוט וואָרט וועגן אַ יונגן פּאָעט, האָט ער קורץ און קלוג באַמערקט: „איך וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין ליד".

און אַז עמעצער האָט אָנגערירט זיין אייגענע סטרונע, די סטרונע פון זיין אייגענעם שאַפן — האָט ער זיך מאָדנע פאַרוואָלקנט. און הגם אַ דורכ־געלויכטענער פון גלויבן אין זיינע אייגענע דיכטערישע כוחות, האָט ער, אין זיין גרויס באַשיידנקייט, אַראָפּגעלאָזט מיט איינגעהאַלטענעם צער זיינע אויגן.

— איך וואָלט שוין געקענט אַרויסגעבן אַ בוך — האָט ער מיר איין מאָל פאַרטרויט — איך קען אַפילו קריגן אַ פאַרלעגער אויך, אָבער, דאָס איז נאָך נישט אַלץ... פון מיינע פריערדיקע לידער בין איך שוין לאַנג

אַרויסגעוואַקסן — איך זאָג זיך אָפּ פון זיי... (ביים אַרויסגעבן זיין איינציק בוך לידער, באַלד נאָך זיין פּטירה, האָט די רעדאַקציע פון דעסטוועגן יאָ אַריינגענומען די פון אים אויסגעבראַקירטע לידער).

און אַז מיין ווייניקייט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם גאָר פיינעם אָנהייב זיינעם אין פּראָזע (די קרעפטיקע דערציילונגען זיינע אין „טאָג״), האָט ער אומגעריכט, מיט פאַרדרוס, צו מיר אַ זאָג געטון:

— ס׳איז גאָרנישט נישט ווערט, ס׳איז נישט מיין זשאַנער... צוליב אַ פּאָר לומפּיקע דאָלאַרן, האָב איך עס אויפגעשריבן...

ראובן לודוויג איז געווען זייער עמפּינדלעך. און הגם ער האָט זיך מיט זיין אומגליק, די קראַנקייט זיינע: גאַלאָפּירנדיקער טובערקולאָז — געשעמט, זיך געשטיקט בחדרי־חדרים, און ביז דער לעצטער מינוט זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע קאַפּריזן, וואָס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

אָט איז אַ ביישפּיל: לודוויג האָט זייער נישט ליב געהאַט צו הערן, ווי אַ פרעמדער מענטש אַדרעסירט אים ביי זיין ערשטן נאָמען.

— האַסטו געזען אַזוינס — האָט ער מיר איין מאָל פאַרטרויט — ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, רופט מיך ראובן... אָט, פונקט ווי איך וואָלט מיט זיי געגאַנגען אין איין חדר.

— און טאָמער איז דיר דאָס קאַרג — האָט ער ווידער געטענהט — האָט זיך שוין געיאַוועט אַ יידל, וואָס רופט מיך ראובעלע!...

אַזאַ האַנדלונג מצד אַ פרעמדן מענטש, האָט אים פּשוט אויפגעטרייסלט, דענערווירט.

זיין אָפּגעזונדערט לעבן האָט אים גוואַלדיק רויִנירט.

ער האָט ליב געהאַט די וועלט, אירע מענטשן. שטענדיק האָט ער גע־בענקט נאָך דער סביבה פון חברים.

און אַוועק איז ער פון אונדז מיט אַ סך ווייטאָג און פאַרדרוס אויף די חברים זיינע אין ניו־יאָרק.

— אַז איך בין געווען געזונט און שטענדיק מיט זיי צוזאַמען — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר אין זיינע גאָר לעצטע טעג — האָבן זיי זיך מיט מיר געחברט, געמאַכט מיר אַפילו קאָמפּלימענטן פאַר מיינע לידער, מיט מיר גוט פאַרבראַכט. אַז איך בין פון זיי אַוועק אַ קראַנקער, עקזיסטיר איך פאַר זיי נישט מער. זיי האָבן מיך ביים לעבן שוין פאַרגעסן!...

צוליב זיין מאָדנער אויפפירונג — דאָס מבטל זיין די קראַנקייט פון איין זייט, און זיין שפּילעוודיקע לעבעדיקייט פון דער אַנדערער זייט — האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, הגם די שטימונג פון זיינע באַקאַנטע, איז געווען אַ געדריקטע. דאָס האָט זיך אָבער גענומען פון צופיל ליבשאַפט און פאַרערונג, לויט זיין אייגענער אויפפאַסונג, וואָס האָט אים אַגב זייער געערגערט.

שעהן לאַנג פלעג איך ביי אים אָפּזיצן, אָפּט מיט אים רעדן, און נאָך אָפטער — מיט אים מיטשווייגן. נישט וויסנדיק אַז דער פינאַל פון זיין לעבן איז אַזוי נאָענט.

אַ יאָר נאָך דער פּטירה בין איך פאַריתומט געזעסן קעגנאיבער זיין, אין גראַז פאַרוואַקסן, שטיבל, און מיט פאַרגאַסענע אויגן זיך געשטיקט מיט זיינע „געזאַמלטע לידער״, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק, מיט דער הילף פון אַ פאָנד, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אויסשליסלעך דאָ, אין מיין „שטאָט פון מלאכים״, ווו ער איז געקומען צו קבר ישראל.

ל. מאַטעס

יעדעס מאָל ווען איך האָב געקוקט אויף זיין בילד, האָב איך זיך אויפגערעגט, ווייל ער איז געווען ענלעך צו אַ מענטש, וואָס האָט ביי אונדז אין וויניפּעג געפירט זייער נישט קיין אַנשטענדיק לעבן...

אַזוי גיך אָבער ווי איך האָב ל. מאַטעסן באַגעגנט ביים וואַקזאַל אין דרום־קאַליפאָרניע, האָט זיך פון מיר אָפּגעטון דער שאָטן פון דעם קאַנאַדער גאַסניונג, און אַ דורכזיכטיק ריינער איז פאַר מיר געשטאַנען דער יונגער דיכטער ל. מאַטעס, וועמענס אויגן האָבן מיך אַרומגענומען רחמים־דיק, עניוותדיק, ווי אַן איש תם וישר.

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, ביי וועמען די ליטעראַטור פאַרנעמט דאָס צווייטע אָרט אין זיין לעבן.

דער גאַנצער שמועס אונדזערער האָט זיך געדרייט אַרום איין פּינטעלע: יידישע ליטעראַטור־ווערטן.

דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן נישט נאָר אויף אַ פרעמדער ערד,

נאָר הויפּטזעכלעך אין אַ דורכויס פרעמדער סביבה, ווו אים אַליין איז שווער געווען צו זיין. און מיר — נאָך טויזנט מאָל שווערער צו אים צו קומען.

די ערשטע צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט ל. מאַטעסן, האָב איך זיך געהאַלטן דערווייטערט פון אים. צום גליק האָט אָבער מיין האַלטן זיך דערווייטערט פון אים, לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

אונדזערע חברישע חשבונות האָבן זיך אָבער דערפאַר אין גיכן אויסגעגלייכט און באַלאַנסירט צו אַ פערמאַגענטער, אינטימער חברשאַפט, צו אַזאַ גראַד און מדרגה, אַז מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען כמעט אַלע טאָג.

אַזוי אַרום זענען מיר אין גיכן געוואָרן איבערגעגעבענע חברים, ביז זיין פּטירה, אין גאָר אַ יונגן עלטער, אין דער היגער ל.אַ. יידישער סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָז־קראַנקע.

מען קען נישט זאָגן, אַז די נאַטור, דאָס לעבן, איז געווען מילד צו ל. מאַטעסן. עס קען דעריבער זיין, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז געווען געצוווּנגען צו פירן אַן איזאָלירט לעבן, איז ער פון איין זייט געווען אַ מתמיד און פון דער אַנדערער זייט — אַן עניו.

דורך דעם ליכט פון זיינע אויגן האָט גערעדט זיין עניוות.

דורך די פינף ביכער זיינע — זיין התמדה.

זיין אָפּגעזונדערט לעבן האָט זיך נישט נאָר אויסגעווירקט אויף דעם גייסט פון זיין שאַפן, ווו ס'איז אָפט מאָל געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין טעמאַטיק (זע, זיין „דער ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פּלאָג" און „אַ יידישע טראַגעדיע"), נאָר אויך געהאַט אַ באַזונדערן איינפלוס אויף זיין גאַנצער לעבנס־עמפּפינדלעכקייט, וואָס האָט זיך טיילוויז קאָנקרעטיזירט אין זיין נאַיווער באַציונג צו מענטשן, זאַכן און געשעענישן, צוליב דער פּערספּעקטיוולאָזיקייט פון שטח און פון לעבנס־דערפאַרונגען מיט מענטשן, זאַכן און געשעענישן.

ל. מאַטעס האָט אויסגעווייטיקט זיין ליד ביי זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען. דערפאַר איז זיין ליד באַזעלט מיט דעם דורכזיכטיקן ציטער פון אַ ליידנדיקער נשמה. זיין ליד איז אָן ספק געווען זיין איינציקע טרייסט פאַר אים אין זיין טראַגיש לעבן — דער זין פון זיין לעבן.

און געווען איז ל. מאַטעס אַ מענטש מיט כאַראַקטער, און כאָטש

טראַגיש קראַנק, אָן דער מינדסטער האָפענונג אויף אַ טיילווייזער בע־סערונג, איז ער דאָך געווען אַ ליידנשאַפטלעכער דעבאַטאַנט. אונטער אַלע אומשטענדן איז ער גרייט געווען זיך איינצושטעלן פאַר זיינע אמתן, הגם ער האָט גוט געוווסט דעם פּרייז, וואָס ער וועט דערפאַר מוזן באַצאָלן.

מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט, ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ היצי־קער דיסקוסיע אויף זיין קראַנקנבעט, וועגן אונדזער וועלטלעכער שול און דערציִונג. ער האָט זיך אַזוי געהיצט און אויפגערעגט, אַז ער האָט דערנאָך אָפּגעקרענקט אַ לענגערע צייט, ליידנדיק דערביי פון אַ שוידער־לעכן בלוטשטורץ.

אין דער קעגנוואַרט פון דעם דיכטער ל. מאַטעס, האָט תמיד געפּי־בערט אונדזער יידיש וואָרט, דאָס גייסטע וואָרט אין דער יידישער ליטע־ראַטור.

מיט זיינע גאָר באַגרענעצטע און לעצטע כוחות, האָט ער זיך געריסן צו דעם אויפגאַנג פון יידישן ליד און מיט זעלטענער חדוה באַגריסט יעדע נייע דערשיינונג אין אונדזער קולטור־וועלט.

זיין ערשטן באַנד לידער „אָפענע טויערן", האָט ער אַליין באַצייכנט ווי „די ערשטע גראַמען מיינע". מיט זיין נייסטן לידער־בוך „סטודיאָ" האָט ער באַצייכנט זיין „צען־יאָריקן יוביליי פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט".

איך, ווידער, האָב געהאַלטן, אַז ער, ל. מאַטעס, האָט ערשט אָנגעהויבן מיט זיין „וויסער פּרינץ" אָדער מיט זיינע „מאָמענטן".

איך האַלט, אַז די חטאת־נעורים אונדזערע, באַדאַרפן כלל נישט גע־נומען ווערן אין אַכט. יעדן טאָג, מיט יעדן ניי־געשאַפענעם ליד — הייבן מיר אָן פון אָנהייב.

ל. מאַטעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט באַוויזן סימנים פון קאָנצענ־טראַציע, קאַרגשאַפט אין רייד, אין די רייפערע לידער זיינע („מאָמענטן" און „וויסער פּרינץ"). אָט די לידער פון די דערמאָנטע צוויי ביכער זיינע, זענען עס געווען אַ פריידיקע און כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פאַר אים.

דער שטריך פון וואָרט־צעשוומענטקייט איז אגב דאָן בכלל געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער זיך באַנייענדיקער יידישער דיכטונג אין אונ־דזערע מקומות.

צימצום פון וואָרט מיינט: געבן אַ מאַקסימום דיכטונג אויף דעם מעגלעכסט קירצסטן אופן. איבערפלוס פון רייד אין דיכטונג מיינט: געבן

אַ מינימום דיכטונג, אָפּט אַן אויסגעטראַכטע, אַ ליגנערישע, אין דער פאַרוואַסערטער פאָרעם פון באַרעדעוודיקייט.

צוליב דעם האָב איך דאַן באַטראַכט דעם נייסטן שטריך אין די לידער פון ל. מאַטעס, דער שטריך פון קאַרגשאַפט אין רייד אין די לידער זיינע, פאַר דעם וויכטיקסטן איבערגאַנגס־מאָמענט אינעם פּראָצעס פון זיין צענ־יאָריקן שאַפן.

אַזאַ שטריך דאַרף באַגריסט ווערן אין יעדן דיכטערס שעפערישע מעשים באַזונדער, ווי אַ מדרגה פון דיכטערישן ווּקס.

צום אומגליק איז ל. מאַטעס געשטאָרבן זייער יונג. צוליב דעם האָט ער נישט זוכה געווען צו דערפירן זיין ליד צו דער געוווּנטשטער שלימות.

מרדכי מילער

א

— איר ווייסט, איר געפעלט מיר... לאָמיר זיך באַקענען. מיר וועלן זיין גוטע חברים — מיט וועלן זיך פאַרשטיין.

— יאָ, — האָט ער האַלב שעמעוודיק געשמאָלט — מיין נאָמען איז מילער, מרדכי מילער.

און פאָרגעקומען איז עס אין דעם יאָר 1914 בעת אַ פאַרזאַמלונג פון יוגנטלעכן „יידישער סאָציאַליסטישער זעלבסטבילדונג־פאַראיין” אין דער פּילפאַרביקייט פון מערב־קאַנאַדע, אין וויניפּעג.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ צעפלאַמט, מיטלוווּקסיק בחורל, מיט גרויסע, כמעט פאַרטרערטע אויגן, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט דעם ברען און יוגנטלעכן אומרו — בשעת ער האָט זיך אַליין פאַר מיר פאָרגעשטעלט.

איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז דער גורל וועט אונדז אויף תמיד פאַרקניפּן אין אַן איידעלער, אינטימער חברשאַפט. איך געדענק אפילו נישט, צי ער איז מיר דעמאָלט יאָ, צי נישט געפעלן געוואָרן. דאָס בלוט האָט מיר אָבער דאַן אַ שלאָג געטון אין פּנים מיט אַ גאָר מאָדנער וואַרעמקייט. און אין מיר האָט עפּעס, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, אַ ציטער

געטון, אין דער ווייסקייט פון יענעם דעצעמבער־אָוונט. דאָס, זעט איר, געדענק איך יאָ.

אַ ביסל לענגער אין לאַנד, גלייכצייטיק אויך אַ ביסל עלטער פון מיר, האָב איך אויף אים דאַן געקוקט מיט גרויס אַפשיי. מיט אַ מאָל האָב איך אינסטינקטיוו, אין זיך, דערפילט אַ מיסטישע קרובהשאַפט צו אים, וואָס האָט זיך מיט דער צייט באַשטעטיקט און אויסגעפּנימט אין אַ דויערהאַפ־טיקער און פּערמאַנענטער צוגעבונדנקייט איינער צום אַנדערן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיינע טעג.

איך האָב זיך געדולדיק צוגעהערט צו אַלע זיינע פּלאַפּלערייען, באַדנדיק זיך דערביי אין דער מילדקייט און שמייכלדיקייט פון זיינע באַ־זונדערס לעבנסלוסטיקע אויגן.

פון דער נאַטור זייער אַ סענטימענטאַלער און באַרעדעוודיקער, ענלעך צו אַ פרוי וואָס קען קיין סוד נישט האַלטן — איז ער גלייכצייטיק געווען באַזעלט מיט דער האַרציקייט פון אַ מין רויען, אָבער שטימונגספולן און איידעלן פאַלקסמענטש, וואָס האָט זיך אין די ערשטע טעג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט פּאַר מיר אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע שפּילעוודיקייטן פון אַ יונגן מענטש, מיר אַפילו פּאַרטרויט, אַז ער האָט שוין אַ געליבטע — אַ מיידל אין זיין עלטער.

אַז איך בין זונטיק צו אים געקומען צו גאַסט און „זיין" מיידל איז דאָרט אויך געווען, האָב איך קאַנטיק אויף איר געמאַכט אַ פּאַרקערטן איינדרוק. די שטימונג ביי אים האָט זיך אַ דאַנק איר באַציִונג צו מיר, באַלד געביטן. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט, זיך אַפילו נישט אַנטשולדיקט — און באַלד מיט מיר אַליין אַוועק שפּאַצירן, איבערלאָזנדיק „זיין" מיידל מיט דער גוטער מאַמען זיינער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון איר בלויז דערפאַר, וואָס איך בין איר נישט געפעלן.

צווישן מיר און איר — האָט ער מיך אויסגעקליבן.

ב

פון זיין פּריסטער יוגנט אַן איז מרדכי מילערן אויסגעקומען צו זאָרגן פאַר זיין אייגענעם קיום, נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך אויף אַלע אַנ־דערע געביטן פון זיין צערפולן לעבן.

מיט דער קראַפט פון אַ גיבור, אַ נסתר, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זיין פאַרוואָרלאָזטער סביבה פון עם־הארצות און גייסטיקער אומבאַהאָלפּנ־קייט — און מיט דעם כוח פון זיין אייגענער איניציאַטיוו זיך דערהייבן צו דער זעלטענער מדרגה פון אַן אידעלן אידעאַליסט, וועמענס האַרץ האָט געשלאָגן מיט אַ געפיל פון אמת, יושר און שיינקייט.

אין עלטער פון 16—17 יאָר, ווען ער האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעריסן פון דער דערמאָנטער סביבה, האָט ער שוין באַוויזן צו זיין איינער פון די אָנפירער פון דערמאָנטן „זעלבסטבילדונג־פאַראיין", אין וועלכן ער און זיינע חברים האָבן זיך געלערנט פירן אַ יושרדיק לעבן לויטן מוסטער, באַ־גריפן און באַדינגונגען פון יענער צייט און סביבה.

אמת, זיין ערודיציע איז געווען אַ באַגרענעצטע. לויט די אומשטענדן פון זיין אַנטוויקלונגס־גאַנג אין זיין לעבן, איז ער אָבער אין זיין גרויס־מענטשלעכקייט אַריבערגעוואַקסן די גרענעצן פון ערודיציע, און זיך אַליין באמת דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ זעלטענעם פּשוטן פאָלקסמענטש, פון וועמענס עכטקייט, האַרציקייט און יושרדיקן לעבן, ציט יעדער קינסט־לער זיין יניקה און אינספּיראַציע פאַר דעם קינד פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס דינט אונדז צומאָל ווי אַ מוסטער פון אַ געזונט, יושרדיק און אידעאַל לעבן צווישן מענטשן אויף דער ערד.

ג

פון דער נאַטור אַן אומרויִקער, מיט אַ געזונטן חוש פון אַ פאָלקס־מענטש פאַר דעם שיינעם און אידעאַלן לעבן, האָט מרדכי מילער, על פּי לאָגיק, געמוזט אַנטלויפן פון לעבן אָדער לכל הפּחות געפינען אַ מיטל אויף אויס־צודריקן זיינע סענטימענטן פון פאַרצווייפלונג, שטימונגען, רעיונות, פאַנ־טאַזיעס און פּראָטעסט קעגן די עוולות אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן; דערמיט ווי פאַרשיכורן זיין באַוווסטזיין, וואָס האָט שטאַרק געליטן פון יעדער אומרעכט אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זיין אייגענעם קיום.

און געליטן האָט ער מער ווי ער האָט געקענט פאַרטראָגן.

האָט ער פיינט געהאַט דעם קרעמער — מוז ער אָבער פאַר אים שאַכער־מאַכערן, ווי דער פאַרמיטלער צווישן אים און זיין קרבן — דעם קונה, פאַר אַ הונגער־לוין.

ווערט אים נמאס דער ענין פון שאַכער־מאַכער — אַנטלויפט ער צו העברי פאָרד אין אַ פאַבריק, אַזש קיין דעטרויט.

ווערט ער דאָרט קראַנק פון אָנגעשטרענגטער פיזישער אַרבעט, צו וועלכער ער איז נישט געווען צוגעפּאַסט — גילגולט ער ווידער אויף אין דער שטיקנדיקער סביבה פון קליין־קרעמעריי.

ווערט אים ווידער נמאס קליין־קרעמעריי, ווייל ער האָט עס פיינט בתכלית השנאה — אַנטלויפט ער אין אַ מינע און קומט, ווי געווײנלעך, אויך פון דאָרטן צוריק „מיטן בייטשל״ (מילערס אַן אויסדרוק).

איז ער אַ געוויסנהאַפטער קעגנער פון קריג — צווינגט מען אויף אים אַרויף די „סאָלדאַטשינע״ און מ׳פאַרשיקט אים אויף אַן אינדזל אַרום האַליפאַקס...

וואָס זשע איז דער אויסוועג פון אָט די פּיינלעכע, להכעיסדיקע אומ־שטענדן ? דאָס ליד!

ד

מרדכי מילער הייבט אָן זיין ליד אין אַ צייט פון יוגנטלעכן אויפברויז, דורכגעוועבט מיט ראָמאַנטישע שטימונגען און זיסן טרויער.

שוין אין יאָר 1917 קומט ער אַרויס מיט זיין ערשטן לידער־בוך „פּערל״. דאָרטן טראַכט ער שוין זייער פּעסימיסטיש וועגן דער „מענטש־הייט״. ער פּרוווט שוין דאָרט מאָלן, נאַטירלעך, אויף אַ נאַיוון אופן, „אַ מלחמה־בילד״, נאָך איידער די וואַקכאַנאַליע האָט אים אַליין אַריינגעצויגן אין איר נעץ פון הריגה און פאַרניכטונג.

אין יאָר 1919 האָבן מיר ביידע פאַרווירקלעכט אונדזער בשותפות־דיקן יוגנט־חלום : פאַראייביקן אונדזערע (נאַיווע) לידער, אין געמיינזאַמע טאָוולען.

מיר גיבן אַרויס אונדזער בוך „צוויי וועלטן״, אין וועלכן ער, מרדכי מילער, לויכט אויף מיט זיין „זון און בענקשאַפט״, אין וועלכן די מאָ־טיוון זיינע האָבן זיך בלויז טיילווייז, אָבער נישט שטאַרק געביטן.

די נייקייט דאָרט באַשטייט הויפּטזעכלעך אין עטלעכע פּאָגראָם־מאָ־טיוון און מלחמה־לידער. די ראָמאַנטיק ווידער, איז די זעלבע וואָס פריער, אָבער אַ מער בולטע.

אין יאָר 1927 טרעט ער אַרויס מיט זיין בוך „סילועטן", אין וועלכן ער זוכט דורך „חורבן", זיין „סך הכל". און ער קומט דאָרט צו דעם טרויעריקן, ביז דאָן, פינאַל זיינעם, אַז —

פון מיין אַרבעטס־לוין אַ גאַנצן טאָג,
אַ פּעקל סיגאַרעטס, צי אפשר מער —
אויף יעדן טאָג דער זעלבער סכום פון רויך.
עס לייגט זיך אויף מיין האַרצן רויכיק־שווער.

ה

ער יאָגט זיך אַרום אויף אַ מערב־קאַנאַדישער באַן און האַנדלט דאָרט מיט דעם סימבאָל פון זיין דערמאָנטן „סך הכל": סיגאַרעטן און ענלעכע אַרטיקלען — און ער שרייבט דורכויס שלעכטע, פּראָלעטאַרישע לידער...

שלעכטע פּראָלעטאַרישע לידער שרייבט ער דערפאַר, ווייל פון זיין נישט־פּאַרטיפּטער ליריק, אויף וויפל ער האָט זי באַהערשט, צי זי — אים, האָט ער אין דעם גילגול פון זיינע לינקיסטישע סימפּאַטיעס, זיך אַליין פון איר אַרויסגעשטויסן.

אָפּגעזען דערפון, וואָס מרדכי מילער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַרבעטער, איז ער אָבער אָרגאַניש, פּאָליטיש און אויך עקאָנאָמיש, מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג קיין מאָל נישט געווען דירעקט פאַרבונדן. צוליב דעם אפשר, האָט ער זיינע פּראָלעטאַרישע לידער, אויף דער פאַן פון פאַלשע, קאָמוניסטישע אילוזיעס, געזויגן פון די פינגער, אין קעגנזאַץ צו דער תמימות פון זיינע סענטימענטאַל־ראָמאַנטישע לידער, און זיין געוויסנהאַפטיקן איינשטעל לגבי די אומצאָליקע עוולות אין לעבן, אין אַלגעמיין.

זיין מענטשלעכקייט, וועגן וועלכער איך האָב אויבן גערעדט, איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ מוסטער פון זעלטענער איבערגעגעבנקייט און גוטסקייט. אָט איז איין ביישפּיל:

מרדכי מילער האָט מיך איין מאָל געטראָפן אין בעט אַן ערנסט קראַנקן. נישט געפינענדיק דאָס געהעריקע וואָרט מיט וואָס מיך צו טרייסטן, האָט ער זיך, נישט לאַנג טראַכטנדיק, אויף גיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעלייגט מיט מיר אין בעט.

— אַצינד, נאַריש פּנים — האָט ער מיר שמייכלענדיק אַ זאָג געטון — ועסטו שוין אַליין איינזען, אַז ס׳איז דיר גאָרנישט און דו האָסט זיך נישט פאַר וואָס צו שרעקן.

— וואַרט, וואַרט! האָט ער מיט אַ באַזונדערן חן צוגעגעבן — מיר וועלן זיך ביידע באַלד אויפהייבן פון בעט, אַרויס אין גאַס און פרעסן „סענ־דוויטשן" ווי נעכטן, און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר....

אַזאַ סאָרט מענטש איז ער געווען, מיין חבר מרדכי מילער.

מ. מ. ראָזענבאַום

צו זיין אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט און גלייכצייטיק אויך אַ באַוווסטזיניקער און וואַרעמער קעמפערישער ייד, ווי מ. מ. ראָזענבאַום איז עס געווען און פאַר־בליבן כל ימיו פון זיין באַוווסטזיניק לעבן, איז באמת אַ מדרגה, צו וואָס נישט יעדער איינער איז זוכה.

אַזוי גיך ווי מ. מ. ראָזענבאַום האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון בלוטיקן צאַריזם, האָט ער זיך נאָך מיט מער אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט לטובת דער רעוואָלוציע אונטערוועגנס, מיט דעם זעלטע־נעם עודף פון אַ באַוווסטזיניקן יידישן סאָציאַליסט, וואָס האָט דעמאָנסטראַ־טיוו געשטעלט דעם טראָפּ אויף צו זיין, האָבן געווען און פאַרבליבן אַ יידישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַלע מאָל גרייט צו ליידן און זיך איינשטעלן לטובת זיין פאָלק און זיינע נויטן.

פון דער נאַטור אַ זעלטן גוטער און איידעלער מענטש, מיט אַ סך איינזעעניש פאַר די לידן פון זיינע מיטמענטשן; זשוואַווּעדיק, באַרעדעוו־דיק; מיט אַ קאָמעץ־בערדל וואָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות, איז ער געווען זייער לייכט אויף די פיס און קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון מידקייט.

באַגעגנט האָב איך זיך מיט דעם זעלטענעם עניו מ. מ. ראָזענבאַום אין ווינעפּעג, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז געקומען אין די אינטערעסן פון זיין אינטימסטן, גרויסן חבר און לערער — ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס פּלאַנירטע ביכער.

די פריינדשאַפט צווישן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און מ. מ. ראָזענבאָום איז געווען אַ דורכויס אידעאַלע, אין אַ סך פּרטים ענלעך צו דער פריינד־שאַפט צווישן י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן.

ווי באַוווּסט, האָט יעקב דינעזאָן כּמעט ווי זיך אויפגעלייזט אַלס שריפט־שטעלער, צוליב זיין ענטוזיאַזם און עכטער באַציִונג צו י. ל. פּרץ.

מ. מ. ראָזענבאַום האָט אויך כּמעט ווי פאַרנייגט זיין פּערזענלעכקייט אינעם אָנגעזיכט און ליכט פון זיין גרויסן פריינד ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, כאָטש איןביידע פאַלן האָבן אי דינעזאָן אי ראָזענבאָום, פאַרמאָגט יחוס עצמו.

דינעזאָן — ווי אַ שריפטשטעלער, ליטעראַריש; ראָזענבאַום — געזעל־שאַפטלעך־אידעיִש, ווי אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער זעלבער באַ־וועגונג ווי זשיטלאָווסקי, ווי אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

אין דער ענלעכקייט פון די באַציִונגען צווישן דינעזאָנען און י. ל. פּרץ, און ראָזענבאָומען מיט זשיטלאָווסקין, מעג אָבער יאָ דערמאָנט ווערן איין אויסנאַמלעכער, אַפילו טעמפּעראַמענטפולער, גלייכצייטיק אָבער ווייטיק־לעכער אַרויסטריט פון מ. מ. ראָזענבאָום קעגן זיין חבר זשיטלאָווסקי, בשעת דער לעצטער איז, צו אַלעמענס איבערראַשונג און פאַרדרוס, געוואָרן דער פירשפּרעכער און ענטוזיאַסטישער פאַרטיידיקער פון באָלשעוויזם.

די עצם־מאָטיוון פון ראָזענבאָומס אַרויסטריט קעגן ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי, זענען נאַטירלעך פאַרוואָרצלט אין דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָלי־טיש־אַקטיוון סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס איז עקסטרעם אַנדערש פון די ליטעראַרישע אַקטיוויטעטן פון אַ שריפטשטעלער בכלל, דערצו נאָך פון אַזאַ סענטימענטאַלן שריפטשטעלער, ווי יעקב דינעזאָן בפרט.

אָט די דאָזיקע האַנדלונג קעגן זיין חבר און לערער זשיטלאָווסקי, מעג דאָ דינען ווי אַ שליסל צו זיין מאַגישער פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען דער היפוך פון זשיטלאָווסקיס פּערזענלעכקייט — אומבויגזאַם און אויס־געהאַלטן, ביז זיין לעצטן אָטעמצוג.

צוליב דעם אַליין — חוץ אַלע אַנדערע זכות־אָבותן זיינע — פאַרדינט ער אַ בכּבודיק אָרט אין דעם פאַנטעאָן פון אונדזערע אָנגעזעענסטע פּער־זענלעכקייטן, אין דעם אוצר פון אונדזער העראָיִשער געשיכטע.

די באַציִונג פון מ. מ. ראָזענבאָום צו מיין ווייניקייט, ווי אַ ייִנגערער חבר, אייגנטלעך, אַ שנעק לגבי אים — וואָס דאָן בין איך בלויז געווען אַן

ענטוזיאַסט פון זיין חבר זשיטלאָווסקי, וועמענס יידישיזם האָט מיך פשוט פאַרכאַפּט — איז געווען נישט נאָר אַן עכטע, נאָר דער עיקרשט אויך אַן אינטימע.

חוץ זיין באַגייסטערט רעדן מיט מיר וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, האָט ער מיר אַלע מאָל דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען אין די צאַרי־שע טורמעס בכלל, און אויף קאַטאָרגע בפרט. שפּעטער דערשינען אין אַ געדרוקטער פאָרעם, אין זיינע אינטערעסאַנטע צוויי בענדער „דעריגערונגען פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער״, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט פון ארץ־ישראל.

אָט איז אַן עפּיזאָד פון זיינע שמועסן מיט מיר: אין וויטן סיביר, האָט ער אויף קאַטאָרגע געהאַט אַ גאָר שווערע און טראַגישע איבערלעבונג, וואָס האָט זיין מוח און גייסט אויף אַזוי פיל פאַרטונקלט, אַז ער איז אַזש געווען כראָניש גערירט פון זינען.

אין אָט די מאָמענטן פון גאָרער עקזאַלטאַציע, האָבן זיך זיינע אויגן פאַרגאָסן מיט טרערן. זיין גאַנצע פיזיאָנאָמיע האָט אָנגענומען דעם כאַראַק־טער פון אַ געביטענער פסיכיק, באַגלייט פון ספּאַזמאַטישע קאָנווולסיעס, וואָס האָבן אין מיר גופא אַרויסגערופן אַ קעלט איבער מיין לייב, און גע־מאַכט אויפציטערן יעדעס אבר אין מיר.

באַלד נאָך דעם, זענען מיר ביידע אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שוויגן; ביידע זענען מיר באַהערשט געוואָרן פון אַ מעלאַנכאָלישער איבערלע־בונג, וואָס האָט אונדז פסיכאָלאָגיש אַרויסגעשטויסן פון אַ נאָרמאַלער באַ־גענעניש, אין שייכות מיט זשיטלאָווסקיס פּלאַנירטע ווערק.

מיט אַ צייט שפּעטער, נאָך זיין דערפאָלגרייכער אַקציע לטובת זשיטלאָווסקיס שריפטן, איז מ. מ. ראָזענבאַום אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו ער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ חלוץ. מיט זיין גוטהאַרציקייט און אייביקן ענטוזיאַזם, האָט ער באַשיינט דעם ישוב בכלל, און אונדזערע חלוצים בפרט, — די אמתע בויער און דעראָבערער פון דער היינטצייטי־קער מדינת ישראל.

חיים שאַפּיראָ

אין דעם גאַנג פון אונדזערע טעג, ביי די בעסטע דערגרייכונגען פון אונדזער ציוויליזאַציע און קולטור, ווען דער מענטש, ווי אַ יחיד אין אונדזערע מקומות, איבערהויפּט דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט, האָט זיך, אין זיין גייסטיג נאָך רייכטום, צוגעווינט צו אַ לעבן פון לוקסוס, — איז זעלטן ווען צו טרעפן אַ פּראָפעסיאָנעלן אינטעליגענט, וואָס זאָל זיין אַן אידעאַליסט און אויך גרייט זיין זיך מקריב צו זיין לטובת הכלל.

דער דורכשניטלעכער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט פון אונדזער צייט, יאָגט זיך בלויז נאָך כבוד.

זיין האַלטונג בין אדם לחברו איז גאָר אין ווידערשפּרוך צו זיין פּראָפעסיע, וואָס האָט לכתחילה גאָר געמיינט צו זיין אַן אידעאַליסטישע, וואָס ער פאַרשעמט, נישט זעלטן, מיט זיין האַנדלונג און אויפפירונג לגבי דעם פאָלקס־מענטש אין אַלגעמיין. אין זיין עכטער פשטות איז דער לעצטער גאָר גענייגט צו אים אַרויפצוקוקן מיט רעספּעקט, אַפילו פאַרערונג.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט מיין לאַנגיאָריקן פריינד, דעם אַדוואָקאַט חיים שאַפּיראָ, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, האָט ער מיך פשוט פאַרכאַפּט מיט זיין תמימות פון אַ פאָלקסמענטש, וואָס האָט אין דער אויפריכטיקייט פון זיין יידישקייט־באַוווסטזיין, דעמאָנסטראַטיוו פיגורירט אין דער פּראַקטיק פון זיין פּראָפעסיע אין די היגע געריכטן, אונטער זיין אָריגינעלן נאָמען: חיים, וואָס ער האָט ביז זיין לעצטן אָטעמצוג נישט פאַרביטן אויף אַ מער פאַסיקן ענגלישן נאָמען, ווי עס פירט זיך אין אונדזערע אימיגראַנטישע קרייזן.

אין זיין אומגאַנג מיט יידישע קליענטן, האָט חיים שאַפּיראָ קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון גרויסהאַלטעריי; אַלע מאָל זיך מיט זיי פאַרשטענדיקט אויף יידיש.

יידיש־לשון האָט אגב אין זיין מויל געפּערלט אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן, אין שענסטן זין פון וואָרט.

חיים שאַפּיראָ איז געווען אַ זעלטענער אוהב יידיש. אַ בויער פון יידישע שולן, קאָנסומענט פון יידישע ביכער, און בכלל אַ קאָנסטרוקטיווער מיטבויער און פאַרשפּרייטער פון גרויס־יידישע קולטור־ווערטן, אויף גאָר אַ סך פראָנטן.

יאָרנלאַנג איז ער געווען דער פאָרזיצער פון היגן ייוו"אָ, מיטגרינדער פון די פראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, פאָרזיצער פון הסתדרות־קאַמפּיין און אויך אַקטיוו אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און אין אַ צאָל פילאַנ־טראָפּישע אינסטיטוציעס.

חיים שאַפּיראָ איז געווען אַ זעלטענער אָראַטאָר. מיט זיין געבענטשטן רעדנער־טאַלאַנט האָט ער באַדינט און באַשיינט אונדזערע געזעלשאַפט־לעכע אונטערנעמונגען, באַזונדערס אָבער די היגע „שטאָט פון האָפענונג".

ווי איינער פון די פּיאָנערן פון אונדזער יידישן ישוב, דער סאַמע עלטסטער פון די ראשונים אין דער „שטאָט פון מלאכים" — ווען דער ישוב איז נאָך בכלל געווען אַן אומבאַדייטנדיקער, ביים סאַמע אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט ער דאָ געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע ווי אַן ענערגישער געזעלשאַפטלעכער טוער און דערלעבט דעם נחת צו זען אַ גוט־אָרגאַניזירטע קהילה, אַ פאַרצווייגט יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, צו וועלכן ער גופא האָט צוגעטראָגן זייער אַ סך, באַשיינענדיק יעדע אונ־טערנעמונג אַן אויסנאַם מיט זיין פּערזענלעכקייט, ווי אַ פירנדיקער חבר.

און אַז די צייט איז געקומען צו אָרגאַניזירן די היגע סאַנאַטאָריע — די איצטיקע „שטאָט פון האָפענונג" — און דער צופלוס פון טובערקולאָז־קראַנקע יידן איז געקומען פון אַלע שטאָטן און קאַנאַדע, איז דעמאָלט חיים שאַפּיראָ געווען דער סאַמע אַקטיווסטער מיטגרינדער, איינער פון די ראשונים, וואָס אַ דאַנק זיין ענערגיע, אָראַטאָרישן טאַלאַנט און ברייטהאַר־ציקייט פון אַ טיפּישן פאַלקסמענטש, האָט ער זייער אַ סך בייגעשטייערט ביים אָרגאַניזירן און איינשטעלן אָט די וויכטיקע, פילאַנטראָפּיש־מעדיצי־נישע אינסטיטוציע, באַזאָרגנדיק איר לעגאַלע זייט, ביים איינקויפן דעם באָדן אין דואַרטי. ער איז געווען געניג לעבהאַפטיק אויפצושטעלן די ערשטע לייוונטענע און הילצערנע געצעלטן, פאַראינטערעסירן אַ צאָל דאָקטוירים בייצושטייערן זייער באַדינונג און אַפילו טאָג־טעגלעך באַזאָרגן די נייטיקע באַשפּייזונג פאַר די פּאַציענטן, צונויפקלייבנדיק דאָס ביסל פּראָוויאַנט, צווישן דער נאָך דעמאָלט קליינער צאָל יידישע קצבים און קרעמער.

צווישן די דירעקטאָרן פון אָט דער וואַקסנדיקער, איצט שוין נאַציאָ־נאַלער אינסטיטוציע, איז חיים שאַפּיראָ געווען דער איינציקער יידיש־רעדנדיקער דירעקטאָר, וואָס האָט זיך אַלע מאָל איינגעשטעלט פאַר די געקריוודעטע און באַליידיקטע. אויף יעדער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג לטובת

דער סאַנאַטאָריע, האָט ער געהאַט דעם מוט צו אַדרעסירן די פּאַרזאַמלטע דווקא אויף יידיש, וואָס האָט אים אַפילו שפּעטער נישט געשטערט צו קאַנדידירן אַלס ליוטענאַנט־גאָווערנער פון אונדזער שטאַט קאַליפאָרניע, צוזאַמען מיט דעם באַוווּסטן שריפטשטעלער אייפּטאָן סינקלער.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז חיים שאַפּיראָ אויך געווען דער פּרעזי־דענט פון דער דערמאָנטער סאַנאַטאָריע, אין משך פון צוויי יאָר. איך בין אַן עדות (אין יענע יאָרן בין איך דאָרט געווען אַן אַנגעשטעלטער), אַז ער האָט זיינע פליכטן אַדורכגעפירט אויף דעם שענסטן און עטישסטן אופן, נישט געזשאַלעוועט קיין צייט, מי און אַפילו געלט. און אַז עס איז געוואָרן נייטיק, אין יענע קריזיס־יאָרן, עמעצן אַרויסצושיקן איבערן לאַנד צו זאַמלען געלט לטובת דער אינסטיטוציע, האָט חיים שאַפּיראָ אַפילו מקריב געווען זיין פּראַקטיק אַלס אַדוואָקאַט. אויף גאַנצע צוויי חדשים האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער ברייט און לענג פון אַמעריקע און טאַקע געשאַפן די נייטיקע פאַנדן, פּאָפּולאַריזירנדיק דערביי די אינסטיטוציע אין אונדזע־רע יידיש־רעדנדיקע און אויך ענגליש־רעדנדיקע קרייזן.

פון דער נאַטור אַ גוטער פריינדלעכער מענטש, מיט מילדע ליכטיקע אויגן, איז ער געווען באַליבט אין אַלע קרייזן פון אונדזער פּאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָרט ווו עס איז געווען נייטיק האָט ער אַפילו אַ סך קליענטן באַדינט פריי, בסתר.

פון דער נאַטור אַ טרוימער, אַן אידעלער אידעאַליסט, איז ער געווען פאַרליבט אין דער שיינקייט פון דער וועלט און לעבן בכלל. אין זיינע אומצאָליקע רעדעס האָט ער קיין מאָל נישט פאַרפעלט צו באַזינגען די נאַטור, וועלט און מענטש, אין דעם לשון פון אַ פּאָעט.

די אידעאַלן פון יושר און שיינקייט האָבן חיים שאַפּיראָן אַלע מאָל געדינט ווי אַן עטישער הינטערגרונט פאַר דעם געבוי פון זיינס אַ רעדע. אמת, ער האָט נישט זעלטן איבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין רעטאָריק. ער האָט אָבער אַלע מאָל אַפּעלירט מיט זיינע רעדעס צו די הערצער פון זיינע צוהערער, און אַלע מאָל דערגרייכט וואָס ער האָט מיט זיי באַצוועקט.

ווי אַ דענקנדיקער מענטש מיט אַ היפּשן באַגאַזש פון וויסן, האָט ער זיך דאָך אַלע מאָל געהאַלטן אין די ראַמען פון באַשיידנקייט, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט פראָפאַנירט מיט פאַלשע פרעטענזיעס. אָט איז אַ ביישפּיל: מיר האָבן אַ מאָל געהאַט ביי אים אין הויז אַ לייוויק־אָוונט, אין דער אַנוועזנ־

היט פון דעם דיקטער. חיים שאַפּיראָ, ווי דער מכניס אורח — האָט געעפנט דעם אָוונט מיט אַ באַשיידענער באַגריסונג, נישט אויסנוצנדיק דערביי זיין אָראַטאָרישן טאַלאַנט. ער האָט אַליין מהנה געווען איינעם פון אונדזערע שרייבער צו זיין דער פּאָרזיצער, און אַ צווייטן שרייבער האָט ער פאָרגע־שלאָגן צו רעדן וועגן לייוויקן.

דערמיט האָט זיך דעמאָנסטראַטיוו באַשטעטיקט זיין ערלעכקייט און עכטקייט אין זיין באַציִונג צו מענטשן, זאַכן און געשעענישן, ווי ער וואָלט מיט אַנדערע ווערטער געזאָגט: אין זאַכן וווּ איך פיל זיך נישט ווי אַ מומחה, וויל איך זיך נישט מישן.

דאָס איז אַ מדרגה, צו וועלכער נישט יעדער פון אונדז איז דערוואַקסן.

אָט איז אַ צווייטער ביישפּיל: זיין לעצטע רעדע וואָס איך האָב געהערט, איז געווען אויף אַן אזכרה־אָוונט נאָך אונדזערס אַ פריינד און חבר. דער פאַרשטאָרבענער איז אַ מאָל געווען אַ בונדיסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַ־טעוועט פון די צאַרישע נעגל, באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 5טן יאָר. דאָ האָט זיך שוין חיים שאַפּיראָ גע־פילט ווי אַ פיש אין וואַסער. כאָטש ער איז שוין דאַן אַליין געווען אַ קראַנ־קער, האָט ער פון דעסטוועגן באַוויזן אין זיין טרויער־רעדע דורכצופירן אַ גוט דורכגעטראַכטן, היסטאָרישן אַנאַליז פון די פּאָליטישע געשעענישן פון 5טן יאָר ביז צו אונדזער דריטן חורבן און ווייטער — וואָס האָט אַלע־מען געהאַלטן געשפּאַנט פונעם אנהייב ביזן סוף. דערמיט האָט זיך ווידער באַשטעטיקט די הויכע מאָס פון זיין אינטעליגענץ — צו וויסן, ווען, ווי אַזוי און וועגן וואָס יאָ צו רעדן און ווען — נישט צו רעדן.

מיין לעצטע דערפאַרונג מיט דעם עניו חיים שאַפּיראָ איז געווען אַזאַ: איך האָב אים צוגעשיקט מיין נייסט בוך עסייען. ער האָט מיר באַלד גע־ענטפערט מיט אַ גאָר שיינער אייגנהענטיקער צושריפט, ביילייגנדיק אַ באַ־שיידענעם טשעק. אין אַ חודש אַרום דערהאַלט איך פון אים אַ צווייטע צושריפט, וווּ ער שרייבט מיר, אַז ער האָט דערהאַלטן מיין נייסט בוך מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ער געדענקט אָבער נישט, צי ער האָט מיר צוגע־שיקט אַ טשעק. שליסט ער דאָ איין אַ צווייטן טשעק, וואָס איך האָב אים באַלד צוריק אָפּגעשיקט.

אָט די לעצטע האַנדלונג זיינע בנוגע מיין ווייניקייט באַווייזט זיין אָרנטלעכקייט, געוויסנהאַפטן איינשטעל אין לעבן און, ועל כולם, זיין באַ־

ציִונג צו אַ יידישן שרייבער בכלל, צו אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

אַזוי האָט דאָ — העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — געלעבט און גע־ווירקט דער אַדוואָקאַט חיים שאַפּירא.

שלמה שמולעוויטש

ביים סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אין פּינסק באַוויזן אַ יידיש יינגל מיט דעם נאָמען שלמה שמולעוויטש. געווען איז ער אַ משורר ביי אַ חזן, געלערנט זיך שניידעריי, אַרומגעשלעפּט זיך מיט אַ וואַנדער־טרופּע, געווען אַ גאַסן־זינגער און ענדלעך געוואָרן אַ בדחן.

מיט דער צייט האָט ער אויך אָנגעהויבן פאַרפאַסן פּיעסן. אין עלטער פון צוויי און צוואַנציק יאָר האָט ער שוין אַרויסגעלאָזט פון דרוק אַ ביכל פון „צען נייע יידישע פאָלקסלידער״, וואָס האָט אים גורם געווען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז געווען און אויך פאַרבליבן — אַ פאָלקס־דיכטער, איינער פון אונדזערע סאַמע לעצטע טרובאַדורן.

אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט איז שלמה שמולעוויטש געוואָרן באַוווּסט דורך זיינע פּרימיטיווע פאָלקס־לידער: „דאָס טליתל״, „ויתן לך״ און באַזונדערס דורך זיין „אַ בריוועלע דער מאַמען״, וואָס האָט באמת אויסגעדריקט בענקשאַפט, צער און די אינטימסטע איבערלעבונגען פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, צו זייערע פאַרוואָלגטע זין און טעכטער.

אין די דאָזיקע און אין ענלעכע לידער זיינע, האָבן אונדזערע פאָלקס־מאַסן באמת געפונען אויסדרוק אין דעם גערעדטן פאָלקס־לשון, אָן די עטיש־עסטעטישע באַפּוצונגען פון אַן אינטעליגענטישן כאַראַקטער — די רעטאָריק פון אַ קוואַליפיצירטן פּאָעט, וואָס ווייסט גענוי ווי אַזוי צו מאַ־ניפּולירן מיט זיין וואָרט און עס מאַכן אויסזען ווי וואָרע דיכטונג...

זיינע לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן מיט אַזוי פיל פּיעטעט אין יענע יאָרן, האָבן זיכער געפונען אַ בכבודיק אָרט אין דעם רייסטער פון אונדזער פאָלקס־דיכטונג, וואָס פונקציאָנירט בדרך כלל אין דעם מויל פון פאָלק, אַנאָנים.

אין מיינע קינדער־יאָרן, ערב מיין בר־מצווה, ווען מיינע דריי עלטערע ברידער האָבן זיך שוין געהאַט געפונען אין מערב־קאַנאַדע, פלעג איך מיט

אַ ציטער אין האַרצן און מיט פאַרטערטע אויגן זיך צוהערן ווי אַזוי מיין מאַמע האָט מיט האַרצווייטיק, פאַר זיך אַליין, אויסגעזונגען דאָס פאָפּו־לערע פאָלקסליד „אַ בריוועלע דער מאַמען".

אין יענער צייט האָב איך זיך קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל אַמאָל האָבן די זכיה זיך צו באַגעגענען פּנים אל פּנים מיטן מחבר פון יענעם ליד, וואָס איז כמעט געווען אויף אַלעמענס ליפּן פון אונדזערע מאַמעס, וואָס האָבן געהאַט קינדער אין די ווייטע אַמעריקעס.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך אַליין האָב שוין געוווינט אין מערב־קאַנאַדע, האָט זיך אין וויניפּעג באַוויזן דער מחבר פון אָט דעם ליד, שלמה שמולעוויטש.

די אָרטיקע ייִדישע אינטעליגענץ האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם מינד־סטן אינטערעס אים אויפצונעמען, כאָטש די אינטעליגענץ אונדזערע איז דווקא אַלע מאָל געווען אַ וואַרעמע אין איר באַציִונג צו געסט מיט סטאַזש אין אונדזער קולטור־וועלט.

צוליב דעם אַליין און אפשר אויך צוליב מיין אייגענער יוגנטלעכער תמימות, האָב איך און מיין חבר מרדכי מילער ז״ל, זיך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט אים.

ביידע האָבן מיר אים געהאָלפן זיך איינאָרדענען אויף אַ היימישער קוואַרטיר, אויפגעזוכט פאַר אים אַ כשרן רעסטאָראַן, אים אַפילו אַריינגע־פירט אין אַ שכנותדיקן בית־תפילה, נישט ווייט פון זיין קוואַרטיר.

שלמה שמולעוויטש איז געווען אַ פעסטגעבויטער ייד, אַ הויכער, מיט אַ פליישיק פּנים, היפּשן קאַרק און אויך אַ גלות מיט היפּשע דיקע וואָנצעס, קיין דרך־ארץ צו זיך האָט ער ליידער נישט אַרויסגערופן...

פון דער נאַטור זייער אַ באַרעדעוודיקער און ביז גאָר רירעוודיק, איז ער קאָנטיק אויך נישט געווען קיין בישן און טאַקע באַלד פאַר דיר אויס־געלייגט זיינע צרות:

— איך בין אַ באַווייבטער און איך האָב נישט קיין פּרנסה... איך באַ־דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער. צוליב דעם אייגנטלעך, — מאַכט ער עס בקיצור — פאָר איך איצט אַרום איבער אַמעריקע...

אַ געפיל פון רחמנות האָט אונדז ביידע אַרומגענומען.

נישט לאַנג טראַכטנדיק האָבן מיר באַשלאָסן אים אַרויסצוהעלפן, צו־גרייטן פאַר אים אַ פאַסיקן קבלת־פּנים, אין דער פאָרעם פון אַ קאָנצערט.

שלמה שמולעוויטש איז אונדז אָבער באַלד פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט אַליין באַשטעלט די דרוק־אַרבעט, די רעקלאַמע־נאָטיצן אין דער לאָקאַלער צייטונג, און אַליין אויך פאַרשפּרייט די פלוגבלעטלעך, זיך נישט געפוילט אָנצוקלעפּן זיי אויף טירן, אַליין פאַרשפּרייט אַ צאָל בילעטן פאַר זיין אייגענעם קבלת־פּנים, וואָס האָט אונדז דאָן ביידע שאָקירט...

אין שטאָט האָט מען וועגן אים זייער ווייניק גערעדט. בלויז אין די הייזער פון אַ צאָל היימישע שול־יידן, קליינשטעטלדיקע, ערשט־אַריבער־געקומענע פאָלקסמענטשן, וואָס ער האָט זיי דערגרייכט און פאַרקויפט זיינע קאָנצערט־בילעטן — האָט זיך יאָ אַ ביסל גערודערט.

אינעם טאָג פון זיין קבלת־פּנים־קאָנצערט, איז ער אַליין געווען דער צווייטער מענטש צו מיר, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דעם רחבותדיקן תלמוד־תורה־זאַל...

די זעלבע פאָלקס־מענטשן אונדזערע, וואָס האָבן נאָך געדענקט זיין „אַ בריוועלע דער מאַמען״, וואָס זיי אַליין האָבן איבערגעלעבט, מיטגעלעבט און מיטגעפילט מיט אַלע זייערע רמ״ח אברים אין אונדזערע אַמאָליקע, ליידער שוין חרובע שטעטלעך — האָבן זיך פון דעסטוועגן נישט געאיילט צו קומען מאַסנווייז.

אין אַ גלאַנציקן צילינדער און לאַנגער קאַפּאָטע איז שלמה שמולע־וויטש אַרומגעלאָפן אַן אויפגערעגטער איבער דעם קאָרידאָר, אָפּגעהיטן מיך ביים אָפּנעמען די בילעטן... און מיין חבר מילער — ביים פאַרקויפן די בילעטן...

דער שבת־צונאַכטיקער הימל איז, ווי אויף להכעיס, אַ ביסל פאַר־חושכט. די מאַסן איילן זיך נישט קומען. דער גרויסער זאַל איז כמעט ווי ליידיק...

מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אונדזערס אַ שכנה, אַן עלטערע פרוי אין אַ קאָפּטיכל, מיט אַ שטעקן אין איר ציטערדיקער האַנט. זי דערלאַנגט מיר איר גרינעם בילעט אויף דער גאַליאָרקע. איך רייס אָפּ אַ האַלבן בילעט, וואַרף אים אַריין אין דערבייִיקן קויש און וויַיז איר אַן וווּ זיך צו זעצן, דווקא אונטן, נישט ווייט פון דער טיר, כדי איר פאַרשפּאָרן צו קלעטערן אויף די קרומע שטיגן צו דער גאַליאָרקע.

— איר זעט דאָך, — זאָג איך צו איר — ס׳איז שוין באַלד ניין אַזייגער און דער עולם איילט זיך נישט צו קומען. עס וועלן זיכער פאַרבלייבן אַ סך

לײדיקע פּלעצער, באַדאַרפט איר צוליב דעם זיך נישט באַמיִען און קריכן אין דער הייך. אַ ביסל שפּעטער וועט איר אַפילו זיך קענען זעצן נעענטער צו דער בינע.

די אַלטיטשקע האָט מיר אײדל אָפּגעדאַנקט פאַר מײַן פרײַנדלעכקייט און זיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף דעם אָרט ווו איך האָב איר אָנגעוויזן.

שלמה שמולעוויטש אָבער האָט עס באַלד באַמערקט!

— צוליב אײַך וועל איך דאָ גײן באַנקראָט, — האָט ער מיר באַלד פאַרגעוואָרפן און מיך גאַנץ פײַן אויסגעזידלט.

פון אויפרעגונג האָב איך אויף אַ מאָמענט כמעט ווי פאַרלוירן דאָס לשון און אַן איבערלייגונג אים אַליין איבערגעלאָזט ביי דער טיר, און אין איין הרף־עין האָב איך זיך אויסגעמישט צווישן עולם אין זאַל...

דער באַשיידענער עולם פון דורכויס עלטערע מענטשן, האָט זיך ביס־לעכווייז אַוועקגעזעצט אויף די באַוועגלעכע בענקלעך; מיט נייגיר גענומען פּאַטשן מיט די הענט און טופּען מיט די פיס, מאָנענדיק דער פּראָגראַם זאָל זיך אָנהייבן.

דער הויכגעוויקסיקער שלמה שמולעוויטש, האָט זיך אַ פּאַרויטלטער באַוויזן אויף דער בינע און זײַן פּראַק און צילינדער, און באַלד אַרויס מיט זײַן מענה־לשון; זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף זײַן דאַליע און אומבאַשיידן גענומען מאָנען ביים עולם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס קומט אים... דער עולם ווידער, אין וועמענס זכרון עס האָבן אינטענסיוו אויפגעלעבט זייערע אַמאָליקע איבערלעבונגען אין זייערע אָקאָרשט פאַרלאָזענע שטעטלעך, האָט אים גראָד אויפגענומען מיט אַ סך פּיעטעט און חשיבות, אַפילו אים געבעטן זינגען געוויסע לידער זײַנע, וואָס זיי האָבן געדענקט און ליב געהאַט, און אים באַלוינט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

שלמה שמולעוויטש האָט אַגב צווישן איין ליד און דעם צווייטן נישט פאַרגעסן צו מאַכן אַ קליינעם איבעררייס, און פאַרקויפט דאָ און דאָרטן זײַנס אַ בוך, וואָס ער האָט גלייכצייטיק אויטאָגראַפירט און עס אַליין צו־געטראָגן זײַנע קונים אין זאַל...

זײַן זינגען האָט אין מיר בלויז אַרויסגערופן אַ געפיל פון באַדויער און רחמנות צו אים, דעם אַמאָל זייער פּאָפּולערן פאָלקס־דיכטער און זינ־גער, אין אונדזערע אַמאָליקע שטעטלעך. און כאָטש מײַן ווייניקייט און מײַן

חבר מילער האָבן זיך שטאַרק מטריח געווען אַרום זיין אונטערנעמונג, האָבן מיר אים אָבער דאָס מאָל נישט אַרויסבאַגלייט צו זיין קוואַרטיר.

אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם קבלת־פּנים־קאָנצערט זיינעם אין וויניפּעג, איז שלמה שמולעוויטש אָפּגעפאָרן אַ ברוגזער און אָן אַ „זיי־געזונט״. מיר האָבן פון אים מער קיין מאָל נישט געהערט און אים אויך מער קיין מאָל נישט געזען.

חיים באַרקאַן

געווען איז ר' חיים אַ מתמיד, אַ ייד,
צו ביידע לשונות מיט ליבשאַפט פאַרשמידט.

ער האָט זיך באַמיט און זיי ביידע געשלייפט,
זיי האָבן ווי פּירות אין אים זיך גערייפט —

ער האָט די צוויי קרוינען באַפערלט מיט וואָרט,
וואָס גיט זיי אַ תיקון, אין דיכטונג אַן אָרט.

געווען איז ר' חיים אַ גלויביקער מענטש,
באַשאַנקען מיט ליבשאַפט, עניוות געבענטשט —

ער האָט זיך פאַרברידערט צו אַלץ וואָס איז שיין,
און פרעמד איז אים תמיד די קנאה געווען.

זיין ליד האָט מיט עכטקייט געאָטעמט, געלעבט,
אין כאָר פון דער דיכטונג פאַרבליבן פאַרוועבט.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

גערעאָטן אין טאַטן — אַ חריף, אַ רעדנער,
אַ שרייבער, אַ בעל מחשבות —
איז ער היימיש מיט כעלם, די שטאַמען, מיט סופרים —
דער המשך פון אונדזערע אבות.

אַ מתמיד, אַ לערנער, אַ גריבלער אין ספרים,
אַ מחבר פון ביכער אַ צאָל.
ער יאָגט זיך מיט אימפעט צום ענדציל פון זאַכן,
וואָס גרויסן זיין נאָמען צומאָל.

דו זעסט אים אין ברען פון זיין אַרבעט ביים שרייבטיש.
אַ זוכער פון אמת — אַ ברען!
ער פיבערט מיט זעונגען, קלאָר און פאַרשטענדלעך,
ער ווייסט וואָס ער מעג, וואָס ער קען.

עס קליידט זיך זיין זעונג אין דער פשטות פון וואָרט,
וואָס רייצט מיט דער שיינקייט פון גאָרער וועלט.
עס באַוועגט זיך זיין חלום אין דער קלאָרקייט פון וואָר,
וואָס ווערט אָפט מיט רייץ פון אים אויפגעשטעלט.

יעקב גלאַטשטיין אין 1933

א

כ׳געדענק אים פון ברוקלין
אין קיך ביי זיין טיש;
אַ ייד מיט אַ בערדל,
ווי אותו האיש...

ער פּלאַטערט מיט ווערטער
אין שוץ פון פּאָעט:
„און פאָרעם מיינט גאָרנישט!" —
ער ברענט און ער רעדט

פון דיכטונג, היינטצייטיק,
אין לשון פון ייד,
באַפּאַנצערט מיט וויסן
און זין פון אַ ליד. —

ב

סאיז גלאַטשטיין אַ בריה
אין כתב, בעל פה;
ער שלאָגט זיך מיט ווערטער,
איך שפּיר און איך זע.

זיין ליד און זיין פּראָזע
דערהייבט זיך ביז גאָר.
„ווען יאָש איז געפאָרן" —
אויף מיר אַזאַ יאָר...

ער רעדט בלויז פון יענעם.
פון זיך — נישט קיין וואָרט...
מיט כבוד פאַרנעמט ער
אין מזרח אַן אָרט

ביים סאַמע בראשית
פון ליד אין „אינזיך".
אַ דיכטער אין טאָגן,
אַ שלאָגלער פאַר זיך.

אליעזר גרינבערג

דו זעסט אים אין ראַם פון זיין ליד,
דו זעסט אים אין ראַם פון זיין דור;
אַ דיכטער, אַ מענטש און אַ ייד,
וואָס חלומט זיין אייגענע וואָר.

זיין טראָט איז באַשיידן, איז שטיל,
ער זעט זיך ביים ראַנד בלויז אַרויס —
ער ווייסט וואָס ער טוט, וואָס ער וויל,
ער חלומט פון ליד וואָס איז גרויס.

זיין לשון — אין פשטות זיך קליידט.
זיין ליד איז פאַרשטענדלעך, איז קלאָר;
ער זוכט און געפינט אַ באַשייד
אין דעם וואָס איז שיין, וואָס איז וואָר.

ער זוכט אויך אַ זין אין דעם ליד
פון ברודער־פּאָעט פון זיין דור.
זיין אויג ווערט פון זוכן נישט מיד,
ביז ענדלעך זיין ליד ווערט אים קלאָר.

ער טוט אים אַ קרוין באַלד דאָ אָן,
באַזינגט אים מיט ליבשאַפט און לויב;
ער זעצט אים אַוועק אויבנאָן
און מורמלט בלחש: איך גלייב

אין דיר, אין דיין ליד וואָס איז שיין,
דיין וואָרט וואָס איז קלאָר ווי דער טאָג
און איז אויך געבענטשט מיט דעם חן
פון פשוטן פאָלק, אין זיין זאָג.

א. מ. דילאָן

אברהם משה דילאָן —
אַ טיפּישער באָהעם.
אַ לעגענדעביים לעבן,
כמעט אַ בעל שם...

ער פירט ביי דער האַנט מיך
אויף בראָדוויי, דער גאַס.
ער רעדט מיט התלהבות
פון באַקאַנטשאַפט מיט „סטאַרס"...

אין טומל פון בראָדוויי
ער לייענט מיר אַ ליד.
ער כאַפּט זיך ביים האַרצן,
ער איז קראַנק, ער איז מיד...

ער שפּאַרט זיך אָן אויף מיין אַקסל,
מיט זיין שטעקן אין האַנט:
— ס'איז גאָרנישט, איר ווייסט דאָך —
ער שפּאַנט ווידער גאַלאַנט.

זיין הוט — אַ צעקנייטשטער,
זיין קליידונג איז נישט ניי.
אין אָפּערע ער נעמט מיך
אַלצאיינס איצט, סיי ווי סיי...

גייען מיר אויף בראָדוויי
אין שנייאיקן בייטאָג,
מיט אַלע מיינע חושים,
באַנעם איך וואָס ער זאָגט.

מיר קומען ענדלעך אָן
אין יום־טובדיקער שעה;
די טירן פאַרמאַכט שוין,
סאיז שוין קיינער נישטאָ...

אברהם משה איז אַנטוישט,
איז אויפגערעגט — אַ שרעק!
— די כאָליערע זאָל זיי נעמען —
מיר גייען באַלד אַוועק...

דער תכשיט משה לייב

א

אויף אַ הויכן באַרג, אין אַ שטוב פון ליים
זיצט דער תכשיט משה לייב אַליין
מיט פֿאַרלייגטע הענט צעשויבערטע האָר,
און חלומט פאַר זיך אויס אַ מאָדנע וואָר...

ער טראַכט פון אחרית און ער רעדט פון איצט.
עס געפעלט אים נישט די גאַנצע וועלט...
ער רעדט צו זיך אַליין און ער בליצט
מיט זעונגען פון מענטשן, פאַרשטעלט

אין אויסטערלישע באָרד־און־פּיאות,
מיט נייגונגען ווי זיינע — ווילד...
ער רעדט צו זיך אַליין און ער בליצט
שמייכלט מיט די אויגן סאַרקאַסטיש, ווילד...

דער תכשיט משה לייב טוט אַליין זיך אָן אַ מיצל —
ער מאַכט פון זיך אַליין אַ נאַר.
ער רופט זיך אָן מיט די ערגסטע נעמען,
פאַרדעקט דערמיט אַליין זיין צער...

ער גריסט זיך וווילייגעריש מיט דעם טויט פון ווייט,
ווען ער שווימט געוואַגט איבער דער טיף פון ים.
ער חלומט דערביי פון אַ שיינער בת מלכה,
וואָס גיט זיך אים אונטער אָן ווידערשטאַנד, סתם

אַזוי זיך, לשם וויץ, און טוט אים אָן אַ קרוין.
זי קרוינט אים פאַר דעם מלך פון האַצאַצאַ,
און זי זאָגט אים צו אַ קיניגלעכן לוין.
ער קייכט פון געלעכטער און גענעצט הויך: הו־וואַ! הוואַ!

ב

צו זען משה לייבן
איז נישט אַזוי גרינג ;
זיין חכמה, זיין שאַרפזין
באַפאַלט דיך גאַנץ פלינק.

זיין בליק איז אַ שאַרפער
און קלוג ווי דער טאָג,
באַפאַלט און צעממיתט
דיך, סתם מיט אַ זאָג...

דו פילסט זיך געטראָפן
פון אַלץ וואָס ער טוט ;
ביים אַנזיכט, ביי זיינעם
פאַרלירסטו דיין מוט...

ביים שרייבטיש אַליין בלויז
זיך אַנדערשט זיין בליק ;
דיר דוכט — ער איז אָקאָרשט
געקומען צוריק

אַ שטילער, פאַרטראַכטער,
פון אַ ווייטער וועלט
וואָס אָטעמט מיט פייער,
וואָס שניידט דיך מיט קעלט...

זיין פנים — צעפלאַמט איז.
די אויגן — פאַרטרערט.
ער ברומט עפעס מאָדנע,
פון אומרו געשטערט.

ער בייט זיינע ווערטער,
ער רעדט זיי אַרויס,
איז קיין מאָל נישט זיכער
וואָס רייף איז, וואָס לויז.

ער בייט זיינע בלייערס
פון שוואַרצן אויף רויט;
דער שוואַרצער מיינט לעבן,
דער רויטער מיינט טויט...

ער בייט אויך דעם אָנהייב
אויף סוף פון אַ ליד,
ווערט קיין מאָל פון מעקן
גאַר קיין מאָל נישט מיד.

— אַ ליד ווערט באַשאַפן
אין רויען געשטאַלט,
באַדאַרפסט עס ערשט פיילן,
פאַרוואַנדלען אין גאָלד.

— באַזייטיק דאָס פסולת
און רייניק דיין וואָרט,
וועט ליד דיינס געראָטן,
געפינען אַן אָרט

אין אוצר פון דיכטונג —
אין מויל פון פאָעט;
פון פאָלק זיין געזונגען,
צומאָל אויך גערעדט.

ג

אין אַן אָוונט־שעה, אַ שטילער,
נאָך זיין אָנקום דאָ, אַהער,
באַגעגנט האָב איך משה לייבן
פול מיט נייגיר און באַגער.

ס'איז פאַר מיר אַ מאַן געשטאַנען
אין זיין פולער גרויסער הויך,
שטאַרק צעשויבערט און צעכראַסטעט
אין אַ צימער, פול מיט רויך.

ס'האָט מיט פרייד פון אים געשלאָגן
און מיט גוטסקייט גאָר אַ סך.
— ס'פרייט מיך, משה לייב, אייך קענען,
זיין אַ גאַסט דאָ איצט, ביי אייך.

ער האָט זיך באַלד געלאָזט דערקענען
מיט זיין שאַרפזין, קלוגע רייד.
איך האָב פון אים געהאַט אַ הנאה,
דאָ, מיט אים זיך שטאַרק געפרייט.

משה לייב האָט מיך גענומען
אויפן צימבל, אויף פאַרהער:
— וואָס טוט למשל אַזאַ בחור
דאָ אין לאַנד איצט, פרעגט מיך ער.

איך האָב פון בושה זיך געקרויטלט.
לאַנג געשוויגן, נישט גערעדט.
גיי, דערציייל אים וואָס איך טו דאָ,
אַז ער שמייכלט בלויז און שפעט...

כ'האָב געשטאַמלט אָן אַן אויפהער,
זיך געקרויטלט ווי אַ קינד:
— איר האָט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען,
טענהט משה לייב באַשטימט.

ס'איז אַ שווייס מיך באַלד באַפאַלן,
ס'האָט געשטאָכן מיך זיין בליק:
— איך פאַרקויף מצבות יידן,
אַזאַ גורל, אַזאַ גליק...

משה לייב האָט זיך צעשמייכלט:
— מיט אַ פנים וואָס איר האָט,
וואָלט איר ליבערשט קינדער מאַכן
און קיין צרות נישט געהאַט...

ז. ווײַנפּער

דו זעסט אים אין גאַס אויף יאַרידן —
אַ דיכטער, אַ מענטש, אַ ייד צווישן יידן.
עס גייט אים פאַרויס זיין נאָמען, זיין שליחות.
ער רעדט, ער באַזינגט דעם יידישן יחוס:
פּאַרצייטיקן נביא, געשטאַלט פון אַ מאָל —
די גרויסע נביאות פון ביינער אין טאָל.
ער חלומט פאַר דיר אויס דעם נעכטן, דעם היינט,
זיין חלום פון שלום, וואָס פיבערט, וואָס שיינט
אַרויס פון זיין דיכטונג, אין לשון פון מענטש,
וואָס איז אין זיין פשטות מיט גוטסקייט געבענטשט.

דו זעסט אים אין גאַנג פאַרטרוד, אַ מידן —
אַ דיכטער, אַ מענטש, אַ ייד צווישן יידן.
ער מוטיקט דאָס פאָלק, באַזינגט זיינע ליידן.
ער וואָרנט, ער שטראָפט, באַמיט זיך פאַרמיידן
די אַלע געפאַרן, אין וועג צו זיין גליק:
בלויז תמיד פאָרויסגיין, נאָר — נישט גיין צוריק!
זיין וואָרט איז פאַרוואָרצלט אין ליבשאַפט אַ סך
צום פאָלק, וואָס אין פשטות, צו קיינעם איז גלייך.
זיין ליד איז אַ פאָן וואָס פלאַטערט אָן אויפהער:
דער חלום פון שלום, פון ליבשאַפט און מער.

יעקב זיפער

באַשערט איז אים טראָגן
גאַר קרוינען אַזש צוויי;
זיין זינגען, זיין זאָגן
איז אַלט און איז ניי.

ס'איז יידיש זיין לשון
אין טעגלעכן גאַנג,
עס הערט זיך אין עברית
אויך קלאָר זיין געזאַנג.

כל ימיו אַ לערער
פון קינדער אַ סך,
איז קיינער אין יחוס
צו אים גאָרנישט גלייך.

ער איז אויך אַ לערער
פון יידן מיט בערד,
איז טיילט ער דעם גורל
וואָס אים איז באַשערט:

צו קנעלן בייטאָג, און
צו קנעלן ביינאַכט;
אַ ייד, אַ מנגן
וואָס חלומט, וואָס טראַכט

פון אחרית, פון ווייטן —
פון גורל פון ייד;
פון בעש"ט, פון פאַרצייטן,
איז קיינמאָל נישט מיד

פון תמיד באַנייען
זיין וואָרט אין זיין ליד,
וואָס האַלט אים אין קייטן
צום חלום פאַרשמידט,

צום חלום פון אחרית
וואָס האַלט אים געשפּאַנט
איןביידע לשונות,
אין וועלכע ער אַנט

די טריט פון משיח,
וואָס קומען ער וועט
מיט פרייד פון גאולה
וואָס ער אַנט און זעט.

א. טאַבאַטשניק

טאַבאַטשניק אַליין איז דער סינטעז פון ליד,
פון ליד און עסיי, וואָס באַקומט זיך ביי אים
אין אייגענעם גאָרטן, אין וואָרט וואָס ער שמידט
און הערט עס אַרויס אויך, פון דיכטערס אַ שטים.

עס ניגונט זיין לשון אויף סטרונעס פון וואָרט,
וואָס גיט זיך דיר איבער מיט שכל און פרייד.
ער פירט ביי דער האַנט דיך ביים אויסטייטש פון ליד,
וואָס צויבערט מיט וויסן אין פשוטע רייד.

זיין גאַנג איז אַ שטילער, באַשיידן, ביים זייט,
ער יאָגט זיך נישט קיין מאָל צום פראָנט און נאָך רום.
נאָר איך, וואָס פאַרער אים און בענק נאָך זיין וואָרט,
געפין אין זיין ליד אים, עסיי, אומעטום.

מאיר זימל טקאַטש

זאַט אין יאָרן, פון לעבן מיד,
אַ טרייסט ג׳פינט ער אין ווייַן פון ליד.

זיין ווייַן פון ליד איז פול מיט קראַפט
אין אַלץ וואָס ער אַליין באַשאַפט:

אין קינדער־ליד, אין דעם סאָנעט,
אין פאַבל אויך, אין זיין געבעט...

עס איז אים פרעמד דאָס וואָרט פון נאַר,
שפּאַנט ער אַרום אַליין דערפאַר...

ער זוכט אַ טרייסט אין ווייַן פון ליד
וואָס ליכטיקט־אויף אין זיין געמיט,

וואָס גיט אים פרייד און ברענגט אים טרייסט,
און שוין — אים דוכט — ער ווערט דערלייזט.

אלף כץ

א

געזען אים בייטאָג,
געזען אים ביינאַכט;
מיט אים זיך געפרייט,
מיט אים אויך געלאַכט.

זיין פנים איז צאַרט,
איז איידל, פאַרטראַכט;
ער זאָרגט זיך, אים אַרט —
אַ טעות געמאַכט.

אין ליד, וואָס אָט ערשט
געשריבן האָט ער,
פאַרגעסן אַ וואָרט,
געדענקט עס נישט מער.

ער שלאָגט זיך על חטא,
באַמיט זיך, געפינט
דאָס ריכטיקע וואָרט
און ווייטער ער שפינט

דעם חלום אין ליד
פאַר קינדער אַ סך;
פאַר גרויס און פאַר קליין,
פאַר אָרעם און רייך. —

ב

ער זוכט און געפינט
אַ זין אין אַ וואָרט,
אַן אות מיט אַן אות
צוזאַמענגעפאָרט

און שוין — עס באַקומט
אַ זין, אפשר מער —
גענומען פון דאָרט,
געבראַכט עס אַהער

און — הער ווי עס קלינגט
אין אויער פון פאָעט:
עס זינגט און עס שפּילט,
בלחש עס רעדט.

אַזוי ווערט אַ ליד
באַשאַפן פון אים;
אַן אויסטערליש קלייד,
אַ פּנים אין גרים...

עס דרייט זיך אין ראָד
אַ יינגל, אַ יאַט,
ער טאַנצט און ער שפּרינגט,
ער זינגט אויך, כמעט.

דער הימל איז בלוי,
די ערד איז פאַרגרינט.
דער דיכטער — שוין גרוי
פון וואָרט, וואָס באַזינט.

ער האָט עס מיט מי
אין שלאָפלאָזע נעכט,
אַן אות מיט אַן אות
געפּאָרט אין געפלעכט...

ביז ער האָט אין ליד
אַ נעסט אויפגעבויט
פאַר זיך און זיין וואָרט,
וואָס גרינט און וואָס בלויט

מיט זעונגען קלאָר —
מיט זין און פאַרשטאַנד,
פאַרשריבן פון אים
מיט אייגענער האַנט.

זישע לאַנדוי מיט זיינע טעכטער

(צו זיין דרייסיקסטן יאָרצייט)

ס'איז דאָ אַ זין אין בלויזן גיין שפּאַצירן.
ס'איז דאָ אַ פרייד וואָס קומט פון זיך אַליין.
דו לאָזסט זיך פון דעם לעבן דיינעם פירן.
דיין פּנים שיינט און דו ביסט מלא חן.

דער הימל גרויט זיך מאָנאָטאָן דאָ איבער דיר.
די ערד אונטער דיר — פאַרקאָוועט איז אין שניי.
און דו, אַן אויפגעלייגטער שפּאַנסט אין מיטן
צווישן דיינע טעכטער, ליכטיקע, די צוויי.

דו פרייסט זיך מיט גאָטס וועלטל, דעם שניי וואָס פאַלט —
דיר איז ליב און טייער אַלץ וואָס דו זעסט.
עס גייט דיר דיין רייזל פון קאָפּ נישט אַרויס,
געפינסט בלויז אַ זין אין דעם וואָס דו פאַרשטייסט.

דו יאָגסט דיינע טעכטער אין אַלץ אַריבער,
זיי וויסן עס און גרויסן זיך דערמיט
וואָס דו ביסט זישע לאַנדוי, פּאָעטער און פּאָעט,
וואָס גרויסט זיך מיט דעם יחוס פון זיין אַ ייד...

עס גייען דיר פאַרויס די זיידעס דיינע,
גרויסע יידן, מיט בערד וואָס פליען;
יידן מיט גלויבן, בטחון גרויסן,
וואָס טוען זיך פאַר יענעם מיען.

די גרויסע זיידעס דיינע — די גאונים,
זיי טרעטן פאַר דיר אויס אַ גלייכן וועג.
און דו — אַליין אַ חכם — אַ צעשטראַלטער,
דו פלאַטערסט פון שמחה אין דיין געיעג

נאָך רו און פרידן, דאָס שיינקייט פון דער וועלט —
וואָס הערט זיך אין געזאַנג פון אַלץ אַרויס.
דו זעסט זיך ווי אַ רינג אין קייט פון דורות,
וואָס שפּאַנט מיט ריזן־טריט נאָך אַלץ פאָרויס...

דו זעסט זיך־אַליין אין דעם לאַנד פון פרידן,
מער נישט קיין פאַרשטעלטער — אַ פרייער ייד!
עס טאַנצט דיר דאָס לעבן מיט פרייד אַנטקעגן,
געפינסט אַ תיקון אין דיין נייעם ליד.

א. ליעסין

א

ער פרייט זיך מיט מיין קומען,
ער ווייזט עס קלאָר אַרויס;
ער נעמט מיך אויף מיט כבוד
ביי זיך אַליין אין הויז.

ער שטעלט מיך פאַר פאַר ביילען,
זיין טאָכטער זיצט דערביי:
אָט זענען מיינע לידער,
צעטיילט אין ביכער דריי.

די ביכער — שיין געבונדן,
נאָר אַלץ נאָך נישט געדרוקט:
„עס לאָזט זיי קאַהן נישט דרוקן".
...איך מיין — ער איז פאַרריקט...

ס'איז ביילע איצט פאַרנומען
מיט ליעסינס טאָכטער ווו,
זיצט ליעסין אין אַ ווינקל,
פאַרברענגט מיט מיר אַ דאָ.

זיין שטערן קנייטשט און הייבט זיך,
ער פרעגט זיך נאָך אויף פריינד.
זיין בליק איז זייער אַ ווייטער,
זיין פנים — העל עס שיינט.

דער טעלעפאָן צעקלינגט זיך,
מיט פינסקין, כ'הער, ער רעדט.
ער שטעלט מיך פאַר פאַר פינסקין:
„אַ דיכטער פון דער וועסט".

ער לויבט מיך אויס פאַר פינסקין,
דערציילט אים ווער איך בין:
„ס'שרייבט בראָנשטיין אויך עסייען
און לידער מיט אַ זין"...

עס עפנט־אויף די טיר זיך,
קרעפּליאַק באַווייזט זיך דאָ:
„דער סעקרעטאַר פון ,צוקונפט'" —
ס'איז מער קיין צייט נישטאָ. —

ס'ווערט ליעסין באַלד פאַרנומען,
אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר:
„איך בעט אייך מאָרגן קומען
זיך ווידער זען מיט מיר".

ב

מאַנהעטן ליגט פאַרטייעט
אין אַ שווערן טומאַן.
דו וועקסט זיך אויף פון חלום,
גייסט ווידער שוין אין שפּאַן.

עס יאָגט דיך שוין דער אומרו
גאַנץ פרי אַרויס אין שטאָט,
ביז פּלוצעם — דו געפינסט זיך
אין על־עקספּרעס, וואָס פאָרט

מיט אימפּעט און געטומל
אין דער הייך, אין נידער,
עס גייט דיר אויף די נערוון,
ס'איז דיר אַלץ דערווידער...

עס כוואַליען זיך די מענטשן
אין אַ ווילדן געיעג,
דו ווייסט צומאָל אַליין נישט
וואָס מ׳טאָר, וואָס מען מעג...

איז יאָגסטו סתם אַזוי זיך,
ביז פּלוצעם דו קומסט אָן
אויף עידי־גאַס, ווו ליעסין
דאָרט פלאַטערט ווי אַ פאָן.

ס׳איז ליעסין מיד, צעטראָגן
פון חלומען ביינאַכט.
„כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געשריבן״ —
דערציילט ער מיר און טראַכט:

פון שאָטנס פון קדושים
וואָס גייען אים דאָ נאָך;
ער זעט זיי אויף אַן אמת,
ער לעבט מיט זיי איצט נאָך...

ער חלומט פון אַ רינג זיין
אין דער קייט פון דורות,
איז גרייט אַפילו שטאַרבן
פאַר אונדזערע תורהס.

ס׳איז ביילע אַלץ פאַרנומען.
די טאָכטער — מיד און שוואַך.
און איך בין צו זיי אַלע
ווי צוגעשמידט און וואַך.

דער דיכטער רעדט פון לידער,
פון פּאָליטיק אַ סך.
איך ווער נישט מיד אים הערן
באַוווּנדער אים צוגלייך.

די צייט — זי רוקט [redacted] און רוקט זיך,
דער טעלעפאָן — ער שטומט.
דער דיכטער ווערט אומרואיק,
זיין פנים — ווי פאַרקרומט...

זיין פנים בייט און בייט זיך,
די אויגן ווערן גרויס;
ער ווערט דאָ פּלוצעם נעלם
ביי זיך אַליין אין הויז...

ער ציטערט און ער פלאַטערט,
ער ווערט באַהערשט פון ליד
וואָס ניגונט אויף און מאַטערט
דעם דיכטער און דעם ייד...

ער גיט זיך באַלד דאָ אונטער,
פאַרצייכנט מיט דער פען
די זעונג פון דעם אַחרית,
ווי ער אַליין נאָר קען.

ער זעט זיך אין דעם פלאַקער
פון קדוש, ווי ער ברענט;
ער פיבערט פון דעם מאַטער
און תפילהט מיט די הענט

צום גאָט פון זיינע אָבות,
וואָס לעבט אין אים אַליין
אין דורותדיקן פלאַקער,
וואָס וויל נישט אונטערגיין.

א. לעיעלעס

דער שׂר פון דעם ליד האָט באַרירט דיינע ליפּן,
דו האָסט צו דעם ליד זיך אויף תמיד פאַרקנסט;
דו האָסט זיך מיט אימפּעט פּאָרויס בלויז געריסן,
געבענטשט בלויז דאָס נייע, פון אַלטן געשפּאַסט.

דיין ליד האָט געקליידט זיך אין בונטע קאָלירן
פון פּאָרעם און לשון, אין זעונגען קלאָר;
דו האָסט פון רעיונות געלאָזט זיך בלויז פירן,
פון חושך באַשאַפן אַ ליכטיקן וואָר.

דו האָסט מיט עקשנות די דיכטונג צעאַקערט,
דיין וואָרט מיט גבורה געשטויסן פּאָרויס,
ביז ענדלעך דיין ליד איז געוואָרן די קרוינונג
פון אייביקן דויער — דיין ליד וואָס איז גרויס.

באַמערקונג: צופעליק געשריבן אין טאָג פון דיכטערס פטירה, נישט וויסנדיק דערפון.
י. ב.

מאַני לייב

ס'האָט מאַני לייב דער דיכטער,
דער איידעלער פּאָעט —
באַגעגנט מיך מיט ליבשאַפט,
פון דיכטונג בלויז גערעדט.

מיר גייען דאָ געאָרעמט,
ער פירט מיך ביי דער האַנט —
איך האָב פון דעם געחלומט,
פון דעם שוין לאַנג געאַנט...

די גאַס איז גאָר אַ שמאָלע,
מיט יידן גאָר אַ סך.
ער רעדט צו מיר אין לידער,
ס'איז קיינער צו מיר גלייך.

ער רעדט אַ פערז אויף רוסיש,
ער לויבט אים אויס פאַר מיר —
און באַלד, איך גאַף פון חידוש —
דער לשון פון דעם שיר

לייגט אויס זיך גלייך אויף יידיש
וואָס פערלט פון זיין מויל,
איך הער זיך איין מיט חידוש,
באַוווּנדער אויך זיין קול.

ס'איז מאַני לייב פאַרחלומט —
אַליין אַ ליד אין גאַנג!
און איך — זיין קליינער ברודער,
באַוווּנדער זיין געזאַנג.

מיר גייען צו דעם „פאָרווערטס"
אין שליחות פון זיין וואָרט,
ער לייענט דערוויל מיר לידער
וואָס קיינער דאַרף נישט דאָרט...

עס בייט זיך באַלד זיין שטימונג,
מיר קומען דאָרט אַריין;
פאַרשעמט און אומבאַהאָלפן,
ער שטיקט אין זיך זיין פּיין...

ער גיט אַוועק זיין אַרבעט,
ער מורמלט וואָס דערביי;
מיר זענען שוין אין דרויסן —
זיין ליד לעבט־אויף אויף ס'ניי...

זיין פּנים בלייך און איידל.
די אויגן — בלוי און גרין.
זיין רוקן — דין, געבויגן,
געפינט ער בלויז אַ זין

אין ליד, אין זיין באַלאַדע,
וואָס טיילן אים דאָ אויס
ווי מאַני לייב דעם דיכטער
פון דיכטונג, וואָס איז גרויס.

איציק מאַנגער

איציק מאַנגער איז קיין מאָל נישט אַליין,
דער שׂר פון ליד איז אַלע מאָל מיט אים:
אין גאַס, אין שטוב, ווען ער איז וואַך, ער רוט.
און ווען ער רעדט אַפילו — אין זיין שטים.

ער לעבט מיט די אבות
פון חומש, פון תנ״ך,
געפינט אַ זכות אבות
אין עבר וואָס איז רייך,

אין פשטות פון לעבן
פון דעם ווייטן אַמאָל,
וואָס גיט זיך אים איבער
אין לידער אָן אַ צאָל.

*

— דאָס רעדט דיין לאַנדסמאַן — איציק מאַנגער.
קום אַריבער, איך וויל דיך זען. —
אַזוי האָט זיך מאַנגער פאַרגעשטעלט
פאַר מיר ביים טעלעפאָן, אַליין.

ס'איז ווינטער אין קאַליפאָרניעלאַנד,
אַלץ איז גרין און בליט ווי אין מאַי.
האָב איך באַלד צו אים אַוועקגעשפּאַנט,
צו זען אים איז געווען כדאי.

זעט און הערט: אויף אַ שמאָלן בעטל
ליגט זיך מאַנגער אויסגעצויגן;
אים אַרן נישט די שיך און זאָקן
און דער רויך אין זיינע אויגן...

ער איז געוווינט אַזוי צו ליגן
אין די בגדי מלכות זיינע.
עס אַרט אים נישט וואָס דו טראַכסט פון אים.
ער האָט צו קיינעם קיין טענה.

ער באַנוגנט זיך מיט חלומות,
מיט אַ געשמאַקן ציגאַרעט ;
מיט זיינע זעונגען אין לידער,
דער אידעאַל פון דעם פּאָעט.

*

מאַנגער הייבט זיך אויף פון בעט,
און פון לידער בלויז ער רעדט.

אַנטאָן דאַרף ער זיך נישט מער —
אין די קליידער שלאָפט דאָך ער...

גלעט ער צו זיך בלויז די האָר :
— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר...

*

אויף אונדזער וועג צו זיך אַהיים
וו׳ ס׳איז אַ שענק פאַראַן,
שטעלט מאַנגער אָפּ זיך — דער באַהעם :
— קום מיט מיר אַריין אַהער.

איך ווער זיך און איך גיי אַריין
און ער באַשטעלט צוויי כוסות.
— איר טרינקט זיי בעסער אויס אַליין,
איך טרינק בלוי ארבע כוסות...

ער לאַכט פון מיר, ער שפּאַסט דערבײַ,
באַשטעלט דערבײַ נאָך אַ שנאַפּס...
— ווי קענסטו זײַן גאָר אַ פּאָעט,
אַז דו טרינקסט נישט גאָר קיין שנאַפּס...

*

אויף אָרעם־גאַס, בײַ זיך אין קיך
זיצט מאַנגער איצט שוין אויבנאָן.
מײַן פרוי דערלאַנגט אים עסן גיך,
ער קוקט איר בלויז פאַרווונדערט אָן...

ער שאַרט דעם טעלער באַלד אַוועק,
ער שפּיגלט זיך אין בראָנפן בלויז:
— פאַר מיר איז דאָס אַליין גענוג,
טאָ זאָרגט זיך נישט, עס מאַכט נישט אויס...

דאָס אַש פון ציגאַרעט דאָ פאַלט
צו אים אין גלעזל שנאַפּס אַראָפּ...
— עס מאַכט נישט אויס — ער גיט אַ זאָג,
און טוט דערבײַ אויף ס'נײַ אַ זופּ...

— מיר קאָן מער שוין גאָרנישט שאַטן,
איך בין דערצו שוין לאַנג געוווינט...
...שפּיל ציגײַנער מיר אַ לידל...
זײַן ליד זיך הערט אין קיך — ער שטווינט.

מיר זיצן דאָ טאָג־איין, טאָג־אויס
מיט מאַנגערן אין קיך אַליין.
זײַן ליד וואָס איז באמת גרויס —
איז מלא טעם, איז מלא חן.

נ. ב. מינקאָוו

מינקאָוו דער בעל מוח
איז אַלע מאָל פאַרטראַכט;
ער איז דער מענטש פון כוח,
וואָס זעלטן ווען ער לאַכט...

ער זעט דעם מענטש אין טאָגן,
אין אויפשטייג פון זיין שפראַך;
האָט תמיד וואָס צו זאָגן,
איז קיין מאָל גאַרנישט פלאַך.

זיין וואָרט איז איבערקליבן,
מיט טאַקט, מיט מאָס, מיט וואָג,
און אַלץ וואָס איז פאַרשריבן
לעבט־אויף ביי אים אין זאָג.

ער ווערט נישט מיד פון זוכן
אַ זין אין אונדזער ליד;
ער האָט נישט ליב צו פלוכן.
פון בענטשן — קיין מאָל מיד.

זיין ליד און אויך זיין פראָזע,
מיט מי ער האָט פאַרזייט.
סאיז פרעמד אים גאָר די העזה
פון דעם וואָס שטייט און גייט

מיט חוצפה און מיט גאווה
אין פרדס פון דעם וואָרט,
און זוכט פאַר זיך מיט תאווה
ביים אויבנאָן אַן אָרט...

ער זינגט פון אַלץ אין לויבן,
פון יונג און אַלט צו גלייך;
ס'איז אַלץ אים ליב און אייגן,
וואָס מאַכט דאָס לעבן רייך.

ער זוכט אין אַלטע בלעטער,
אין ספרים פון אַמאָל —
אַ זין פאַר דעם וואָס שפּעטער,
דעם כוס וועט מאַכן פול.

ער גייט אַרום באַשיידן,
אויף היגער ערד אַליין.
ער זעט וואָס קיינער זעט נישט,
באַמיט זיך צו פאַרשטיין

דעם סוד פון אונדזער קיום,
באַשייד פון אונדזער ליד;
ער זוכט און ער געפינט אויך
אַ זין, אין דעם געמיט

פון אונדזער ליד אויף יידיש,
וואָס בליט און גייט פאַרויס,
צו גאַפן און צום חידוש
פון אַלץ וואָס שיין איז, גרויס.

אַלטער עסעלין

פון אַלע זיינע לידער —
דאָס שענסטע איז ער.
אין זיין הונגער נאָך לידער —
זיין לעבן איז שווער.

פון צער און צאָרן
אויף גורל פון ליד,
אין שכנות מיט אַ דאָרן,
וואָס קיין מאָל נישט בליט...

ער איז יעדן מקנא,
וואָס שאַפט מיט טאַלאַנט,
און ער רעדט דערפון אָפן,
מיט וויסן, פאַרשטאַנד.

זיין אומעט און זיין צער —
צו קיינעמס נישט גלייך,
טויכט־אויף אין זיינע לידער,
מיט ווייטיק אַ סך.

ער איז תמיד פאַראייניזאַמט,
זיין ליד איז זיין נעסט.
ער איז פאַרליבט אין פּאָעטן,
נעמט־אויף זיי ווי געסט.

עס איז פרעמד אים דאָס לשון
פון פסעוודאָ־פּאָעט,
אים איז אייגן און ליב בלויז
דאָס פאָלק, ווי עס רעדט.

ער חלומט פון פּאָעטן
מיט גרויסן פאַרנעם.
ער געפינט זיי זייער זעלטן,
דערפאַר אין אַ קלעם

זינגט ער בלויז אין אַ לשון,
פאַרשטענדלעך און קלאָר
צו דעם לויב פון זיין נאָמען
אין ראַם פון זיין דור.

שמערקע קאַטשערגינסקי

— מיין נאָמען איז שמערקע —
איר ווייסט ווער איך בין?
— צו מאָל נישט דער ווילנער? —
איך צווייפל דערין...

— וואָס הייסט גאָר, איר צווייפלט?
אָט בין איך דאָך דאָ!
כ'בין ערשט אָנגעקומען
נ'אַ גליקלעכער שעה.

זיין קול האָט געקלונגען
גאָר היימיש און גוט,
אַן עכאָ פון ווייטן,
אַ מענטש פול מיט מוט. —

ער שטייט אַ צעשטראָלטער
אין אָפענער טיר,
ער פיבערט מיט לעבן
שוין באַלד דאָ, ביי מיר.

די אויגן — זיי גלאַנצן.
זיין פנים — צעפלאַמט.
און גרייט איז ער טאַנצן,
די שטימונג — געשפּאַנט.

ער רעדט אָן אַן אויפהער,
דערציילט גאָר אַ סך
פון לעבן אין געטאָ,
אין ניסים — נישט רייך...

און פלוצעם — זיין פנים
צעשמייכלט זיך פריי:
— אַ ליד לאָמיר זינגען
אַלצאיינס, סיי ווי סיי.

ער וואַרט נישט אויף כבוד,
נעמט זינגען אַליין
פון דעם וואָס וועט קומען,
וועט מוזן געשען!

ער זינגט מיט התלהבות —
די הערצער צינדט אָן!
...אַ לידל איך זינג מיר —
אַליין קוועלט ער אָן.

ער פלאַטערט מיט גלויבן,
בטחון און טרייסט —
אין בענקשאַפט נאָך שלום,
פון נויט זיין דערלייזט.

רחל ה. קאָרן

א

איר לעבן — באַשווערט
פון גורל פון ייִד.
איר זעונג פון ערד —
אין פּראָזע, אין ליד.

איר וועג — נע ונד,
פון שנאה געפּלאָגט;
אַ היים ערשט געהאַט,
פון איר שוין פאַריאָגט

פון שונא, וואָס שטראָפט,
וואָס יאָגט אָן אַ סוף.
מיט כוח פון וואָרט
זי קלעטערט אַרויף

צו זעונג פון ליכט,
וואָס שפּרייט ווי אַ נעץ
זיך אויס איבער ערד,
וואָס לעכצט נאָך דעם קץ...

ב

סאיז רחל געבענטשט
מיט מעלות אַ סך:
מיט לשון, מיט סטיל
רעיונות גאָר רייך.

זי פּערלט מיט רייד
וואָס לייגן זיך אויס
אין פשטות, באַשייד
פון וואָרט וואָס איז גרויס

אין פּראָזע, אין ליד,
איר איינציק געווער! —
וואָס יאָגט איר פאָרויס
אַלץ מערער און מער.

ג

איר מאַמע — איר קרוין —
אין צער פאַרוועבט,
פון ליד קוקט אַרויס,
אַ זודיקע טרער.

זי זעט איר אין אַלץ
וואָס גוט איז און שיין,
אַ דימענט וואָס גלאַנצט
מיט מאַמעשן חן.

אַ מאַמע אַליין —
דאָס זאַלץ פון דער ערד,
געפינט זי אַ טרייסט
אין אַלץ וואָס געבערט...

אין חלום פון וואָרט,
„אויף יענער זייט ליד" —
וואָס אָטעמט מיט סוד
אין האַרץ און געמיט

פון לייַנער וואָס גאַפט
און פרייט זיך מיט אַלץ
וואָס רחל נאָר שאַפט,
און איז מיט איר שטאָלץ.

בערטאַ קלינג

דיין הויז איז געבענטשט
מיט מאַמעשן חן,
וואָס קיינער, בלויז דו
פאַרמאָגסט עס אַליין.

יחיאל — דיין מאַן,
אַן עניו, אַ טויב.
די מלכה ביסטו, —
אייך ביידן אַ לויב!

ס'איז אָפן דיין טיר,
דיין טיש תמיד גרייט
פאַר יעדן, אויך מיר —
אַ גאַסט פון דער ווייט.

דיין ליד איז ווי דו:
באַשיידן און עכט.
עס פעלט דיר בלויז רו
אין שלאָפלאָזע נעכט.

ביסט תמיד באַזאָרגט
פאַר דעם וואָס אין נויט
עס פעלט אים אַ דאַך,
נישט זעלטן אויך ברויט...

דיין שטוב איז אַ היים
פאַר זינגער פון ליד,
אַ טרייסט אין געהיים
פאַר דעם וואָס איז מיד

פון לעבן אין נויט,
אין גרויזאַמער וועלט;
זיין תמיד פאַרשעמט,
צו שאַנד אויסגעשטעלט...

אַ מאַמע דו ביסט
צו מענטשן אַ סך,
ס'איז קיינער דערפאַר
צו דיר דאָ נישט גלייך.

דו זוכסט נישט קיין שכר,
פון קיינעם קיין דאַנק.
אַ לויב דיר דערפאַר
אין ליד, מיין געזאַנג

צו דיר, בערטאַ קלינג,
מיין חבר, מיין פריינד;
אַ לויב דיר און דאַנק
פאַר נעכטן און היינט.

מלך ראַוויטש

א

וויפל קרוינען אויף זיין קאָפּ,
וויפל זאָרג פאַר דעם וואָס שאַפט —
וואָלט פאַר יעדן זיין גענוג,
נישט פאַר אים, — וואָס רק ער גאַפט

פון גאָרער וועלט, אַלץ וואָס איז! —
אויך פון זיך אַליין, אין מיט.
אַ מידער מענטש — אַ פּאָעט
און דערצו, אַ שטאָלצער ייד.

תמיד זעסטו אים אין שפּאַן.
קיין מאָל רואיק אויף אַן אָרט;
ווו דו זוכסט אים איז ער דאָ,
אַלע מאָל, אי דאָ, אי דאָרט...

ער איז דאָ אין גרויס פון ליד,
אויך אין פּראָזע איז ער דאָ;
לייענען אים, דו ווערסט נישט מיד.
ווו איז ראַוויטש דען נישטאָ!

זעסט אים איבער גאָרער וועלט.
ווו עס לעבט אַ יידיש וואָרט
חלומט ער זיך אויס אין ליד.
תמיד, דו געפינסט אים דאָרט.

ב

ביי אַ טיש אין קיך —
פאַרחלומט, אַליין
זיצט ראַוויטש און טראַכט
פון אַלץ וואָס איז שיין.

מיר גריסן זיך באַלד
און קוקן זיך אָן;
איך בין דער גאַסט דאָ,
און ראַוויטש — די פאָן.

זיין טיש איז באַדעקט
מיט כתבים אַ צאָל,
ער נישטערט, ער שמעקט,
דער טינטער איז פול.

זיין שטערן זיך קנייטשט
אין פנים פון וואָרט,
וואָס שפּאַרט זיך פון מויל,
וואָס זוכט זיך אַן אָרט

אין ליד, אויף פּאַפּיר
וואָס גלאַנצט פון אַ העפט
מיט ווערטער אין שריפט,
וואָס ווערן באַהעפט

פון האַנט פון פּאָעט,
אין ריטעם און קלאַנג
וואָס זינגט זיך און רעדט
מיט ברען פון געזאַנג.

מיר דוכט, אַז איך בין
אין וועג אים איצט, דאָ;
— מיר וועלן זיך זען
אַן אַנדערש מאָל ווו...

— איילט זיך נישט, זיצט —
דער טאָג איז נאָך גרויס!
מיר כאַפּן אַ שמועס —
די מעשה איז אויס.

יוסף ראָלניק

די שפּראַך פון שווייגן
איז ראָלניקן געגעבן,
שווייגט ער גאַנצע טעג —
כמעט אַ גאַנצן לעבן...

דו זיצסט ביי אים אין שטוב,
דו הערסט פון אים קיין וואָרט,
כאָטש קעגנאיבער דיר
זיצט ראָלניק, דוכט דיר — דאָרט.

ער זיצט אַזוי אַליין
און חלומט אויף דער וואָר
פון דעם וואָס איז געווען, —
זיין יוגנט און זיין דור.

ער זעט זיך ביי דער מיל,
ביים אויפגאַנג פון דער זון,
אַ פויער גייט פאַרביי —
עס קרייעט ווו אַ האָן.

אַ קעצל שוועבט פאַרביי —
זיין חלום ווערט צעשטערט.
ער שענקט איר בלויז אַ בליק
און נעלם באַלד זי ווערט...

אים דוכט — ער הערט אַ קול.
אים דוכט — ער זעט אַ ביק.
ער איז נאָך אַלץ אין דאָרף,
ער ווייסט נאָך אַלץ פון גליק...

אַ וואָגן פול מיט היי
פאָרט לעבן אים פאַרביי.
דעם פויער מיט זיין פערד —
פון ווייטנס גריסט ער זיי.

ער זעט — אַ האָזל שפּרינגט,
אַ פייגעלע וואָס פליט.
ביי אים אין האַרצן זינגט,
אַ טרער אין אויג עס גליט...

דאָס לשון פון דעם דאָרף
אין זיינע אויערן קלינגט.
און ער אַליין — ער שווייגט,
אין לידער בלויז ער זינגט

פון אַלעם וואָס ער זעט,
פון דעם וואָס ער געדענקט,
אין תפילות וואָס ער בעט,
אין גוטסקייט וואָס ער שענקט...

ס'איז פייגל אים געטריי —
זי היט אים ווי אַ קינד.
ער ווייסט עס סיי ווי סיי,
און ריין איז ער פון זינד...

זיין הויז איז אים אַ נעסט
מיט ליבשאַפט איבערפילט,
און קומען צו אים געסט —
ער בענטשט זיי אין זיין ליד.

ער שווייגט בלויז — נישט ער רעדט,
כאָטש זעען זעט ער ווייט...
ער גייט מיט שטילע טריט,
קומט תמיד אָן אין צייט.

אין רעגנדיקע טעג
דערמאָנט ער זיך אין שטאַל.
ער זאָרגט זיך פאַר זיין קו,
ער טראַכט פון דעם אַ מאָל:

דער דאַך איז גוט געדעקט,
נאָר ערגעץ ווו ער רינט...
עס קעלבלט זיך זיין קו,
עס גייט אַרום אַ ווינט.

דאָס קעלבל אויף די הענט,
און שוין — עס איז אין שטוב!
ער צערטלט עס אָן רייד,
ער האָט עס באַלד שוין ליב...

און פלוצעם — זע און הער! —
זיין מוזע קומט צו גאַסט!
ער פרייט זיך מיט זיין ליד
אין לשון וואָס איז פראָסט.

ער זוכט נישט קיין עפעקט,
עס אַרט אים נישט דער גראַם.
זיין ליד איז פונקט ווי ער:
אַ חכם, נישט קיין תּם.

משה שטיינגאַרט

זיין ליד רייפט אין אים ווי ווייַן אין אַ קעלטער.
ער האָט צייט, אים אַרט נישט זיין ווערן עלטער.
גייט ער זיך פּאַמעלעך מיט גאָר שטילע טריט,
באַמיט זיך באַזינען מיט תוכן זיין ליד
וואָס פיבערט מיט נייקייט — ער זוכט נישט קיין גראַם.
אַ מילגרוים וואָס צייטיקט מיט רייפקייט, די ראַם
פון אמתן וואָרט, אין ליכט פון זיין דור,
וואָס ראַנגלט זיך תמיד פאַר אַ נייער וואָר...

ס'איז פרעמד אים דער טומל פון לידער־יאַריד.
עס גייט אים אין לעבן, דערפירן זיין ליד
צו אייגענער שלימות, אין אייגענעם קול,
וואָס זוכט בלויז אַ תיקון אין לויטערן קוואַל
פון אמת, פון שיינקייט ביי אונדז אויף דער ערד,
פון קיינעם באַלעסטיקט, פון קיינעם באַשווערט. —
ער גייט זיך באַזונדער, זיין אייגענעם גאַנג —
צו אייגענעם וווּנדער פון ליד אין געזאַנג.

אינהאַלט

קדיש נאָך מיין ברודער 7

שרייבער און ביכער

דער חלום וואָס איז מקוים געוואָרן (ה. רויזנבלאַט) 13
לייב ניידוס 23
מאַני לייב 33
אַ דיכטער אין טאָגן (ל. אַליצקי) 42
אין סוף פון טעג (א. בערגער) 50
פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני 54
„פון יענער זייט ליד" (רחל ה. קאָרן) 59
„מיין האָב און גאָב" (מ. ז. טקאַטש) 67
האָריזאָנטן (היינטצייטיקע סאָוויעטישע דיכטונג) 75
מיינע מעת־לעתן (לייב וואַסערמאַן) 83
מ. גראָס־צימערמאַן (אינטימער ווידעראַנאַנד) 86
אברהם זאַק (אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט) 93
פאַרגעסענע ניגונים (ש. גאָרעליק) 98
פלאַמען פון דער ערד (ישעיהו שפיגל) 101
שטיגן צום הימל (ישעיהו שפיגל) 103
י. י. שוואַרץ (צו זיין ווערן אַ בן שבעים) 107
„טעזן צו אַ וויכוח" פון מלך ראַוויטש 110
די קעניגין וואָס טראָגט אַ קרוין פון יסורים (ריקודה פאָטאַש) 113
איידעלער קדיש און טרוקן געוויין (מ. אַליצקי) 126
די מגילה פון טרויער (משה שולשטיין) 130

עסייען

אין דעם היכל פון שירה 139
דער סוד פון דיכטונג 140

דיכטער און דיכטונג 140
דיכטונג אין טאָגן 142
אַקט פון יצירה 143
זין פון דויערהאַפטיקע ווערטן 144
חלום און וואָר 145
אַ שעפערישע פערזענלעכקייט 146
הערעדיטעט 147
מענטש 149
אומשטערבלעכקייט 153
שיינקייט פון דער וועלט 154
אַ נאָמען 155
וועגן די וואָס שווייגן 156
די אויגן פון אַ נשמה 160
אויף דער עלטער 160
יאוש 161
בטחון 162
שטיללעבן 163
נעפל 164
איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג 165
דער וועג צו גאָט 165

ליטעראַטור־קריטיק

ליטעראַטיר־קריטיק 171
רעצענזיע און ליטעראַטור־קריטיק 175
מעשה און דערציילונג 177
זאָגער און זינגער 178
די ליטעראַטור האָט אַ זיכרון 179
אין גלות ביי זיך אַליין 180
דער גראַפאָמאַן 181
דער עסייאיסט 182
שרייבער און לייענער 183
דער קלאַסיקער 184
קריטיקער פון ליד 185
לירישע דיכטער 186
דער דערציילער 187
דער רעאַליסט 188
דער ראָמאַנטיקער 189

מענטשן וואָס איך האָב געקענט

יעקב אַסטאָר 193
יצחק האָראָוויץ 199
דער לערער בלאָשטיין 202
ד״ר נ. ס. זאַלצמאַן. 207
ראובן לודוויג 211
ל. מאַטעס 214
מרדכי מילער 217
מ. מ. רזענבאַום 222
חיים שאַפּיראָ 225
שלמה שמולעוויטש 229
חיים באַרקאַן 234
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי 235
יעקב גלאַטשטיין אין 1933 236
אליעזר גרינבערג 237
א. מ. דילאָן 238
דער תכשיט משה לייב 239
ז. וויינפּער 243
יעקב זיפּער 244
א. טאַבאַטשניק 245
מאיר זימל טקאַטש 246
אלף כץ 247
זישע לאַנדוי מיט זיינע טעכטער 249
א. ליעסין 251
א לעיעלעס 253
מאַני לייב 254
איציק מאַנגער 255
נ. ב. מינקאָוו 258
אַלטער עסעלין 259
שמערקע קאַטשערגינסקי 260
רחל ה. קאָרן 261
בערטאַ קלינג 262
מלך ראַוויטש 263
יוסף ראָלניק 264
משה שטיינגאַרט 266

דעם מחברס שאַפונגען ביז הײַנט:

לידער:

פון דער פרעמד — 1929
וואַגבונדיאַדע — 1935
לידער פון אַ וואַגאַבונד — 1940
צווישן טאָג און נאַכט — 1949
דריי פרויען־פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן — 1952

עסייען:

אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — 1941
געהיימשטאָט — 1952
יאָ און נישט—ניין — 1953
אונטער איין דאַך — 1956
אינאיינעם און באַזונדער — 1960
פון אייגן הויז — 1963
אין פּרדס פון יידיש — 1965
פרייד פון יצירה — 1968